STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04054

# DAYNE GESLEKH-- YERUSHOLAYIM

Yossel Birstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָסל בירשטיין / דייַנע געסלעך — ירושלים

יאָסל בירשטיין

# דײַנע געסלעך - ירושלים

## קלײנע מעשיות



פֿאַרלאַג:
ספרי סימן קריאה — הוצאת הקיבוץ המאוחד
תל-אביב

YOSSEL BIRSTEIN

# A SPELL OF SILENCE

ספרי סימן קריאה
רעדאַקטאָר: מנחם פרי
אילוסטראַציעס: נורית ענבר-שני

©
אַלע רעכט געהערן צום מחבר

י. בירשטיין
רחוב הפלמ״ח 15א, ירושלים 92542, ישראל
טל׳ 664903(02), 585055(02)

Y. Birstein
15 Hapalmach Street, Jerusalem 92542, Israel
Tel. (02) 664-903, (02) 585-055

געדרוקט אין ישראל, תשמ״ט
דרוקעריי: צור-אות, ירושלים
Printed in Israel 1989

פֿאַר אַדרי און יאָסל בערגנער —

מיט ליבע

**מײַן דאַנק פֿאַר העלפֿן אַרויסגעבן דאָס בוך:**

קרן תל-אביב לספֿרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ

דער פֿאַראייניקטער לאַנדסלײַט קאָמיטעט פֿון: ביאַלע פּאָדלאַסקע, יאַנעווע, קאָנסטאַנטין אין ניו-יאָרק

פֿרײַנד אין ניו-יאָרק:

אסתר און וועלוול עדעלמאַן
גוטאַ און מאָריס פּיסקעל
בערניס און דזשאָרדזש פּיסקעל
פּאָלאַ און לואיס האָפֿמאַן
משה שנײַדמאַן
אברהם פֿעלדמאַן
איטע טאוב

פֿרײַנד אין מאָנטרעאָל:

עטל אַכטמאַן
רחל און פֿיליפּ פּרעסמאַן
רחל אייזענבערג-ראַוויטש

# אינהאַלט


| | | |
|---|---|---|
| א. | **גאַסן** | 9 |
| | אַ טראָפּן שטילקייט | 11 |
| | זיצנדיק אויף אַ שטיין | 13 |
| | ליכט און שאָטן | 15 |
| | ערב פסח | 17 |
| | אַ העמדל צום פֿאַרקויפֿן | 19 |
| | אַ יום-טוב אין דער וואָכן | 21 |
| | יידן טאַנצן אין די גאַסן | 23 |
| | ווי אַזוי ווערט אַ מעשה | 25 |
| | אַ שפּאַציר | 28 |
| ב. | **אויטאָבוסן** | 31 |
| | אָפּגעצאָלט דעם חוב | 33 |
| | ווו ביסטו שלמהלע? | 35 |
| | נישט בחינם | 37 |
| | אַן אינטימע פֿראַגע | 40 |
| | נאָר נישט קיין רחמנות | 42 |
| | ממש אַן אָרקעסטער | 45 |
| | זיבן טעכטער | 47 |
| | וועגן וואָס איז דאָ צו שרײַבן? | 50 |
| ג. | **סטאַנציעס** | 53 |
| | רעדן צו דער וואַנט | 55 |
| | אַ פּרימאַדאָנע | 57 |
| | אַ שדכן | 59 |
| | אַ גלאָז טיי אין באר-שבע | 61 |
| | אַמסעלאַם | 64 |
| | אויפֿן ריכטיקן וועג | 66 |
| | אַ בעטלערין בײַ נאַכט | 68 |

| | | |
|---|---|---|
| ד. | **מאַרקוס און ראָזאַ** | 71 |
| | מען מעג שוין וויינען | 73 |
| | נאָר צוזאַמען | 75 |
| | בן גוריון׳ס אַ לאַנדסמאַן | 77 |
| | אין טאָג פון דער חתונה | 80 |
| | וואָס איז אמת? | 82 |
| ה. | **שכנים** | 87 |
| | זיך אויסגעלערנט העברעיש | 89 |
| | אַ בריוו קיין רומעניע | 91 |
| | שכנים אויפן דאַך | 93 |
| | לאַנדשאַפט | 95 |
| | ליבע צו געלט | 97 |
| | ווער איז ביאַליק? | 99 |
| | וויינט דער ווינט אין פענצטער | 102 |
| | די אַקטריסע | 104 |
| ו. | **אויסטראַליע** | 107 |
| | פראַנצייזישע ליטעראַטור | 109 |
| | מע שפילט טעאַטער | 111 |
| | אַ יידישער אַקטיאָר | 113 |
| | אַ נייַער אָנהייב | 115 |
| | די גרייס פון מייַן טאַלאַנט | 117 |
| | צוויי פרייַנד | 119 |
| | אויסרעדן אַ וואָרט | 121 |
| | אַ גנב | 124 |
| ז. | **דייַנע געסלעך ירושלים** | 127 |
| | פלוימען פון אייגענעם גאָרטן | 129 |
| | דער פולער שמייכל | 131 |
| | דער מענטש וואָס לאַכט נישט | 133 |
| | אין קופת־חולים | 136 |
| | נאַכטוועכטער וואַרעמען זיך אין דער זון | 139 |
| | אַ הלוואה ביז משיח וועט קומען | 142 |
| | דאָס נאַרישע פיקסל | 144 |

יידעלער פּריש פֿון די אייעלער 147
שטיל לעבן 150
מ׳שלאָגט כּפּרות 152
דער פֿאָטאָגראַפֿיסט 154
דאָס מיידל און דער ישיבה-בחור 156

**ח. באַגעגענישן** 159

די נײַע דירה 161
אַ טובה 163
גלות אין ישראל 165
דער טײַך אַרום ירושלים 168
ווער איז אַ ״נאָבאָדי״? 171
נאָר נישט אײַלן זיך 174
געדולד 176
דאַרווין איז נישט גערעכט 178
אַ נײַע לאַטע 180
די מלכה איז נאַקעט 182

**ט. געלט ענינים** 185

דאָס לעצטע וואָרט 187
דער נדבן 189
עליות און ירידות 191
האָפֿנונג 193
דאָס אייביקע לעבן 195
אַמביציע 197
אַ שיינע האַנטשריפֿט 199
דער טעות אין חשבון 201
גאָלד 203

**י. וועגן זיך אַליין** 205

אורוגוויי 207
צרות בײַם שרײַבן 209
אַלטמאָדיש 212

**יא. ביאַלע-פּאָדלאַסקע** 215

מזל-טוב יידן 217

| | |
|---|---|
| דער פּאָמעראַנץ | 219 |
| דער שוואַרצער ים | 221 |
| פֿענצטער | 223 |
| דער גאָרטן | 225 |
| פֿײַער אין שניי | 227 |
| דרײַ זעקלעך קאַרטאָפֿל | 229 |
| בערעק יאָסעלעוויטש | 231 |
| אַ דאָקטער | 233 |
| דער אַמסטערדאַמער פֿילאָסאָף | 235 |
| אַ פּנים אָן אַ נאָז | 238 |
| די רשימה | 240 |
| ווי אַ טשאַטע פֿייגל | 243 |
| פֿאַנטאַזיע | 246 |
| **יב. מײַן חבר יאָסל בערגנער** | 249 |
| אויפֿן ים | 251 |
| דער וואַנדערשטאָק | 253 |
| זיך נישט אַרײַנמישן | 255 |
| דער זעלבער נאָמען | 257 |
| אַ היטל אין ווינט | 259 |
| **יג. דײַנע פֿעלדער ישראל** | 261 |
| דער צייכן | 263 |
| אַ ריכטיקע שאלה | 265 |
| נאָר נישט קיין שלעסער | 267 |
| פֿליגן | 269 |
| אַ רײַזע איבער אייראָפּע | 271 |
| אויפֿן וועג צו די קי-שטאַלן | 273 |
| נישט מאַרקסיזם | 275 |
| שטילע שעהען | 277 |
| אַ גלעקל אין דער היץ | 280 |
| דאָס אויפֿגעלאָפֿענע אויג | 282 |
| די פֿרייד אויף די פֿעלדער | 284 |

## א. גאַסן

אַ טראָפּן שטילקייט
זיצנדיק אויפֿן שטיין
ליכט און שאָטן
ערב פּסח
אַ העמדל צום פֿאַרקויפֿן
אַ יום-טוב אין דער וואָכן
יידן טאַנצן אין די גאַסן
ווי אַזוי ווערט אַ מעשה
אַ שפּאַציר

# אַ טראָפּן שטילקייט

מיט צוויי קיישלער בין איך געפֿאָרן אין מחנה יהודה, דעם גרויסן מאַרק אין ירושלים, אײַנקויפֿן עפּעס אין שטוב אַרײַן. אָנגעקומען בין איך אַהין פֿון דער צווייטער זײַט, נישט אויף דער גאַס יפֿו, און דאָרטן איז דער אַרײַנגאַנג געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. הייס איז געווען, צווישן צוויי און דרײַ נאָך מיטיק, האָב איך זיך אַרײַנגעשטעלט אונטערוואַרטן אין שאָטן פֿון אַן עלעקטרישן סלופּ. מען וועט זיך צעגיין אַ ביסל וועל איך אַרײַן אין מאַרק.

איז אָנגעפֿאָרן אַ לאַסטוואָגן און זיך פֿאַרנומען אין מאַרק אַרײַן. האָב איך אַ הייב געטאָן אַן אַקסל פֿאַר זיך אַליין: איך האָב זיך נישט געקענט אַרײַנשטופּן און ער, דער לאַסטוואָגן, יאָ. ווי אַזוי? אַזאַ גרויסע מאַשין, געל און ברייט.

דער שאָפֿער, אין דער הייך, אין זײַן קאַבינע, האָט געטאָן אַ פֿײַף און אַ פֿאָר, אַ פֿײַף און אַ פֿאָר און די מענטשן האָבן זיך צעשטופּט אין די זײַטן, זיך געדריקט צו די ווענטלעך פֿון אויטאָ. געמאַכט אַ וועג. פֿונעם אָרט ווו איך בין געשטאַנען, אין שאָטן פֿון עלעקטרישן סלופּ, האָט עס אויסגעזען ווי די מאַסע וואָלט געעפֿנט אַ גרויס מויל און געשלונגען דעם וואָגן.

אַ מאָל האָב איך שוין געהאַט געזען אַזאַ בילד.

אַ פֿאַסטעך פֿון שעפּסן, בין איך געשטאַנען מיט דער סטאַדע אין אַ ווינקל פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן פֿעלד, אין טאָל פֿון יזרעאל, און דאָרטן צווישן די דערנער געזען אַ שוואַרצע שלאַנג שלינגען אַ ווייסן האָז. און אַרום און אַרום איז געווען שטיל. קיין זאַך האָט זיך נישט גערירט. אַ לענגלעך אונטערגעבראָכן בלעטל, אויף אַ הויכן, דינעם סורגום-שטאַנג, האָט געטאָן אַ ציטער. אַן אויער פֿון מײַן אייזל — עפּעס ענלעכס. און זייער שטיל אַרום און אַרום.

ווען דער ברייטער לאַסטוואָגן איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און די מענטשן האָבן ווידער פֿאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג, האָט זיך דערהערט אַ דינער קלאַנג פֿון אַ גלעקל. אין זכרון בין איך נאָך אַלץ געווען אויפֿן פֿאַר-

וואָרפֿענעם פֿעלד, האָב איך געמיינט אַז איך הער אין געדאַנק דעם קלאַנג פֿונעם גלאָק אויפֿן האַלדז פֿון די לאָם וואָס גייט פֿאָרויס און ציט נאָך זיך די גאַנצע סטאַדע.

אָבער ניין.

אַ בלינדער זקן, אין זײַן האַנט אַ שטעקן, איז מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען און אויף זײַנע פֿיס, אונטער די קני — גלעקלעך. אויך ער האָט זיך פֿאַרנומען אַרײַנצוגיין אין מאַרק אַרײַן.

מילא — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין — מילא.

די מאַסע האָט פֿאַרשלונגען דעם וואָגן. די שלאַנג האָט פֿאַרשלונגען דעם האָז, אָבער דער בלינדער — ווי אַזוי וועט ער אַרײַן אין מאַרק?

לעבן ערשטן געשטעל האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און געגלעט אַ באַנאַנע פֿון דעם צווײַג באַנאַנעס וואָס איז דאָרטן געהאַנגען. נאָך עטלעכע טריט האָט ער געטאַפּט אוגערקעס צעשפּרייטע אין אַ פֿלאַכן קאַסטן. בין איך אַרויס פֿון שאָטן און זיך געלאָזן גיין נאָכן בלינדן זקן, זען ווי אַזוי ער געפֿינט זײַן וועג אין מאַרק אַרײַן, לויט די פּרוכטן פֿון סעזאָן.

כ׳האָב געזען ווי ער האָט געפֿירט די שפּיצן פֿון זײַנע פֿינגער איבער אַ פּיראַמידע פּאָמעראַנצן און נאָך דעם איז ער מיר פֿאַרשווונדן געוואָרן.

עטלעכע סעקונדעס האָט זיך נאָך געהערט דער קלאַנג פֿון גלאָק וואָס האָט איבערגעלאָזט אין מיר, דאָ אין דער ענגשאַפֿט, אין דעם גרויסן טומל, אַ טראָפּן שטילקייט.

## זיצנדיק אויף אַ שטיין

אין נצרת-עלית, אַ שטעטל אין גליל, ווו איך האָב געוווינט אַ לענגערע צײַט, האָט אין דער זעלבער שכונה געלעבט אַן אַלטער מענטש מיט אַ געבויגענעם רוקן, וואָס זײַן שטייגער איז געווען צו זיצן ס׳רוב שעהען פֿון טאָג אויף אַ שטיין אין גאַס און עסן פּאָמעראַנצן. צו מאָל פֿלעגט זיך צוזעצן אויף אַ צווייטן שטיין לעבן אים אַ ווײַסע קאַץ און אויך זי האָט געבויגן איר רוקן אַזוי ווי בײַם אַלטן.

איין מאָל, ווען די קאַץ איז נישט געווען, האָב איך זיך דאָרטן צוגעזעצט לעבן אים אויף עטלעכע מינוט. ס׳איז געווען אויף וואָס צו קוקן; אַ לאַנגער בנין מיט פֿאַרשידענע קלייטן. אַ באַנק. אַ וואַנט מיט אַפֿישן. פֿאַרבײַ-פֿאָרערס, קונים, אַ מיידל מיט אַ הונט. דער זקן האָט מיט מיר נישט גערעדט. אַפֿילו ער וואָלט עס געטאָן וואָלט איך נישט פֿאַרשטאַנען זײַן לשון.

ער האָט אַרויסגעצויגן אַ בילד פֿון קעשענע, איך זאָל אַ קוק טאָן. ער אַליין טאַקע, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער-מאַן. איצט איז שוין אַלץ אויף אים געווען זייער צעקנייטשט. די הויט ברוינלעך ווי זאַמד. זײַן פּנים — קיין הערעלע נישט צו געפֿונען. ווען ער איז געווען יונג, אויפֿן בילד — אַ באָרד. וואָנצעס. אַ טשופּרינע. אַ געלער. איך האָב אים צוריק געגעבן די פֿאָטאָגראַפֿיע און אויף שטום-לשון צוגעזאָגט נאָך אַ מאָל בײַ אַ געלעגנהייט זיך צוזעצן לעבן אים אויף אַ ווײַלע.

ווען די געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט איז ער שוין מער נישט געווען דאָרט. אויך די קאַץ איז ווו פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

קעגן איבער די צווי שטיינער, אויף דער צווייטער זײַט פֿון גאַס — אַ לוויה. אין לאַנגן קאָרידאָר פֿון פּילשטאָקיקן בנין געבויט אויף זײַלן, האָבן זיך מענטשן געטומלט. דעם אָרון האָט מען אַנידערגעשטעלט אויפֿן דיל און אים פֿאַרדעקט מיט אַ באַבלימטן טעפּעך. אויפֿן טעפּעך — אַ פֿאַר-גרעסערט בילד פֿון דעם נפֿטר: אַ באָרד. וואָנצעס. אַ טשופּרינע. אַ געלער. אַ קלאָגערין אין שוואַרצע קליידער האָט אַ נעם געטאָן דאָס בילד אין דער האַנט, צו לויבן דעם פֿאַרשטאָרבענעם און באַוויינען זײַן טויט. צו ערשט האָט זי אים פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די מיידלעך און ווײַבער וואָס זענען געזעסן

אויסגעזעצט אַרום דעם אָרון אין דער צורה פֿון אַ ח׳ און נאָך דעם האָט זי אים פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די ברייטביינִיקע מענער, נידעריקע, פּולבײַכיקע, אין היטלען רונדיק און פֿלאַך, וואָס זענען געשטאַנען אין דער עפֿענונג פֿון דעם ח׳.

הינטער זיי, אינעם צווייטן עק פֿון קאָרידאָר, האָט זיך אָנגעזען אַ שטיק הימל מיט אַ וועלדל אויפֿן רוקן פֿון אַ באַרג. אויך די מענער זענען געווען אַ געדיכט וועלדל, שטיל און טונקל, בעת די קלאָגערין האָט אויסדערציילט פֿאַר זיי די גוטע מעשים פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם.

איך אַליין האָב געדענקט ווי אַזוי דער זקן פֿלעגט אויסלייגן די שאָלעכצער פֿון די פּאָמעראַנצן אין אַ רעדל אַרום דעם שטיין אויף וועלכן ער פֿלעגט זיצן. פֿון דער ווײַטנס האָט דאָס שאָלעכץ אויסגעזען ווי אַ קראַנץ בלומען. אַ מאָל — ווי אַ קרוין אַרום זײַנע פֿיס.

„ווען וועט זיך אָנהויבן די לוויה?״ האָב איך געפֿרעגט.

מען האָט געוואַרט אויף דער הויפּטקלאָגערין אין לאַנד. און ווען די טאַקסי איז אָנגעפֿאָרן און זי איז אַרויס אַן אײַנגעבויגענע פֿון דער נידעריקער טיר, איז זי געוואָרן, ווען זי האָט זיך אויסגעגלײַכט, מיט צעשפּרייטע הענט, אַ שוואַרצער פֿויגל, וואָס אַ ציטער גייט דורך זײַנע צעשפּרייטע פֿליגל. זי האָט אײַנגעהאַלטן איר אָטעם און ערשט ווען דאָס שיינע בילד פֿון פֿאַרשטאָרבענעם איז געווען אין איר האַנט האָט זי אויפֿגעהויבן איר קול און די גאַס האָט געוויינט.

פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט מיר אויסקומען פֿאַרבײַגיין דעם פּלאַץ פֿון די צוויי שטיינער און צו מאָל פֿלעגט דאָרט זיצן אויף אַ שטיין די ווײַסע קאַץ און איר רוקן געבויגן אַזוי ווי בײַם זקן.

# ליכט און שאָטן

ס׳איז געווען גאַנץ נאַטירלעך כ׳זאָל פֿאַרבײַגייענדיק פֿאַרהאַלטן מײַן בליק אויף די צוויי ווײַבער וואָס האָבן גערעדט צווישן זיך יידיש. זיי זענען געזעסן אויפֿן גרינעם בענקל אונטער אַ דעכל פֿון אַזבעסט און אויסגעזען האָט עס, אין דעם שמעלערן טייל פֿון געסל, צו שמאָל פֿאַר אַן אויטאָ אַרײַנצופֿאָרן, אַז זיי האָבן פֿאַרט געוואַרט אויף אַן אויטאָבוס פֿון אגד.

זיי האָבן גערעדט וועגן כלות.

״שיין ווי אַ שפּאַנישע טענצערין״, האָט איינע געזאָגט.

ס׳איז געווען דאָרט פּלאַץ אויפֿן בענקל, האָב איך זיך צוגעזעצט אונטער-הערן. כ׳בין טאַקע געווען מיד אויך. זיך אַרומגעדרייט אפֿשר צוויי שעה אין דער אַלטער שכונה נחלאות, וווּ איטלעכער הויף האָט אויסגעזען ווי אַ קליין שטעטל פֿאַר זיך. קרומע דעכער. אַ וואַנט פֿון בלער. נידעריקע פֿענצטער. אַ ליכטיקער הימל. אַ שיינער טאָג. אויך די נעמען פֿון די גאַסן — שיינע נעמען. שיריזלי. גריזים. סוכת-שלום. און דאָס געסל מיט די צוויי פֿרויען אויפֿן בענקל האָט זיך גערופֿן: גיב אויגן דער גערעכטיקייט — עיניים למשפּט. איין זײַט גאַס איז געלעגן אין זון. די צווייטע — אין שאָטן. אינמיטן, אויף דער גרענעץ, איז זיך געלעגן אַ געלע קאַץ.

״אַזוי ווי אַ שוועדישע פּרינצעסין״, האָט די צווייטע זיך אָנגערופֿן וועגן אַ צווייטער כלה.

ביידע ווײַבער אויפֿן בענקל זענען געווען אײַנגעהילט אין ווינטער-בגדים. מאַנטלען. טיכער. שאַלן. דער פֿרילינג איז שוין טאַקע געקומען, אָבער צו זומער איז נאָך געווען ווײַט אַוועק. גייענדיק האָט מען זיך דערוואַרעמט. זיצנדיק איז געוואָרן קאַלט.

די צווייטע פֿרוי האָט זיך דערמאָנט אין נאָך אַ כלה און זי האָט אָנגע-צייכנט איר שיינקייט מיט אַ פֿינגער אין דער לופֿט: שלאַנק. הויך. אויגן ווי בײַ אַ הירשין. זי אַליין האָט אויסגעזען זייער אַלט. אויף אירע צע-קנייטשטע באַקן האָט זיך אָנגעזען אַ חן-גריבל פֿון אַ מאָל. עטלעכע שטייפֿע אומהאָר זענען פֿון דאָרטן אַרויסגעוואַקסן. די אַנדערע פֿרוי האָט זיך אײַנגעבויגן און אויסגעגלײַכט אירע זאָקן אויף די פֿיס.

„און וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן מײַן טאָכטער די כלה?‟ האָט זי געפֿרעגט. זי האָט געצויגן די זאָקן אַרויפֿצו, אָבער זיי האָבן זיך דערצויגן בלויז ביז אונטער אירע קני. העכער איז נישט געגאַנגען. נישט ווײַל די זאָקן זענען נישט געווען לענגער, נאָר אירע פֿאַלקעס איבער די קני האָבן זיך מיט אַ מאָל אַ צעשפּרייט געטאָן אין דער ברייט.

„ביסט דאָך געווען אויף איר חתונה‟, האָט זי צוגעגעבן און אויפֿגעהערט ציען די זאָקן.

די פֿרוי מיטן חן-גריבל האָט זיך נישט אָנגערופֿן, האָט די מאַמע פֿון דער כלה אַליין אָפּגעשילדערט איר טאָכטער.

„זיך צו שפּיגלען אין איר שיינקייט‟.

און דער זיסער שמייכל אויף אירע ליפּן — ווי זי וואָלט אָנגערירט אַ חלום. אויך די גאַס האָט זיך מיט אַ מאָל אַ ריר געטאָן. דער שאָטן איז אַריבער די גרענעץ און פֿאַרטונקלט די געלע קאַץ. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן, זיך אויסגעשטרעקט, געגעבן אַ שטילן גענעץ און אַוועק מיט נאָך שטילערע טריט. האָב איך זיך אויך גרייט געמאַכט אַוועק צו גיין, איידער איך האָב זיך אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל האָט די מאַמע אויסגעמאָלט מיט אַ פֿינגער אין דער לופֿט די שיינקייט פֿון איר טאָכטער: אַ פֿולער גוף, אַ קײַלאַכדיק פּנים. און ווי זי וואָלט אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט איר גאָמבע, האָט זי צוגעגעבן:

„אַ גוידערל, אַ גוידערל‟.

# ערב-פּסח

אין מקור ברוך, דאָרט ווי די נביאים האָבן פֿאַרכאַפּט כמעט אַלע גאַסן, האָב איך אַרומגעזוכט די גאַס אויף שלמה המלכס נאָמען.

״איז ער אויך צווישן די נביאים?״, האָט צוריקגעפֿרעגט אויף מײַן פֿראַגע אַ ברייטע יידענע מיט אַ רויט שייטל.

צופֿרידן וואָס איך האָב גערעדט מיט איר יידיש, האָט זי געבעטן איך זאָל אויפֿהייבן דעם ברייטן סאַמאָוואַר און אים אונטערטראָגן ביז צום ״שבת-פּלעצל״ — דאָרטן האָט מען געשײַערט כלים אויף פּסח. איידער איך וועל געפֿונען די גאַס, האָט זי געטראַכט, וואָלט שוין בעסער געווען איך זאָל אַרײַנכאַפּן אַ מיצווהלע אויף יום-טוב. איר איידעם למשל, האָט זי געזאָגט, יאָגט זיך טאָג און נאַכט נאָך מיצוות.

״ער איז פֿול מיט זיי״, האָט זי צוגעגעבן און ס׳וואָלט טאַקע כדאי געווען איך זאָל זיך מיט אים באַגעגענען.

ווען איך האָב אויפֿגעהויבן דעם סאַמאָוואַר האָט זי געוואָלט איך זאָל איר אויך דערציילן עפּעס וועגן זיך אַליין. אָבער איך האָב נישט געקאָנט טאָן ביידע זאַכן מיט איין מאָל. טראָגן און רעדן. סײַ ווי וואָלט זי נישט געהערט קיין וואָרט, ווײַל ס׳האָט גערוישט און גערודערט פֿון אַלע זײַטן. איך האָב אויך באַדאַרפֿט אַכט געבן נישט אַרויפֿצוטרעטן אויף וועמען און קיינער זאָל נישט אַרויפֿטרעטן אויף מיר.

די זקנה איז טאַקע גערעכט געווען. ס׳האָט אויסגעזען ווי דער גאַנצער דרויסן וואָלט זיך געיאָגט נאָך מיצוות. אויך די וועלכע זענען געשטאַנען אויף איין אָרט זענען עוסק געווען אין תורה. ווײַל אַט האָב איך פֿאַר-בײַגייענדיק זיך אונטערגעהערט ווי צוויי יידן, יוסטע בעל-הבתים, בויך צו בויך, האָבן זיך געאַמפּערט וועגן עפּעס אַ סוגיה. ווען נישט דער ברייטער סאַמאָוואַר אויף מײַן אַקסל, וואָלט איך זיי פֿאַרבײַ אונטער די בײַכער, אַזוי שפּיציק זענען זיי געווען און אַזוי ברייט דער דורכגאַנג.

איך האָב אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײַט צוליב אַ וואָגן באַלאָדן מיט פּעקלעך מצות וואָס האָט זיך געקאָלערט באַרג-אַראָפּ. דרײַ ישיבה-בחורים האָבן

זיך געיאָגט נאָך אים און פּאָר מײַנע אויגן האָט געפּלאַטערט מיט גאַרטלען, מיט פּיאות און מיט ציצית.

איך האָב אויפֿגעכאַפּט קולות פֿון אַ חדר. יינגלער האָבן געלערנט שיר-השירים מיטן אַלטן ניגון. מיטן זעלבן ניגון האָב איך אין מײַנע אייגענע קינדער-יאָרן געלערנט אין חדר שיר השירים. האָב איך טראַגנדיק דעם סאַמאָוואַר זיך אונטערגעברומט: שיר — איין געזאַנג האָט געזונגען אַ צדיק, אַ צווייט געזאַנג האָט געזונגען אַ חכם, אַ דריט געזאַנג האָט געזונגען אַ נביא, אָבער דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ צדיק בן צדיק, אַ חכם בן חכם, אַ נביא בן נביא — שלמה המלך.

דאָס האָט מיך דערמאָנט אַז איך האָב נאָך אַלץ נישט געפֿונען די גאַס אויף זײַן נאָמען. אָבער דערווײַל זענען מיר שוין געהאַט אָנגעקומען אויפֿן שבת-פּלעצל, האָב איך אַראָפּגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפֿן באַריער קעגן איבער דער באַנק לאומי, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און דערציילט דער יידענע אין שייטל עפּעס וועגן זיך. איך האָב אָנגעוויזן אויף די אַנדערע דרײַ בענק אויפֿן פּלעצל, און איר געזאָגט אַז אַמאָל בין איך אויך געווען אַ פּקיד אין אַ באַנק און איך האָב צוגערעדט קליענטן זיי זאָלן האַנדלען מיט אַקציעס אויף דער בערזע אין תל-אביב.

„אויך מיט דאָלאַרן?“, האָט זי געפֿרעגט און באַשלאָסן אַז אויב אַזוי, וועט שוין זיכער כדאי זײַן איך זאָל זיך באַגעגענען מיט איר איידעם.

זאָל איך אָפּלאָזן שלמה המלכן מיט זײַן גאַס, ווײַל מײַן זוכן, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, איז זיכער אַ ברכה לבטלה. זײַן טאַטע, דוד המלך, אַ ליבטיקן גן-עדן אויף אים, האָט שוין זוכה געווען צו עפּעס אַ גאַס אין ירושלים, אָבער ער אַליין, האָט זי געזאָגט, נאָך נישט. דערפֿאַר וועט גלײַכער זײַן אַז מיר זאָלן באַלד נאָכן אָפּשטעלן דער סאַמאָוואַר, זיך לאָזן גיין צו איר גראָטענעם איידעם, ווײַל ער איז פֿול מיטביידע צוזאַמען, האָט זי צוגעגעבן:

„סײַ מיט מיצוות און סײַ מיט דאָלאַרן“.

# אַ העמדל צו פּאַרקויפן

כ'האָב זיך פּאַרקוקט אויף דער קליינער פרוי אין מחנה-יהודה, בעת זי האָט אויסגעשטרעקט דאָס באַבלימטע העמדל צום פּאַרקויפן. זי האָט מיר געוויזן אַלע פינגער פון איר האַנט, האָב איך אָפּגעענטפערט מיט צוויי ווייניקער און אַוועק ווײַטער. אָבער זי האָט מיך אָנגעיאָגט אינעם משופּע-דיקן געסל 'אשכול', ווו מען האַנדלט מיט אַלטע זאַכן, און ווען איך האָב זיך אײַנגעבויגן באַקוקן אַ באַזילבערט טשײַניקל, וואָס האָט זיך פּאַרוואַל-גערט צווישן אײַזנוואַרג, האָט זי מיך אַ ציפּ געטאָן פון הינטן בײַם אַרבל.

„איך בין דאָך אַ יידיש קינד", האָט זי אויסגערופן אויף מײַן פראַגע צי זי רעדט יידיש, און אַרײַנגעשטופּט אין מײַנע הענט דעם אָפּגענוצטן בגד פון איר מאַן עליו השלום, אַ גן-עדן אויף אים. אויף דער וועלט איז ער געווען אַ רימער און ער האָט זיך ליב געהאַט צו פּוצן. פריצים אין רומעניע פלעגן באַשטעלן בײַ אים געשפּאַן צו סטרויען זייערע פערד. ווען דאָס פּאַך וואָלט געגאַנגען אויך דאָ אין ירושלים וואָלט אפשר זײַן האַרץ נישט געפּלאַצט. נישט איין מאָל האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך אַ פערדל אין רומעניע.

זי האָט מיך אַ צי געטאָן אין אַ זײַט דורכצולאָזן אַ טרעגער וואָס האָט געשטופּט אַ וואָגן מיט קעסטלעך, און ווײַטער דערציילט אַז נאָכן טויט פון איר מאַן איז געוואָרן ליידיק אין שטוב. אין די אָוונטן האָט זי זיך געלאָזן פאַרבעטן צו דער שכנה כדי נישט צו בלײַבן אין שטוב בלויז מיט זיך אַליין. די שכנה האָט איר טאָקע געגעבן אַ קלוגן אײַנפאַל: „קויפט זיך אַ טעלעוויזיע, מאַדאַם", האָט זי איר געזאָגט, „וועט איר האָבן מענטשעלעך אין דער היים". אָבער ווי זאָל זי נעמען געלט אויף אַזאַ איידעלער זאַך? אָפּשפּאָרן פון ביטוח-לאומי וואָס די מדינה צאָלט איר אויס איטלעכן חודש? איז דאָך שוין גלײַכער צו וואַרטן אויף משיחן.

איז זי אַוועק צו דער יידישער אַגענץ. סוכנות. אַ דירה האָבן זיי געגעבן, האָט זי דאָרטן געטענהט, זאָלן זיי געבן אויך אַ טעלעוויזיע. די אָנגעשטעלטע דאָרטן האָבן זיך באַצויגן צו איר זייער פײַן. אויסגעהערט אירע טענות און אָפּגעשיקט צו אַ צווייטן. איז זי געגאַנגען פון צימער צו צימער און

פֿאַר יעדן איינעם אויסגעלייגט איר דלות. איין פֿריַילין, אויסגעפּוצט ווי אַ רומענישע אַקטריסע, האָט איר געהייסן גיין אַ היים און פֿאַרט אָנהויבן צו שפּאָרן. אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה און אַז זי וועט אָנקלײַבן אַ העלפֿט, וועט די סוכנות דערלייגן די צווייטע העלפֿט. האָט זי גענומען איר מאַנס אַ בגד און זיך געשטעלט אויפֿן מאַרק. אַז איך וועל אָנטאָן דאָס באַבלימטע העמד, האָט די קליינע פֿרוי מיר געזאָגט, וועט עס די שטאָט באַמערקן. אויך איר מאַן האָט מען נאָכגעקוקט. אַ שכנה האָט געוואָרפֿן אויף אים אַן אויג איז עס שיעור נישט דערגאַנגען צו סקאַנדאַלן.

די קליינע פֿרוי האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פֿינגער פֿון פּריַיז, איך האָב צוגעשטעלט איינעם און זי איז פֿאַרשווּונדן געוואָרן צווישן די געשטעלן. איך האָב איַינגעוויקלט דאָס העמד און אויפֿגעהויבן דאָס באַזילבערטע טשיַיניקל מיטן שמאָלן פּיסקל. אויך די קליינע פֿרוי האָט ביַים איבערציילן די מטבעות וואָס איך האָב איר אויסגעצאָלט, אָנגעשטעלט אַזעלכע שמאָלע ליפּן. זי האָט מיר נאָך דעם געזאָגט אַז עס איז נישט איר ערשטער טאָג אויפֿן מאַרק. זי האָט שוין פֿאַרקויפֿט איר מאַנס אַ פּאָר שטיוול, זיַין טלית און תפֿילין וואָס מען האָט אים געשענקט ווען מען איז אָנגעקומען אויפֿן בן-גוריון פֿלי-פּלאַץ אין לוד, אַ געשפּאַן צו פֿערד-און-וואָגן און אויך זיַינע ברילן. שוין צוויי חדשים ווי זי קומט אַהער אין מאַרק אַריַין און זי האָט זיך שוין טאַקע דאָ אויסגעלערנט רעדן אַ וואָרט העברעיש. זי האָט מיך טאַקע נאָכגערופֿן אויף דעם לשון איך זאָל זיך אומקערן און נעמען דאָס באַבלימטע העמדל. ווי קומט עס טאַקע אַז איך האָב נישט געהערט איר רופֿן און נישט אַ קוק געטאָן אויף צוריק. אַז דער קונה גייט אַוועק, האָט זי מיר דערקלערט, און מען וויל ער זאָל עס קויפֿן, זאָל זיַין פֿאַר זיַין פּריַיז, שריַיט מען אים נאָך:

„גברת! גברת! קח!"

# אַ יום-טוב אין דער וואָכן

מיר האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אַריבערגייענדיק די הערצעל-אַלייען. האַלב-וועגס, אויפֿן אינדזל, איבערוואַרטנדיק דאָס רויטע ליכט, האָט ער מיר דערציילט די געשיכטע פֿון זײַן לעבן. געווען אַ באַאַמטער, אַרויס אויף פּענסיע, זיך אויסגעזוכט אַ טועכץ: קוקן ווו מען פֿאָרט.

זאָל איך אויך אַ קוק טאָן, אויב איך שטיי שוין לעבן אים און וואַרט ס׳זאָל ווערן גרין, אויפֿן יונגן פֿאַרפֿאַלק אין דעם אָפֿענעם ספּאָרטקאַר, און זען ווי זייערע לאַנגע האָר בלאָזן זיך אין ווינט, בלאָנד און שוואַרץ. אַזוי ווי עס שרײַבט זיך אין די שיינע ראָמאַנען וואָס לאָזן זיך אויס מיט די ווערטער: ״און זיי האָבן ביידע אָפּגעלעבט זייערע יאָרן רײַך און גליקליך״.

ער האָט מיך פֿאַרבעטן צו קוקן ווײַטער.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף אים. העכער פֿאַר מיר. אַ ברייטער. אַ סך אָנזען. נאָכגעשלעפּט אַ פֿוס. אָבער דער שטעקן אין זײַן האַנט אַזוי ווי דאָס פֿאַרפּוצטע בערדל — ביידע צוליב רושם. און די ווײַסע בלום פֿאַרשטעקט אין זײַן לאַץ — עלעהיי אַ יום-טוב. מיט אַ ביסל פֿאַנטאַזיע אין קאָפּ, האָט ער מיר דערקלערט, קען דאָס גאַנצע פֿאַרערײַ אין אַ געוויינטלעכן טאָג, ווערן אַ פֿײַערלעכער פּאַראַד. אָט, למשל, דער צעמענט-מישער וואָס איז אונדז נאָר וואָס פֿאַרבײַ מיט אַ גערודער ווי אַן אמתער טאַנק. די ערד אונטער אונדז האָט געציטערט. און די גרינע פֿאָס האָט זיך געדרייט ווי אַ גלאָבוס אַרום זײַן אַקס.

ס׳איז אַ שאָד, האָט ער מיר געזאָגט, וואָס מענטשן ווייסן נישט פֿון דעם. מען אײַלט זיך פֿאַרזאָרגטע אין פֿרימאָרגן, פֿאַרדאַגעט מיט נעכטיקע מחשבות. מען יאָגט זיך צו דער אַרבעט און מען זעט גאָרנישט וואָס עס קומט פֿאַר אַרום זיך.

״עיניים להם ולא ייראו״, האָט ער ציטירט אַ פּסוק פֿון דאַוונען. מען האָט אויגן און מען בלײַבט בלינד. און ער האָט אַ טײַטל געטאָן מיט אַ פֿינגער אויף צוויי שאָפֿערן וואָס האָבן פֿאַרנדיק אַרײַנגעכאַפּט אַ שמועס דורך האַלב-צעעפֿנטע פֿענצטער פֿון זייערע אויטאָבוסן. אַ שמועס מיט די פֿינגער. אַ פֿראַגע. אַ פֿראַגע אויף אַ פֿראַגע. צוויי ענטפֿערס מיט איין מאָל,

נאָך עפּעס אַן אונטער־שאלה און צוויי טרומייטן האָבן פֿאַרהילכט די גאַס.

ס׳איז געווען וואָס צו הערן. און היינט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט גאָר אַ באַזונדערער טאָג. ווייל נישט אַלע מאָל איז געווען דאָס זעלבע. פֿאַראַן אַזוי און אַזוי. אויך אין לעבן איז נישט אַלע מאָל פֿריילער, האָט ער געמיינט, און צוגעגעבן פּרטים וועגן זיין פֿאַר־גאַנגענהייט: ס׳ווייב איז אים אַנטלאָפֿן מיט יאָרן צוריק. אַ זון האָט זיך גענומען דאָס לעבן. ברוגז מיט דער טאָכטער. אָבער איצט האָט עס אַלץ נישט געהאַט קיין שייכות. קיין שום שייכות נישט מיט אונדזער שטיין אויפֿן אינדזל. האָט ער אַלץ אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און נאָכגעקוקט אַן אַלטן לאַסט־וואָגן וואָס האָט זיך געטרייסלט און געשאָסן הינטער זיך קנוילן רויך. דער וואָגן איז געווען אָנגעלאָדן מיט לאַבנס ברויט, וואָס האָבן אָפּגעגלאַנצט אין דער ווינטערדיקער זון. אויפֿן ברויט איז געלעגן אַ מאַן מיטן פּנים צום הימל, זיין קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן אַן אַ זייט, זיינע הענט — צעשפּרייט אין דער ברייט, און זיינע פֿיס — אויסגעצויגן און באָרוועס.

״ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַראָפּ פֿון צלם״, האָט דער פּענסיאָנער מיר געזאָגט. ער האָט געטייטלט אויף געצלמטן מיט זיין שיינעם שטעקן און מיר געהייסן גיין ווייל ס׳איז געוואָרן גרין. ער אַליין איז געבליבן שטיין אויפֿן אינדזל און נאָכגעשריגן איך זאָל נישט פֿאַרגעסן אונדזער באַגע־געניש און געדענקען זיינע ווערטער:

״ווען דו וועסט אַרויס אויף פּענסיע״.

## יידן טאַנצן אין די גאַסן

איך האָב געבעטן דעם פּאַליציאַנט ער זאָל מיר אָנווײַזן די ריכטונג צו דער יעלין־גאַס אין מקור־ברוך, אַ געגנט אין ירושלים, און ער האָט מיך באַגלייט ביז אַהין צו דעם גאַנצן וועג. מען האָט דאָרט געפּײַערט חנוכת־ספר־התורה און איך בין געגאַנגען אַהין קוקן אויפֿן פֿריילעכן עולם. דער פּאַליציאַנט איז געגאַנגען אַהין כדי אים צעטרײַבן.

נאָך אַ לאַנגן און שווערן טאָג אַרבעט, ווען ער איז שוין געווען אויפֿן וועג צו זיך אַהיים, האָט מען אים געשיקט בודק זײַן דעם אָנגעלויף אין דרויסן אָן אַ דערלויבעניש. ער האָט נישט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין וואָס מען האָט דאָס צו זײַן אַזוי פֿריילעך אין מיטן ווינטער. און נאָך דערצו אין דרויסן. אַ קעלט. אַ מיאוסער ווינט. ס׳האָט געדראָט מיט רעגן אַ ליאַדע מינוט און ס׳איז שוין אויך געווען גוט פֿינצטער.

״גיי אַהיים, וועסט גאַרנישט זען״, האָט ער מיר געזאָגט. אויך די צוויי שאָפֿערן וועלכע זענען געבליבן שטעקן צוליבן עולם און נישט געקענט ווײַטער פֿאָרן, האָט ער געבעטן האָבן געדולד און פֿאַרזיכערט אַז באַלד וועט דער וועג ווערן פֿרײַ.

אָבער דורכן הילכער האָט מען אָנגעזאָגט די פֿאַרזאַמלטע מען זאָל זיך נישט צעגיין, און קינדער האָט מען צוגעזאָגט נאַשוואַרג. אַ קליין מיידל פֿון אַ יאָר נײַן האָט זיך אַ יאָג געטאָן אַהיים צו רופֿן איר ברודערל און זי איז פֿון אײַלעניש אַרײַנגעפֿאַלן צווישן די פֿיס פֿון פּאַליציאַנט.

״הירש־חײַמל !״ האָט זי גערופֿן.

דער פּאַליציאַנט האָט זיך אָפּגעשאָקלט פֿון איר. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון זײַן לעדערן טעשל דעם פּנקס צו פֿאַרשרײַבן אַ פּראָטאָקאָל און זיך געשטופּט צום פּלאַץ פֿון וואַנען די קולות האָבן זיך געטראָגן ; צום שוואַרצן חברה־קדישא וואָגן מיטן הילכער אויפֿן דאַך. אויפֿן דאַך האָט מען אויך אַרויפֿגעשטעלט אַ פּראָזשעקטאָר וואָס האָט זיך געוויגט אין ווינט און געוואָרפֿן דאָס ליכט אַרויף און אַראָפּ.

דער פּאַליציאַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן רב וואָס האָט געטאַנצט מיט דער נײַער ספר־תורה אין די הענט און אים געפֿרעגט ווי ער הייסט.

אויך דער רב האָט געוואָלט וויסן דעם פּאַליציאַנטס נאָמען און אַפּילו ווי זײַן טאַטע הייסט. און ווי נאָר זיי האָבן דאָס געטאָן האָט דער חזן, וואָס האָט געטאַנצט לעבן רב מיטן מיקראָפאָן אין די הענט, און דאָס האָט ער דורך די הילכערס געזונגען פֿריילעכע זמרס, אויפֿגערופֿן דעם פּאַליציאַנט צו דער תורה:

„יעמוד ויעלה השוטר אברהם-משה בן נח-נפֿתלי!"

און שוין איז די תורה געווען אין דעם פּאַליציאַנטס הענט. דער רב האָט אַרײַנגעשטופּט דעם פּנקס צוריק אין טעשל אַרײַן. ער האָט אים אויך געהאָלפֿן אויסגלײַכן די היטל וואָס האָט זיך פֿאַרדרייט אויף זיין קאָפּ און די גאָס האָט זיך אויף ס'נײַ צעטאַנצט. מען האָט געטאַנצט צום בית-הכנסת וואָס האָט זיך אָנגערופֿן „ישיבת הבנים השבים" און דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן וואַרפֿן פֿון די פֿענצטער אין די הייזער דאָס צוגעזאָגטע נאַשוואַרג. קינדער האָבן געשפּרונגען צווישן די פּיס ווי היימישע עופֿות.

ווען דער וועג איז געוואָרן פֿרײַ האָט דער ערשטער שאָפֿער פֿון דער טאַקסי, בייז און ביטער, זיך אַ לאָז געטאָן איבערן געסל און בײַם עק האָט ער זיך פֿאַרדרייט מיט אַ שנעלקייט אַזש די רעדער האָבן געסקריפּעט. אין דער זעלבער רגע איז אָנגעלאָפֿן אַנטקעגן אויפֿן טראָטואַר דאָס קליינע מיידל וואָס האָט פֿריער זיך פֿאַרפּלאָנטערט צווישן די פּיס פֿון פּאַליציאַנט. אויך זי האָט אַ פֿאַרסאַפּעטע זיך געטאָן אַ פֿאַרדריי, כמעט אַזוי שנעל ווי די טאַקסי.

„הירש-חײַמל! שנעלער!" האָט זי גערופֿן איר ברודערל וועלכער איז געלאָפֿן נאָך איר, און זי האָט זיך ראַפּטום פֿאַרהאַלטן לעבן שוואַרצן וואָגן פֿון דער חברה-קדישא.

ווײַט אַוועק, בײַם סוף פֿון דער גאַס האָבן זיך נאָך אָנגעזען שאָטנס פֿון טאַנצנדיקן עולם. זיי זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פֿינצטערניש, און דאָ, אויפֿן דאַך פֿון פֿאַרמאַכטן וואָגן, האָט דער פּראָזשעקטאָר זיך נאָך אַלץ געוויגט אין ווינט, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און ממשיך געווען אויף דער אויסגעליידיקטער גאַס דעם שטילן טאַנץ פֿון ליכט און שאָטן.

## ווי אַזוי ווערט אַ מעשה?

איך האָב זיך פֿאַרגענומען צו שווײַגן אַ ביסל, זיך אײַנהאַלטן און אויפֿהערן אויף אַ צײַט דערציילן אָדער שרײַבן מעשיות, און האָב זיך ווי אַלע מאָל געכאַפּט, אַז איך בין שוין ווידער פֿאַרטאָן אין בײדע מלאכות. אויך דאָס מאָל האָט זיך עס ווי געוויינטלעך אָנגעהויבן פֿון אַ קלייניקייט: מײַן פֿעטערס האַנט. מײַן פֿעטער האָט מודיע געווען, אַז ער וועט קומען צו פֿאָרן צו אונדז צוזאַמען מיט זײַן ווײַב, בין איך אַרויס אין דרויסן, ווען די שעה האָט זיך דערנענטערט, און זיי געגאַנגען אַנטקעגן אויף רחוב זאַנגוויל, די גאַס ווו איך וווין. לעבן דער פֿאַרמאַכטער שוסטער-בודקע פֿון אורי דעם רומענער, האָב איך זיי געזען אַראָפּשטײַגן פֿון אויטאָבוס; מײַן פֿעטער, אַ הויכער, ווי ער האָט זיך אָפּגעשילדערט אין זײַן בריוו, מחמת איך האָב אים נישט געקענט, אָנגעטאָן אין אַ רוסישער קורטקע, פֿאַרקנעפּלט ביזן אויבערשטן קנעפּל אונטער זיין גאָמבע, און זײַן גרויסע, שווערע האַנט, לעבן זײַנע היפֿטן, האָט ער גייענדיק אָנגעלענט אויפֿן קאָפּ פֿון זײַן נידעריק ווײַב.

איך האָב געקוקט ווי זיי קומען מיר אַנטקעגן און זיך אײַנגעהאַלטן נישט טראַכטן וועגן דער האַנט. וואָס איז דען דאָ צו שרײַבן וועגן אַ האַנט? און פֿאַרנומען אַזוי מיט דער פֿראַגע, און שוין זיצנדיק מיט די געסט לעבן אונדזער טיש געגרייט מיט כיבוד, האָט זיך מײַן פֿעטערס האַנט פֿאַרבונדן אין מײַן זכרון מיט דער האַנט פֿון יעקב דעם בעל-עגלה, מײַן געוועזענער שכן אין קרית-טבעון.

יעקב דער בעל-עגלה פֿלעגט זיך באַרימען פֿאַר מיר, אַז ער האָט נישט איין מאָל אין פּוילן אומגעוואָרפֿן מיט זײַנע בלויזע הענט אַ ביק פֿאַרן שעכטן. און מחמת ער האָט חושד געווען אַז איך בין מסופק אין דער זאַך און צווייפֿל זיך אונטער, האָט ער געבעטן איך זאָל אים כאַטש איין מאָל דערלאַנגען מײַן האַנט, אויף אַ רגע בלויז, בלויז צום דריקן, און דעמאָלט וועט זיך אָפּטאָן פֿון מיר דער מינדסטער ספֿק.

"שיס אַרײַן אַ פֿינפֿטל", איז געווען זײַן לשון.

צען יאָר, גוטע שכנים, און די דאָזיקע טעמע איז נישט אָפּגעשוואַכט

געוואָרן. ס׳האָט געטראָפֿן, אַז איך בין שוין גרייט געווען אַריינשיסן אַ פֿינפֿטל, נאָר דערזעענדיק זיין האַנט האָב איך זיך געזאָגט: לא מיט אַן אלף.

צען יאָר האָב איך נישט נאָכגעגעבן. איך האָב נאָכגעגעבן ווען יעקב דער בעל-עגלה האָט שוין געגוססט. מע האָט געקלונגען צו מיר קיין ירושלים איך זאָל קומען צו פֿאָרן קיין קרית-טבעון, מחמת יעקב האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. ווען איך האָב שטייענדיק לעבן זיין בעט געוואָרפֿן אויף אים אַ בליק, איז שוין טאַקע נישט געווען אויף וואָס צו קוקן. דער מענטש איז געוואָרן איינגעשרומפּן און פֿאַרוויקלט ווי אַ קליין פּעקל. ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן, האָב איך אים אויסגעשטרעקט מיין האַנט, זאָל ער דריקן. אַ מענטש וואָס גוססט, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? אָבער ווען ער האָט געטאָן אַ קוועטש, האָט דער מינדסטער ספֿק פֿון אַלע צייטן זיך אָפּגעטאָן פֿון מיר.

אויך וועגן דעם האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן פֿון דערציילן. אָבער איצט, ווען ביידע הענט האָבן זיך פֿאַרבונדן, מיין פֿעטערס האַנט אויפֿן קאָפּ פֿון זיין ווייב און די האַנט פֿון גוסס, איז דער דריק צום שרייבן געוואָרן שטאַרקער. איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו די רייד פֿון מיין פֿעטער, וואָס צווישן איין זופּ קאַווע און צווייטן האָט ער אַרויסגעטענהט די צרות פֿון דער מדינה און אויך זיינע אייגענע דאגות, און ס׳איז מיר געלונגען אָפּשטופּן דעם געדראַנג פֿון באַשרייבן די הענט. זייער אָרט האָט פֿאַרנומען דער בעל-עגלה וואָס איז געוואָרן אַ קליין פּעקל.

עפּעס ענלעכס איז געשען אַ מאָל מיט אַ ביק אין קיבוץ גבת. איך בין געווען דאָרט אַ פּאַסטעך פֿון שעפּסן, האָב איך איין מאָל אין אַ פֿרימאָרגן, אויפֿן וועג צו די שטאַלן, געזען דעם ביק אין זיין שטעלכל און ס׳האָט געשפּאַרט פֿון אים מיט כוח און מיט פֿאַרנעם. אָבער דעם זעלבן טאָג, פֿאַר נאַכט ווען איך בין צוריק געקומען פֿון פֿעלד, איז געבליבן פֿון אים אויפֿן פּלאַץ וווּ מען האָט אים געשאָכטן, בלויז זיין פֿעל — אַ קליין איינגעוויקלט פּעקל.

איצט האָב איך שוין אינזינען געהאַט צוויי פּעקלעך, דער בעל-עגלה און דער ביק, שוין נישט רעדנדיק פֿון די הענט, אָבער איך האָב זיך ווייטער געהאַלטן ביי מיינס: שווייגן אַ שטיקל צייט.

און מיט דער דאָזיקער דעה האָב איך צוריק באַגלייט מיין פֿעטער און זיין ווייב צום אויטאָבוס. איצט זענען מיר שוין געגאַנגען אַרויף-צו מיט

דער זעלבער גאַס און מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אָפּכאַפּן דעם אָטעם לעבן דעם שוסטערס בודקע וואָס איצט, נאָך דער אָפּרו-שעה, זענען שוין די לאָדנס געווען אָפֿן און אורי איז געשטאַנען דאָרט מיט אַ פֿעלכל לעדער צעשפּרייט אין זײַנע הענט. ער האָט זיך באַגריסט און געזאָגט, אַז ער באַטראַכט אַזוי די סחורה און ער פֿרעגט זיך אַליין, צי וועט פֿון דעם פֿעלכל אַרויסקומען אַ פּאָר גוטע שיך.

זײַנע רייד זענען מיר געבליבן שטעקן אין קאָפּ און ווען דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען און די געסט זענען אָפּגעפֿאָרן, האָב איך זיך שוין מער נישט אײַנגעהאַלטן, און גייענדיק צוריק אַ היים, האָב איך אויסגעלייגט אין געדאַנק מײַן פֿעטערס האַנט אויפֿן קאָפּ פֿון זײַן ווײַב, די האַנט פֿון דעם גוסס, ביידע קליינע פעקלעך, דער בעל-עגלה און דער ביק, און איך האָב זיך געפֿרעגט מיטן טאָן פֿון אורי דער שוסטער: וועט פֿון דעם אַלעמען אַרויסקומען אַ מעשה ?



# אַ שפּאַציר

די גאַס איז געווען געגנוג באַלויכטן און נאָך פֿון גאַנץ ווײַטלער, אַ מהלך פֿון עטלעכע הײַזער, האָבן מיר געזען לויטן געשטעלט פֿון זייערע פּיס, אַז זיי זענען יונג, דאָס פּאָרל וואָס איז אונדז געקומען אַנטקעגן. מיר האָבן באַמערקט די האַנט פֿון מיידל. אומגעריכט האָט זי אַ צי געטאָן דעם בחור און אים ראַפּטום פֿאַרקרוועט אויף רעכטס, אינעם וועלדל אַרײַן.

מיר האָבן זיך צעשמייכלט, מײַן ווײַב און איך. עפּעס אַנדערש האָט זיך נישט גערירט אין דרויסן אויף אונדזער אָוונטיקן שפּאַציר. ס'איז געווען די שעה ווען מען זיצט אין די שטיבער און מען קוקט אויף דער טעלעוויזיע. אַפֿילו אַ קאַץ האָט זיך נישט דורכגעשלײַכט אויפֿן וועג און די אָנגעשטעלטע אויטאָס אויףביידע זײַטן גאַס האָבן געצויגן די שטילקייט לענג-אויס די הײַזער. ס'האָט זיך גאָרנישט באַוועגט אין דרויסן און די האַנט פֿון מיידל איז פֿאַרבליבן אין אונדזער בליק.

"חברה-מאַנטע".

ווי זי האָט דאָס פּלוצלינג אַ נעם געטאָן דעם בחור בײַם אָרעם און אים אַרײַנגעפֿירט צווישן די ביימער זיך ליבן אין דער פֿינצטער. אַ שאָד וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן אַ קוק טאָן פֿון דער נאָענט איר אין פּנים אַרײַן. אָבער אויך אָן דעם האָבן מיר זיך שוין געקענט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשווינטע דאָס וואַקסט. דער צי מיט איר האַנט האָט אַלץ קלאָר געמאַכט.

אַזאַ מיידל וועט שוין נישט גיין פֿאַרלוירן אין דער וועלט. זי וועט וויסן ווי זיך צו פֿירן מיט מענער. מיר האָבן געקענט אַ מאָל אַזאַ מיידל. זי האָט גענומען אַ לאַ-יוצלח פֿאַר אַ מאַן און געמאַכט פֿון אים אַ מענטש. אָנגעטאָן די הויזן און געפֿירט די געשעפֿטן.

איך האָב דערציילט מײַן ווײַב וועגן אַ מומען אין מײַן משפּחה. מען האָט געזאָגט אויף איר אַז זי האָט אָוועקגעקוילעט פֿיר מענער. איינער פֿון זיי פֿלעגט אינמיטן טאָג אַרונטערקריכן אונטערן בעט און כאַפּן אַ שלאָף. און איר האָט עס דווקא געצויגן צו הויכע בעטן. אונטערגעלייגט אַלע מאָל נאָך אַ מאַטראַץ. ווען דאָס בעט איז שוין געווען זייער הויך, כּמעט ביזן סופֿיט, האָט זי זיך איין מאָל פֿון דאָרטן אַראָפּגעקאָלערט און געשטאָרבן.

אויף ראָג האַנטקע און הענריעטאַ סאָלד, ווו די גאַסן קרייַציקן זיך, האָבן מיר זיך פֿאַרנומען אויף לינקס צו פֿאַרענדיקן דעם קרייַז פֿון אונדזער שפּאַציר. ס'האָט זיך גאַרנישט פֿאַרלאָפֿן אויפֿן וועג, וואָס זאָל אָפּוועגדן אונדזערע מחשבות פֿון מיידל. איר כאַראַקטער האָט שוין אָנגעווינקען אַ רמז אויך אויפֿן בחור. מיר האָבן געזען דייַטלעך, ווי אין דער לעצטער מינוט, ווען זיי זענען פֿאַרבײַ דאָס פֿינצטערע שטעגל, האָט זי אַ קער געטאָן דעם בחור צום וועלדל, כאָטש דער בחור, לויט זייַנע טריט, האָט געמיינט צו גיין ווייַטער פֿאָרויס.

אַ מאָן איז נישט בלויז אין בעט, האָט מייַן ווייַב זיך אָנגערופֿן, און צו לעבן מיט אַ שלים-מזל ווי מייַן פֿעטער וואָס קריכט שלאָפֿן אונטער בעטן, איז נישט קיין גרויס גליק.

אַזוי האָבן מיר געזען אין געדאַנק דאָס פּאָרל וואָס איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער. מיר האָבן נישט געקענט צו נישט מאַכן וואָס דאָס אויג האָט באַמערקט. אָן אויג קען מען נישט אָפּנאַרן. וועגן דעם האָבן מירביידע צוגעשטימט און נאָך אַלץ געשמייכלט אויפֿן חשבון פֿון פּאָרל. זיי זענען געוואָרן אַ נייַער גלגול פֿון מייַן מומען מיט איר פֿאַר-שלאָפֿענעם מאָן.

עפּעס נאָך וועגן דער מומען איז מיר געקומען אויפֿן זינען ווען דאָס פּאָרל איז אונדז ווידער געקומען אַנטקעגן. זיי האָבן דורכגעשניטן דאָס וועלדל און זיך דערנענטערט צו אונדז. מיר האָבן פֿאַרשנעלערט די טריט כדי ס'זאָל אונדז אויסקומען פֿאַרבײַ גיין פּונקט אינעם ליכט פֿון דעם גאַסן-לאָמפּ. דאָס מאָל וועלן מיר נישט פֿאַרזאַמען כאַפּן אויף זיי אַ בליק פֿון גאָר נאָענט. לאָמיר זען וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי האָבן דאָס מיידל און דער שעמעוודיקער בחור.

און ס'איז אונדז געלונגען. מיר זענען זיי פֿאַרבײַ אינעם פֿלעק פֿון ליכט וואָס דער גאַסן-לאָמפּ האָט צעשפּרייט אויפֿן טראָטואַר און מיר האָבן געזען אַז דער בחור איז בלינד.

## ב. אויטאָבוסן

אָפּגעצאָלט אַ חוב

ווו ביסטו שלמהלע ?

נישט בחינם

אַן אינטימע פֿראַגע

נאָר נישט קיין רחמנות

ממש אַן אָרקעסטער

זיבן טעכטער

וועגן וואָס איז דאָ צו שרייַבן ?

# אָפּגעצאָלט אַ חוב

אויפֿן וועג קיין חיפֿה האָט די בעטלערין לעבן מיר אײַנגעדרעמלט, צו ערשט מיטן קאָפּ אויף איר אייגענעם אַקסל און נאָך דעם אויף מײַנעם.

נאָך אויף דער סטאַנציע אין תל-אביב, ווען זי איז אויפֿגעשטיגן און דער שאָפֿער האָט געבעטן אַ בילעט, האָט זי אים געהייסן האָבן געדולד ביז זי וועט אויפֿזאַמלען אין אויטאָבוס די הוצאות פֿאַר דער רײַזע. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו יעדן איינעם אָבער מען האָט נישט געשענקט גענוג, האָב איך צוגעגעבן די רעשט, ווײַל דער שאָפֿער האָט זיך נישט געוואָלט רירן פֿון אָרט ביז זי וועט נישט באַצאָלן דעם פֿולן פּרײַז.

באַמערקנדיק איצט אין שפּיגל אונדז ביידן הינטער אים, און איר קאָפּ אויף מײַן אַקסל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז זי איז נישט די איינציקע דאָ פֿון דער בראַנזשע, אַז נאָך עטלעכע פֿאָרן איצט מיט איר קיין חיפֿה. אין חיפֿה, האָט ער צוגעגעבן, האָט מען אַלע מאָל געזוכט עפּעס אַ מיטל פּטור צו ווערן פֿון די בעטלער אויף די גאַסן. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן וואָס מען האָט זיי געגעבן דירות, אַרבעט, פּענסיע. אָבער איין מאָל האָט מען זיי גענומען מיט נאָך אָרעמע-לײַט, אויף אַ שפּאַציר איבערן לאַנד, האָבן זיי דערזען, ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין תל-אביב, וואָס עס טוט זיך אויף דער אגד-סטאַנציע, זענען זיי אַראָפּ פֿון אויטאָבוס און מער נישט צוריקגעקומען.

דער שאָפֿער האָט אויפֿגעהערט רעדן, ווײַל ס׳האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ פֿאַלן פֿון מטבעות. ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און מיר געפֿרעגט צי איך בין תמיד אַזוי לײַכט מיט געלט. פֿריער — דער בעטלערין און איצט שאָקל איך געלט פֿון מײַנע קעשענעס. איך בין אַרומגעקראָכן און צונויפֿ-געזאַמלט וואָס איך האָב נאָר געזען פֿאָרן אויג. אַנדערע האָבן צוגעהאָלפֿן. אויך די בעטלערין האָט זיך איבערגעוועקט און זיך צוגעקוקט אַ פֿאַר-שלאָפֿענע ווי מען דערלאַנגט מיר די פֿאַרקאָלערטע מטבעות. נאָך דעם ווי ס׳איז צוריק פֿינצטער געוואָרן האָט זי ווידער פֿאַרלייגט איר קאָפּ אויף מײַן אַקסל און דער שאָפֿער האָט ממשיך געווען די מעשה וועגן די בעטלער פֿון חיפֿה. אַז זיי לאָזן זיך אין די באַגינענס מיטן ערשטן אויטאָבוס קיין

תל-אביב, מיטן לעצטן קומען זיי צוריק און אויף די גאַסן פֿון חיפֿה זענען קיין בעטלערס מער נישטאָ.

קוים איז דער שאָפֿער אַנטשוויגן געוואָרן האָט זיך ווידער דערהערט דער קלאַנג פֿון פֿאַלנדיקע מטבעות. דאָס מאָל האָט מען שוין געזען, ווען ס׳איז געוואָרן ליכטיק, ווי מטבעות האָבן זיך אַרויסגעשאָקלט פֿון אַ גרויסער קעשענע אין דער בעטלערינס קלייד. זי האָט זיך איבערגעוועקט און געדענקענדיק וואָס מען האָט פֿריער געטאָן, איז זי איצט אַליין אַרומ-געקראָכן, אַלץ צונויפֿגעקליבן און מיר דערלאַנגט עטלעכע זשמעניעס מיט מטבעות. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן מײַן טענהן, אַז עס איז נישט מײַנס. איך האָב איר געגעבן גענוג, האָט זי געזאָגט, מיט דעם וואָס איך האָב באַצאָלט פֿאַר אַ האַלבן בילעט. זי האָט ווידער פֿאַרלייגט איר קאָפּ אויף מײַן אַקסל און דער שאָפֿער, נאָכן פֿאַרלעשן דאָס ליכט, האָט מיר געפֿרעגט אין שפּיגל אַרײַן איבער אים צי איך האָב פֿאַרדינט אין דעם עסק. ער האָט נישט געגלויבט אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום וועל איך אָפּזוכן דער בעטלערין אויף דער סטאַנציע אין תל-אביב און איר אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט.

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען איך האָב דאָס געטאָן. רוב קאַסיר-פֿענצטער אויף דער סטאַנציע זענען שוין געווען פֿאַרמאַכט. אַ צײַטונג-פֿאַרקויפֿער האָט שוין געהאַט פֿאַרפּאַקט זײַן סחורה און זײַן טיש איז געוואָרן אַ געלעגער פֿאַר אַ היימלאָזן מיט אַ צעדריפּלטער וואַליזע צוקאָפּנס. דער געשטאַנק פֿון השתנה האָט געשלאָגן אין די אויגן. בלויז אַרום דער בעטלערין האָט זיך נאָך עפּעס גערודערט. זי איז געזעסן פֿאַרדרעמלט אויף אַ צוגעפּלאַטשיקטן קאַרטאָן און אַ זקן מיט אַ פֿאַרלאָשן פּאַפּיראָסל אין אַ ווינקל פֿון זײַן מויל איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער איר און אַרײַנגעזונגען אין איר אויער אַן אַלטן שלאַגער. ווען איך האָב אָנגעהויבן אויסליידיקן פֿון מײַן קעשענע אירע מטבעות האָט זי צוגעשאָקלט צום טאַקט די פּושקע אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט, און דער זקן האָט צום טאַקט פֿון פֿאַלנדיקן געלט זיך אויף ס׳נײַ צעזונגען:

כלה, כלה, מזל-טוב

דער חתן איז אַן אבן-טוב.

## ווּ ביסטו שלמהלע ?

דעם שאָפֿער איז נישט געלונגען צו פֿאַרמאַכן די טיר פֿון אויטאָבוס. ער האָט געבעטן מען זאָל זיך אויפֿהערן שטופּן, אָבער מען האָט אים נישט געפֿאָלגט. איינער איז פֿאַרבליבן מיט אַ האַנט אין דרויסן. האָט דער שאָפֿער צעשפּרייט זײַנע הענט און גערעדט צו זיך אַליין אין שפּיגל אַריין. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף דער גרויסער היץ אין לאַנד און אויף די תושבים פֿון אָט דער יידישער מדינה.

ווען די האַנט האָט זיך באַפֿרייט און די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט און דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט פֿון אָרט, האָט אַ זקנה מיט געפֿאַרבטע האָר זיך דערמאָנט אַז זי האָט פֿאַרגעסן אַראָפּצושטײַגן אויף דער סטאַנציע. זיצנדיק הינטערן שאָפֿער האָט זי מיטן שפּיץ פֿון איר שטעקן אים גע-שטורכעט אין דער פּלייצע, שרײַענדיק:

"רגע! רגע!"

דער שאָפֿער האָט ווידער פֿאַרהאַלטן דעם אויטאָבוס, אָבער די אַלטיטשקע האָט זיך נישט באַרואיקט. דער בלויזער געדאַנק וויפֿל מהלך וועג זי וואָלט באַדאַרפֿט צוריקגיין צו פֿוס, טאָמער זי וואָלט אָפּגעפֿאָרן נאָך אַ סטאַנציע, האָט זי אינגאַנצן צעטומלט.

"מײַן פֿוס! קוקטס אָן מײַן פֿוס!" האָט זי געשריגן צו פֿאַרענטפֿערן זיך, און זי האָט אויפֿגעהויבן איר שטעקן ווײַל איר פֿוס האָט זיך נישט אָנגעזען אין דער ענגשאַפֿט. איר הילצערנער שטעקן איז געווען געדרייט מיט טונקעלע סענקען וואָס האָבן געקלעטערט ביז אַרויף צום געבויגענעם הענטל.

דער וועג צו דער פֿראָנטטיר איז געווען פֿאַרשטעלט, האָט זי זיך געשטופּט צווישן די געזעסן. זי האָט נישט אויפֿגעהערט בעטן מען זאָל קוקן אויף איר קראַנקן פֿוס און זי האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט דער שאָפֿער פּלוצלינג חרטה האָבן און וועט ווידער אָנהויבן פֿאָרן, איידער זי וועט באַווײַזן אַראָפּ פֿון אויטאָבוס.

דער שאָפֿער האָט זי טאַקע אונטערגעאײַלט און אַנדערע האָבן אים מיטגעהאָלפֿן שרײַען:

„גברת!"

איידער זי איז צוגעקומען צו דער אָפֿענער הינטערטיר, האָט זי פֿאַר-האַלטן איר בליק אויפֿן זקן וואָס האָט איר דערלאַנגט איר קיישל. ס'איז געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט און זי האָט עס ביי אים אָפּגענומען. זי האָט זיך פֿאַרקוקט אויף אים אַ ביסל לענגער און אויסגערופֿן:

„שלמה! שלמהלע האַרטשטיין!"

זי האָט גאָרנישט געוווּסט אַז ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון די דייטשן. אַז ער האָט אַלע יאָרן געוווינט אין ישׂראל, און דאָ, אין ירושלים. זי איז אויף ס'ניי צעטומלט געוואָרן און זי האָט נישט געוווּסט צי זאָל זי ווייטער פֿאָרן און ליידן ווייטיקן אויף איר וועג צוריק, אָדער אַראָפּ פֿון אויטאָבוס און פֿאַרלירן אַזאַ נאָענטן פֿריינד פֿון אירע מיידלשע יאָרן.

דער שאָפֿער האָט פֿאַרלוירן זיין געדולד. אויך דער אויטאָבוס. און פֿון אַלע זייטן האָט מען געשריגן:

„גברת!"

שלמה האַרטשטיין האָט אָנגעקוקט די זקנה. ער האָט באַקוקט איר קראַנקן געשוואָלענעם פּוס, איר געדרייטן שטעקן. אויך איר פּנים איז געווען באַשלאָגן מיט טונקעלע פֿלעקן ענלעך אויף די סענקעס. פֿון איין פֿלעק אויף איר האַלדז זענען אַרויסגעוואַקסן עטלעכע שטייפֿע האָר.

„שיפֿרה! שיפֿרהלע די שיינע!" האָט שלמה אויסגערופֿן און דערציילט פֿאַר די אַרומיקע פּאַסאַזשירן אַז דאָרט אין שטעטל האָט יעדער בחור געכאַפּט פֿאַר איר די כּפּרה. אַזאַ שענהייט. אַזאַ קראַסאַוויצע.

די טיר איז געשטאַנען ברייט צעעפֿנט. דער שאָפֿער האָט געפֿאָכעט מיט די הענט, האָט דער אויטאָבוס זיך נאָך מער צעשריגן:

„גברת!"

די זקנה האָט אָפּגעלאָזט דעם שטעקן מיט איר קיישל, פֿאַרפֿלאָכטן אירע פֿינגער און אַריינגערעדט אין שלמהן:

„פֿערציק יאָר! וויי איז מיר! אַזאַ גליק!"

זי איז אַראָפּ אַ צעטומלטע פֿון אויטאָבוס און ווען ער האָט אָנגעהויבן אָפּפֿאָרן האָט זי געפֿאָכעט מיטן סענקעוואַטן שטעקן און נאָכגעשריגן:

„וווּ ביסטו, שלמה! וווּ ביסטו?!"

# נישט בחינם

„און איך", האָט זיך אָנגערופֿן די פֿרוי לעבן מיר אין אויטאָבוס, און זי האָט אונטערגעוואַרט ביז דער רעש וועט זיך איינשטילן. זי האָט אויך געבעטן דעם שאָפֿער ער זאָל אַראָפּדרייען אַביסל דעם ראַדיאָ, און זי האָט געזאָגט, אַז דער פֿאַקט וואָס זי איז לעבן געבליבן, האָט זי צו פֿאַרדאַנקען, דווקא אַ מיידל, וואָס דאָרט, אין די לאַגערן, איז זי געווען אַ זונה ביי די דייטשן.

מיר זענען געזעסן באַלד אונטערן שאָפֿער און דאָס פּנים פֿון דער פֿרוי האָט זיך אָנגעזען אויך אינעם שפּיגל איבער אים. אירע האָר זענען געווען געפֿאַרבט אויף ווייס מיט אַ בלוילעכער מראה. אויך זי האָט אויפֿגעכאַפּט אין שפּיגל מיין פּנים און זי האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון לאַגער אין וועלכן זי איז פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט-מלחמה. אַ שפּאָר ביסל טעג איז זי געלעגן אַ קראַנקע אין דער כאַטע, און מען האָט שוין געמיינט אַז זי איז מער נישט צווישן די לעבעדיקע, האָט זיך באַוויזן דאָס דאָזיקע מיידל, די זונה, זי האָט זיך אַריינגעגנבעט צו איר אין כאַטע יעדן טאָג, און איר איינגעגעבן אַ לעפֿעלע צוקער-וואַסער.

איך האָב זיך נישט געריכט צו הערן וועגן דעם אויף דער קורצער נסיעה אין אויטאָבוס. אָנגעהויבן האָט זיך עס פֿון דעם ייד וועלכער איז געזעסן לעבן דער טיר און אַן אויסגעקריצטער לאַגער-נומער האָט זיך אָנגעזען אויף זיין אָרעם. ווען ער איז אַראָפּ פֿון אויטאָבוס, האָט די פֿרוי, נישט פֿרעגנדיק אַפֿילו צי איך פֿאַרשטיי איר לשון, אָנגעהויבן דערציילן איר געשיכטע. זי האָט איבערגעחזרט מיין פֿראַגע, ווער איז געווען דאָס דאָזיקע מיידל, און זי האָט געזאָגט אַז אויך זי האָט עס דעמאָלט געוואָלט וויסן. אָבער דאָס מיידל האָט זיך נישט געוואָלט אויסגעבן, אויך נישט געוואָלט אויסזאָגן פֿאַרוואָס זי שטעלט איין איר לעבן יעדן טאָג, און געווען צופֿרידן מיט דעם, וואָס עס איז איר אויסגעקומען מיט עפּעס צו העלפֿן דער טאָכטער פֿון דעם באַרימטן דאָקטער אויגוסט קרויזהאַר, דער דירעקטאָר, פֿאַר דער מלחמה, פֿון שטאָטישן שפּיטאָל אין לעמבערג, פּוילן.

אַז זיין טאָכטער געפֿינט זיך אין לאַגער האָט דאָס מיידל זיך דערוווּסט

אויף אַזאַ אופֿן. זי האָט געזען איר נאָמען אויסגעקריצט אויפֿן רינגל אין רשות פֿון איר דײַטשן געליבטן.

"דערצייל עס דײַן טאַטן, נאָך דער מלחמה, אויב וועסט לעבן בלײַבן", האָט דאָס מיידל איר דעמאָלט געזאָגט. און די פֿרוי האָט, נאָך דער מלחמה, געשריבן צו איר טאַטן אַ פֿאַרשיקטער אין סיביר, אַז לעבנדיק דאָרט, אינעם ווײַטן לאַנד, האָט ער געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון זײַן טאָכטער אין דײַטשלאַנד.

"און דאָס מיידל?" האָב איך געפֿרעגט.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מחנה יהודה. מענטשן זענען אַראָפּ און אַרויף. אַ סך זקנים. ווײַבער מיט פֿולע קיישלעך אין זייערע הענט. נאָך רחוב קינג דזשאָרדזש, לעבן הלני המלכה, אויף דער דוד המלך גאַס, האָט די פֿרוי לעבן מיר ממשיך געווען. זי האָט מיר געזאָגט אַז אויך איר טאַטע האָט געבעטן מער פּרטים וועגן דעם מיידל וואָס האָט געראַטעוועט זײַן טאָכטערס לעבן. ער האָט נישט געדענקט דאָס מיידל וואָס האָט פֿאַר דער מלחמה זיך אָפּגערירט אין זײַן שפּיטאָל. האָט די פֿרוי אים אָוועקגעשריבן קיין סיביר, פּרטים וואָס זי האָט זיך שפּעטער דערוווּסט פֿון מיידל; ווי אַזוי זי איז אינעם טאָג ווען מען האָט איר אויסגעשריבן פֿון שפּיטאָל, אָפּגעזעסן שעהען אין וואַרטצימער, און אַלע מאָל אויסגעטראַכט אַן אַנדערן תּירוץ, ווען דער דאָקטער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און איר געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי פֿאָרט נישט אַהיים; אַז זי וואַרט אויף די עלטערן, אויף אַ שוועסטער, אויף נאָך וועמען, ביז דער דאָקטער איז געוואָרן פֿאַרדעכטיק און ווען ער איז צוגעשטאַנען זי זאָל אים אויסזאָגן די אמתע סיבה, האָט זי אים דערציילט אַז זי האָט נישט קיין געלט אויף אַ בילעט אַהיימצופֿאָרן אין דערבײַאיקן שטעטל אַרײַן. האָט איר דער דאָקטער דעמאָלט אַרײַנגענומען צוריק אין זײַן קאַבינעט און געוואָלט זי זאָל אים זאָגן, פֿון וואַנען, אויב זי איז אַזוי אָרעם, וועט זי נעמען געלט אויף צו זײַן אַ חודש צײַט אין אַ קאָנוואַלעסנט-היים נאָך אַזאַ שווערער אָפּעראַציע. ער האָט נישט געוואָרט אויף אַן ענטפֿער און זיך משתדל געווען מען זאָל זי אַרײַננעמען אין אַזאַ מין אַנשטאַלט אין לעמבערג.

נאָכן אָפּזײַן דאָרט אַ חודש צײַט, האָט דאָס מיידל געדאַנקט די בעל-הבתים פֿון דער היים פֿאַר באַהאַנדלען איר אַזוי פֿײַן און אַלץ בחינם. האָט די בעל-הביתטע זיך געבייזערט און נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס מיידל רעדט. וואָס פֿאַר אַ בחינם. זאָל זי זיך אַרויסקלאָפּן פֿון קאָפּ די נאַרישקייטן

ווען רחמנות, וועגן דערבאַרמדיקע מענטשן, וועגן טובות. מען האָט איר דאָ געהאַלטן אין דער היים ווײַל דער דאָקטער קרויזהאַר האָט באַצאָלט פֿון זײַן אייגענער קעשענע. נישטאָ קיין בחינם. נישטאָ אויף דער וועלט קיין גוטע מענטשן.

## אַן אינטימע פּראַגע

דער שאָפֿער האָט אויסגערופֿן מען זאָל זיך אָפּרוקן פֿון דער טיר, "זהירות מן הדלת". איך בין געשטאַנען אין עק פֿון דער ריי, האָב איך געטאָן אַ לויף און אַ שפּרונג און ס'איז מיר געלונגען אַרײַן אינעווייניק. אויך אַ ברייטע פֿרוי מיט צוויי קיישלעך וויַסע הינער האָט זיך אַרײַנגעשטופּט. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט און זיך דורכגעוואָרפֿן מיט אַ שמייכל. איין קיישל הינער האָט זי אַרײַנגעשטעלט צווישן מײַנע פֿיס.

צוליב דעם האָט זיך צעבייזערט אויף מיר אַ זקן אויפֿן ערשטן בענקל. ער האָט מיך אָנגערופֿן אַ פּרא-אָדם וואָס האָט נישט קיין רחמנות אויף עופֿות און קיין דרך ארץ פֿאַר מענטשן. לויטן זײַן גוסט האָב איך באַדאַרפֿט אונטערוואַרטן מיט די הינער אויף אַ צווייטן אויטאָבוס. ווען ער האָט אויסגעפֿונען אַז די הינער זענען גאַרנישט מײַנע האָט ער זיך באַרואיקט.

אויך די הינער זענען געלעגן רואיק אַרײַנגעפּרעסט איינע אין דער אַנדערער. קיין קול האָט זיך נישט געהערט. קיין שנאָבל האָט זיך נישט אָנגעזען. דאָ און דאָרט האָט צווישן די ווײַסע פֿעדערן זיך געררויטלט אַ פֿלעק, אַ שפּריצל פֿון אַ קאַם. איך האָב געציילט די רויטע פֿלעקן, האָט די ברייטע פֿרוי אַ צי געטאָן מײַן מאַנטל. האָב איך צעשפּרייט די פֿיס נישט צו דריקן אויף די הינער, נאָר זי האָט ווײַטער געטאַפּט די סחורה צווישן אירע פֿינגער. אַ גרינלעכער מאַנטל, אַ ביסל געקורצט, נאָך פֿון די טעג ווען איך האָב געלעבט אין גבת. זי האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס אַנדערע קיישל צווישן אירע אייגענע פֿיס און געוואָלט וויסן צי איך וועל איר ענטפֿערן אויף עפּעס אַ זאַך.

"אַן אינטימע פֿראַגע", האָט זי געזאָגט.

עפּעס האָט זי מיר אויסגעזען קענטלעך. אפֿשר טאַקע פֿון יענע יאָרן אין גבת. זי האָט געכאַפּט דעם אָנבליק אויף דער פֿאַרוואַלטערין פֿון קליידער-מאַגאַזין אין קיבוץ. יענע וואָס האָט מיך גערופֿן אָנמעסטן דעם מאַנטל. אין אַ רעגנדיקן טאָג, האָב איך זיך דערמאָנט, איז אַרײַנגעפֿאָרן אין קיבוץ אַרײַן אַ לאַסט-וואָגן מיט מענערשע מאַנטלען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאַגאַזין און מענער האָבן זיך געשטופּט און געמאָסטן. ווען ס'איז

געקומען מײַן רײ האָט מען מיך אָנגעמאָסטן דעם גרינלעכן מאַנטל, געזאָגט אַז עס פּאַסט און געהייסן גיין. איך בין אָפּגעגאַנגען אין אים צוויי צענדליק יאָר און ער האָט זיך ביז איצט נישט אָפּגעטראָגן.

״יאָ״, האָב איך געענטפֿערט און באַמערקט ווי דער זקן מיטן פּירקאַנטיקן פּנים, האָט אַ דרוק געטאָן דאָס קנעפּל, און זיך געגרייט אַראָפּשטייגן אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע. ווען דער אויטאָבוס האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן רויטן פֿאַרקער־לאָמפּ און פֿאַרבײַגייער האָבן געקרײַצט די גאַסן אין אַלע ריכטונגען, האָט די פֿרוי פֿון די הינער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ זיס פּנים און געפֿרעגט:

״איר האָט אויך אַ פֿעטער אין פֿילאַדעלפֿיע?״

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געמאַכט וועג פֿאַרן בייזן זקן. ווען ער איז אַראָפּ פֿון די טרעפּלעך און שוין שטייענדיק אויפֿן טראָטואַר האָט ער אַרײַנגעשאָקלט אַ פֿויסט אין דער צעעפֿנטער טיר און מיך אויס־געמוסרט צוזאַמען מיט מײַן גאַנצן דור. די ברייטע פֿרוי האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף זײַן פּלאַץ און ווען דער אויטאָבוס האָט אָנגעהויבן פֿאָרן האָט זי געוווּנקען מיט אַ פֿינגער איך זאָל צובייגן אַן אויער און געזאָגט:

״ער האָט אויך מיר געשיקט אַזאַ מאַנטל״.

# נאָר נישט קיין רחמנות

זיצנדיק באַלד הינטערן שאָפֿער האָט ער אַ ווינק געטאָן צו מיר איך זאָל זיך זעצן לעבן אים, ווען איך בין אַריַין אין אויטאָבוס. ער האָט איבער-געדרוקט זיַין גרינלעך קיישל, אויף זיַין הילצערנעם פֿוס, אים לייַכט אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

"פֿון רוסלאַנד".

ווען דער אויטאָבוס האָט אָנגעהויבן פֿאָרן האָט ער צוגעגעבן:

"גוט מאַטעריאַל".

שוין צוויי און צוואַנציק יאָר ווי ער איז אין לאַנד און דאָס האַלץ איז דורך דער ציַיט נישט קאַליע געוואָרן. נישט געוואָרן פֿאַרטרוקנט פֿון דער הייסער זון און נישט געוואָרן צעפֿרעסן פֿון ווערעם. אַדרבא, האָט ער וויַיטער געזאָגט, זאָל איך זיַין אַזוי פֿריַינדלעך און אים אויסזוכן נאָך עפּעס אַ גוטע זאַך אין אונדזער מדינה:

"אַ ייִד, למשל".

די אויבערשטע טייל פֿון זיַין פֿוס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם שפּיגל וואָס איז געהאַנגען משופּעדיק איבערן קאָפּ פֿון שאָפֿער. דער הויז איז געווען פֿאַרוויקלט ביז איבער די קני. איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַ סימן אַז דאָס וואָס ער זאָגט איז אמת. איך וואָלט געשאָקלט אַביסל לענגער אָבער אויף דער נאָענטסטער שטאַנציע, ווען דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער געפֿאָכעט מיט דער האַנט און צונישט געמאַכט מיַין הסכמה. ער האָט דורכגעזופּט מיט זיַין בליק אַ מיידל וועלכע האָט אויפֿגעשטיגן. געטיַיטלט, ווען זי איז אונדז פֿאַרביי, אויף אירע רויטע הויזן, און געזאָגט, אַז אַזעלכע ווי זי אָדער ווי אירס גליַיכן, וועלן ליבערשט, צו זיַין גרויסן צער, אויסקליַיבן אַ גאַנצן גבֿר. ער האָט אונטערגעזיפֿצט און דערציילט אַז דעם דאָזיקן ביטערן אמת האָט ער לעצטנס, מיט אַ צוויי חדשים צוריק, דערשפּירט אויף זיַין אייגענער הויט, ווען זיַין וויַיב איז אים אָפּגעשטאָרבן, דאָ אין ירושלים, אין דער ניַיער שכונה פֿון נוה-יעקב.

וואָלט ער געווען אַ גאַנצער מאַן, האָט ער צוגעגעבן, וואָלט שוין אַזאַ מיידל אין רויטן, אָדער אין אַן אַנדערן קאָליר, אָנגעקלאַפּט אין זיַין טיר,

נאָך דעם ווי ער איז פּאַראַלמנט געוואָרן, און וואָלט אים פּאַרגעלייגט עפּעס אַ וואַרעם געקעכץ. אָבער האַלבע מענער, האָט ער איינגעזען, מאַכן נישט קיין קאַריערע אין דער יידישער מדינה. און דערפּאַר טאַקע, האָט ער זיך אַרומגעדרייט פּאַראייַנזאַמט אין זייַן אייגענער שטוב, נאָכן טויט פון זייַן ווייַב, און ווען ער האָט שוין יאָ אויפגעקאָכט עפּעס אַ מאכל פאַר זיך האָט ער פּאַרדאָרבן זייַן מאָגן. אַ לאַנגע מעשה פון בויך-ווייטיק און שלשול.

ער האָט מיך געבעטן איך זאָל צוהאַלטן אויף אַ ווײַלע זייַן קיישל און נאָך אַ טובה זאָל איך אים טאָן, זאָל איך אָפּמעקן פון מייַן פּנים דאָס געפּיל פון רחמנות. נאָר נישט רחמנות האָבן אויף אים. ווײַל ער איז נישט דער מענטש וואָס זאָל מאַכן אַ צימעס פון יעדער קלייניקייט. ער האָט נישט געמאַכט קיין צימעס פון זייַן פּוס וואָס איז פּאַרלוירן געגאַנגען אויפן וועג קיין בערלין, ווען ער האָט געקעמפט אין דער רויטער אַרמיי. אויך נישט פון זייַן פאַרשטאָרבן ווייַב. און אויך פון זייַן שלשול האָט ער קיין צימעס נישט געמאַכט.

איך האָב ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַז דאָס וואָס ער זאָגט איז אמת און מיט אַ שטומען בליק מסכים געווען אַז אַזוי געשעט עס מיט אַ מענטש וואָס בלייַבט אַן איינזאַמער אויף דער וועלט. ס'האָט מיר בלויז באַנג געטאָן וואָס אויף דער דאָזיקער קורצער נסיעה, לענג-אויס רחוב יפו און נאָך דעם מיט די הערצל-אַלייען, האָב איך נישט געפונען אין אונדזער לאַנד נאָך עפּעס אַ זאַך אויף וועלכן מיר ביידע זאָלן קענען צוזאַמען זאָגן: כי טוב.

נאָך ערגער; אויך דאָס וואָס האָט אין אָנהויב פון אונדזער נסיעה אויסגעזען אין אונדזערע אויגן גוטע סחורה האָט עס אויך פּאַרלוירן דעם ווערט. ער איז געזעסן לעבן מיר, דער איינזאַמער, און אונטערגעיאָגט דעם שאָפער ער זאָל פאָרן שנעלער, ווײַל ס'איז שוין געווען שפּעטלעך, פרייטיק נאָכמיטאָג, און ער האָט באַדאַרפט אויסשטייַגן לעבן הר-הרצל, און פון דאָרט אונטערפאָרן ביז עין-כרם, אָדער גייען ביז אַהין צופוס און נאָך דערצו מיט אַ שווערן קויש אין דער האַנט.

"וואָס איז דאָ אינעווייניק אין קיישל?" האָב איך אים געפרעגט.

ס'איז געווען דאָרט פון כל-טוב. צאַצקעס און נאַשוואַרג, מתנות פאַר זייַנע אייניקלעך פון זייַנע צוויי טעכטער און פון אַ זון, אַלע שוין אויס-געגעבן.

"אַ משפחה-צונויפקום". האָט ער געזאָגט און אַ צי געטאָן דעם שנור ווײַל מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער הערצל-סטאַנציע, לעבן דעם

פֿאַרנעמיקן סקולפּטור פֿון אײַזן וואָס מען האָט דאָרטן אויפֿגעשטעלט און אָפּגעפֿאַרבט אויף רויט.

איך האָב אים צוגעהאָלפֿן אַראָפּשטײַגן, אונטערגעטראָגן דאָס קיישל און ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפֿן טראָטואַר האָב איך אויסגעשריגן:

„דײַן משפּחה!"

ווײַל אָט האָב איך פֿאַרט געפֿונען, כאָטש אין דער לעצטער מינוט, נאָך עפּעס גוטס אין אונדזער מדינה. ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס קיישל פֿעסטער אין דער האַנט און אָנגעהויבן שפּאַנען צו דער אײַזערנער סקולפּטור, געבויגן ווי אין הויכע טויערן אָפֿן צו אַלע זײַטן, און ער האָט צוריק גערופֿן צום אויטאָבוס אויסדרייענדיק זײַן קאָפּ צו מיר:

„מיט משפּחה — נאָר פֿון ווײַטנס! וואָס ווײַטער אַלץ בעסער!"

# ממש אַן אָרקעסטער

דורכן פֿענצטער פֿון מײַן שטוב אין נצרת-עלית, אַ שטעטל אין גליל וווּ איך האָב געוווינט עטלעכע יאָר, פֿלעג איך זען דעם באַרג תבור. ער האָט געוועלטיקט ווי אַ קעניג איבערן טאָל. יענע וואָך, אין ירושלים, פֿאָרנדיק מיטן אויטאָבוס נומער 25 איז געזעסן קעגן מיר אַ בחור וואָס זײַן גרויסער בויך האָט אויסגעזען ווי דער באַרג תבור וואָלט אומגעפֿאַלן און געבליבן ליגן אויף אַ זײַט. דער בחור האָט געקנאַקט סעמעטשקעס און דאָס שאָלעכץ וואָס ער האָט געשפּיגן אַרום זיך האָט זיך געזאַמלט ווי אַ קראַנץ אַרום זײַנע פֿיס.

צו ערשט האָב איך זיך נישט געמאַכט זעענדיק. ס׳איז מיר גאָרנישט געפֿעלן זײַן טועכץ. סײַ ווי בין איך אַרויס פֿון שטוב אין אַ שלעכטער שטימונג. איך וועל זיך דורכפֿאָרן סתם אַזוי, האָב איך געטראַכט, און די דריקענדיש וועט איבערגיין. די ווערטער וואָס איך האָב אָנגעשריבן האָבן נישט געטויגט און דאָס לעבן האָט אויסגעזען אָן אַ זינען. אפֿשר וועל איך זיך אָנטרעפֿן אויף עפּעס וואָס וועט זיך לוינען צו קוקן אויף דעם. כ׳וועל אויפֿכאַפּן אַ גוט וואָרט און עס וועט ווערן לײַכטער אויף דער נשמה.

אָט, דער האָט מיר נאָך צוגעפֿעלט צום רומל, האָב איך געזאָגט צו זיך און צוגעפּלאַטשיקט מײַן פּנים צום פֿענצטער. דער אויטאָבוס איז שוין געוועזן אונטערן שטאָט און ס׳האָבן זיך אָנגעזען ליידיקע שטחים. אַ וואַדי האָט זיך אַ צי געטאָן און פֿון ביידע זײַטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט פֿעלדער ווי פֿליגל פֿון אַ פֿויגל אין פֿלי. מיט דער האַנט האָב איך געמאַכט אַ ווענטל לעבן די אויגן, כדי נישט צו זען וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום די פֿיס פֿון דעם בחור קעגן איבער מיר. דער קראַנץ איז געוואָרן געדיכטער.

וואָלט איך געקענט זינגען, האָב איך געטראַכט, וואָלט איך זיך אונטער-געברומט דעם שלאַגער אויפֿן ראַדיאָ, ״ארץ יפֿתי״, זאָל ער הערן דאָס לידל אַז דאָס לאַנד איז שיין און מען דאַרף עס נישט באַשפּײַען. אָבער מײַן טאַטע האָט מיך געוואָרנט, ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, אַז מיט מײַן שטימע זאָל איך זײַן געהיט נישט צו עפֿענען דאָס מויל בציבור.

איך האָב צוגעשפּאַרט נאָך מער דאָס פּנים צו דער שויב און פֿון צווישן

די פֿינגער געכאַפּט אַ בליק אויף דעם בײַטל מיט סעמעטשקעס אויף זײַן שויס. מיר זענען שוין געווען מײַלן פֿון שטאָט און ס׳איז גאָרנישט געוואָרן ווייניקער דאָרטן. אויך אַרום מײַנע פֿיס האָט זיך געזאַמלט אַ קראַנץ. דער בחור האָט געשפּיגן אַרום זיך נאָענט און ווײַט. זײַנע פֿינגער האָבן נישט גערוט און ס׳האָט זיך געטאָן אַרום זײַן גאָמבע און אויך אינעווייניק צווישן די ציין. און די אָן אַ שיעור תנועות זײַנע פֿון בײַטל ביז צו די ליפּן. איין תנועה איז גאָרנישט געווען ענלעך אויף דער צווייטער. איך האָב אויפֿגעהערט קוקן אויף די פֿעלדער אין דרויסן און זיך פֿאַרקוקט אויף אים. איצט איז מיר שוין געווען אַ שאָד וואָס דער אויטאָבוס איז אַרײַנגעפֿאָרן אין נוה-יעקב און זיך דערנענטערט צו דער לעצטער סטאַנציע. וואָס איז מיר אָנגעגאַנגען אַצינד דער וועג, די נײַע גאַסן, די הײַזער וואָס האָבן געקלעטערט אַרויף און אַראָפּ אין דער באַרגיקער געגנט? אַזאַ שפּע פֿון תנועות. אויב ער קען אַזוי פֿיל אויפֿטאָן מיט שפּײַען, האָב איך געטראַכט, זאָל איך נישט אויפֿטאָן עפּעס מיט ווערטער? שוין איצט האָט דאָס געשריבענע מיר אָנגעהויבן אויסזען אַנדערש אין קאָפּ. ווען דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט און איך בין אויפֿגעשטאַנען אויף אַראָפּצוגיין, האָב איך זיך נישט אײַנגעהאַלטן און אים געלויבט:

״ממש אַן אָרקעסטער״, האָב איך זיך אָנגערופֿן.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פֿולן בליק, ווי ער וואָלט חושד געווען אַז עפּעס בין איך מיט אים נישט צופֿרידן, אַרײַנגעוואָרפֿן אַ סעמעטשקע אין מויל אַרײַן, געטאָן אַ שפּײַ און דאָס שאָלעכץ האָט פֿאַרבײַגעשאָסן מײַן אויער מיט אַ פֿייף.

# זיבן טעכטער

דער ייד פֿון מאה-שערים האָט מיך נישט דערקענט ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אים אָפּצוגעבם שלום-עליכם. האָב איך נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן צעטל צו פֿאַרגלייכן מיטן נאָמען אויפֿן שילדל וואָס איז געהאָנגען קרומלער איבער זײַן וואַרשטאַט. אויף ביידע איז געווען פֿאַר-צייכנט: ראובן ציינווירט — היטלמאַכער. ער איז געשטאַנען אונטערן גרינלערן שילדל אין דער אָפֿענער טיר און די פֿאַלעס פֿון זײַנע צוויי קאַפּאָטעס וואָס ער האָט געטראָגן זענען געווען צעעפֿנט. עטלעכע טריט ווײַטער, אויף דער זעלבער ווראַנדע האָב איך באַמערקט דאָס פֿעסל ווײַן גרייט פֿאַר דער סעודה אויף וועלכער ער האָט אויך מיך פֿאַרבעטן. אַרומגענומען מיט רײַפֿן האָט דאָס פֿעסל געכאַפּט אַן ענלעכקייט אויפֿן בעל-הבית. ביידע זענען געווען געלבלעך, נידעריק און בײַכיק.

„איך בין דער ייד פֿון אויטאָבוס!" האָב איך אויסגערופֿן. מיר זענען צוזאַמען געפֿאָרן אין נײַעם שפּיטאָל אַרײַן „שערי-צדק". איך בין געזעסן לעבן אים און ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט זײַנע פֿינעף טעכטער, די עלטסטע נישט מער ווי נײַן יאָר אַלט. זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט דעם טאָטן, נאָר ער זאָל איר זאָגן ווי מען וועט רופֿן די צוויי נײַע מיידאַלאַך וואָס די מאַמע האָט געבוירן.

דער היטלמאַכער האָט אַרויסגעלאָזט פֿון צווישן זײַנע ליפּן אַ שפּיצל פֿון זײַן באָרד און געמאַכט אַ מינע אַז ער הויבט נישט אָן צו געדענקען אונדזער גאַנצע באַגעגעניש. מײַן העל אָנטועכץ איז אים שוין גאָר נישט געפֿעלן געוואָרן. אויך נישט מײַן היטל. עפּעס גאָר ווי אַ פּויער. אַ גלאַנציקער דאַשעק.

אָבער דעמאָלט, אויפֿן וועג אין שפּיטאָל אַרײַן צו די קינפּעטאָרינס, האָבן מיר זיך דווקא צעשמועסט און זיך געווונטשן מזל-טוב. אויך אין שפּיטאָל, ווען מען האָט געבעטן די מענער אונטערוואַרטן אין קאָרידאָר, האָבן מיר זיך פֿאַרקליבן אין אַ טונקל ווינקל און אַזוי פּנים צו פּנים, באַגלייט מיט אַ פּסוק פֿון פּרקי-אָבות און פֿון אַנדערע ספֿרים, זיך אַראָפּגערעדט אַ ביסל פֿון האַרצן איינער פֿאַרן אַנדערן.

אַלע זײַנע זיבן טעכטער, למשל, זענען פֿון דער דריטער ווײַב. מיט דער ערשטער האָט ער געלעבט פֿינעף יאָר בערך. מיט דער צווייטער — אַ ביסל ווייניקער. אָפּגעלעבט אַ געגטער, צווישן דער ערשטער און דער צווייטער, אַרום פֿינעף יאָר, און ס'האָט גענומען צוויי מאָל אַזוי פֿיל יאָרן ביז דאָס מזל האָט אים באַשערט דאָס דריטע ווײַב, און ערשט דעמאָלט איז דער אמת אַרויס קלאָר ווי בוימל אויפֿן וואַסער. די צוויי פֿריערדיקע ווײַבער האָבן געטענהט אַז ער איז נישט קיין מאַן.

איך האָב אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ ביסל געלט אויף צו קויפֿן ביי אים אַ היטל, אַזא וואָס מען טראָגט אין מאה-שערים, אַ שוואַרצן קאַ-פּעליוש, נאָר ציינווירט האָט פֿאַרמאַכט זײַן וואַרשטאַט, פֿאַרריגלט די לאָדנס און געבעטן איך זאָל זיך לאָזן גיין ווײַטער און נישט פֿאַרדרייען אים אַ קאָפּ.

„נישט דאָ, גיי, גיי!" און ער האָט אונטערגעפּאָכעט מיט אַ האַנט ווי ער וואָלט מיך אָוועקגעקערט צוזאַמען מיטן געלט. ס'האָט אים נישט געפּאַסט מען זאָל מיך דאָ אָנטרעפֿן לעבן אים בעת מען וועט קומען נעמען דאָס פּעסל ווײַן אין שול אַרײַן. אַ ליאַדע רגע וועלן זיי דאָ זײַן.

„אַ בלבול האָבן די ווײַבער אָנגעמאַכט אויף מיר", האָט ער מיר דעמאָלט, אין שפּיטאָל, געזאָגט. ער האָט זיך פֿאַרקלאָגט אַז זײַנע טענות האָט מען נישט אָנגענומען. מען האָט געגלייבט די ווײַבער און נישט אים. נאָכן גט מיטן צווייטן ווײַב האָט מען שוין גאָר געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מצורע. גאַנצע נײַן יאָר איז ער געווען אויס מענטש. נישט קיין איין עליה צו דער תורה. אָבער איצט וואַרפֿט ער זיי מיט יעדן קינפּעט די עוולה אין פּנים אַרײַן. דאָס מאָל, אַ צווילינג, האָט ער אַליין צוגעגרייט אַ פֿול פּעסל ווײַן. זאָל פֿרייליך זײַן. אויך די הײַזער וועלן דאָס מאָל מיטטאַנצן.

אָבער דער הויף איז געווען שטיל. צוויי יידן אין שוואַרצן, אויסגעדרייט צו אונדז מיט זייערע פּלייצעס, האָבן זיך געסודעט אין דער הייך אויף אַ דרויסנדיק גאָרן מיט שטיגן. אַ חדר-יינגל אין אַ טלית-קטן איבערן העמד, האָט זיך געפּאַרקעט לעבן אַ מיסט-קאַסטן. אַ ברייטע יידענע, אויך אין שוואַרצן האָט פֿאַרבײַגייענדיק געוואָרפֿן אויף מיר אַ בייזן בליק. אויך בײַ ציינווירטן האָט די בייזקייט נישט אָפּגעלאָזט. מײַן אָפּגעגאָלט פּנים איז אים נישט געווען צום האַרצן. ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן אַוועקגיין האָט ער מיך צוריק גערופֿן און געבעטן איך זאָל אים פֿאַרט העלפֿן אַ קאָלער טאָן דאָס פּעסל.

״אַז דו ביסט שוין דאָ״, האָט ער געזאָגט.

מיר האָבן צוזאַמען געקאָלערט דאָס פֿעסל ביזן עק פֿון הויף און ווײַטער האָט ער עס אַליין געטאָן. דאָס קאָלערן האָט אָפּגעהילכט אין דער פֿאַר-נאַכטיקער שעה. אָבער קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. די צוויי ייִדן אין שוואַרצן אויפֿן העכסטן טרעפּל פֿון גאָרן האָבן זיך ווײַטער געסודעט. דאָס חדר-ייִנגל האָט גענישטערט אין מיסט. די ברייטע ייִדענע איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אויך ציינוּוירט איז צוויי מאָל פֿאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן דעם וועש וואָס איז געהאָנגען אויף שטריק פֿאַרצויגן אין דער ברייט פֿון הויף. ער האָט זיך באַוויזן לעבן דער שול און ער האָט אויפֿגעשטעלט דאָס הילצערנע פֿעסל אַרומגעגאַרטלט מיט רײַפֿן. באַלד האָט ער אויך די פֿיר פֿאָלעס פֿון זײַנע קאַפּאָטעס פֿאַרבונדן אַרום זיך אונטערן בויך מיט אַ שוואַרצן גאַרטל. אַ געל ליכט איז געפֿאַלן אויף אים און אויפֿן פֿעסל און ביידע האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ צווילינג.



## װעגן װאָס איז דאָ צו שרײַבן ?

אַ שפּאָר ביסל שעהען פֿון טאָג בין איך אַרומגעפֿאָרן אויף אויטאָבוסן טאָמער װעט זיך מאַכן אַ מעשה צו פֿאַרשרײַבן. ס׳איז מיר נאָכגעגאַנגען אין געדאַנק דער בליק װאָס אַן אַלטער באַקאַנטער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר. נאָכן אָפּפֿאָרן עטלעכע סטאַנציעס, זיצנדיק אײנער לעבן אַנדערן, האָבן מיר זיך דערקענט. ער האָט געדענקט אַז איך בין געװען אַמאָל אַ פּאָסטער פֿון שעפּסן און נאָך דעם האָט ער געהערט אַז איך בין געװאָרן אַ שרײַבער.

״ביכער װעגן חורבן ?״ האָט ער געפֿרעגט.

װען איך האָב אים געזאָגט אַז ניין, האָט ער אָפּגעשװיגן נאָך עטלעכע סטאַנציעס, און ערשט פֿאַרן אַראָפּשטײַגן, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ לענגלעך פּנים, װי ער װאָלט געזוכט אויף מיר אַ פּאַסיק אָרט װו אַרײַנ־צורעדן און ער האָט געפֿרעגט :

״טאָ װעגן װאָס איז דאָ צו שרײַבן ?״

זײַן פּלאַץ האָט פֿאַרנומען אַן אײַנגעבויגענער זקן מיט צוויי קיישלעך שפּײַז װאָס ער האָט אײַנגעקויפֿט אויפֿן מאַרק אין מחנה יהודה. ער האָט זיך אַרײַנגעשטופּט דורך דער הינטערטיר און אויך נאָך דעם װי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און די קיישלעך זענען געשטאַנען לעבן זײַנע פֿיס, איז ער געבליבן אײַנגעבויגן אַזוי װי פֿריער. ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זײַן בילעט, װאָס ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון אַ קעשענע, איך זאָל אים איבערגעבן אַ צװייטן, אַזוי ביז צום שאָפֿער. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון דער זעלבער קעשענע אַ שפּאָר ביסל אויסגענוצטע בילעטן אויף װעלכע בלויז דאָס לעצטע נומערל איז נאָך נישט געװען דורכגעלעכערט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אײן מאָל געשיקט, אַזוי װי איצט, אין אַן אָנגעפּאַקטן אויטאָבוס, אַ פֿרישן בילעט, האָט מען אים אויפֿן װעג צוגע־גנבהט. זינט דעמאָלט זאַמלט ער די בילעטן מיטן לעצטן נומער פֿאַר אַזעלכע פֿאַלן, װען דער אויטאָבוס איז פֿול און ער דאַרף זיך אַרײַנשטופּן דורך דער הינטערשטער טיר. אָפּגענוצטע בילעטן קומען צוריק, האָט ער מיר געזאָגט, און מען דאַרף זיך קענען געבן אַן עצה אין לעבן.

איך האָב אים אונטערגעהאָלפֿן אַראָפּטראָגן די קיישלעך זײַנע, אויף דער

לעצטער סטאַנציע, און איך בין אַריבער אויף דער צווייטער זײַט גאַס וואַרטן אויף צו פֿאָרן צוריק אַהיים. נאָך איינער אין טונקעלע ברילן איז דאָרט געשטאַנען. ווען איך האָב זיך צוגעשטעלט לעבן אים האָב איך געהערט ווי ער רעדט צו זיך אַליין. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז ער האָט גערעדט צו מיר. ער איז געווען בלינד האָט ער נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט געוואָלט איך זאָל אים העלפֿן אַרויפֿשטעלן זײַן פֿוס אויפֿן טרעפּל ווען דער אויטאָבוס וועט אָנקומען. ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט אונטערשיידן דעם רעש צווישן די אַלטע און נײַע אויטאָבוסן. דאָס טרעפּל בײַ די אַלטע איז העכער. ער האָט נישט לאַנג צוריק געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ. אַדרבא זאָל איך זיך אײַנבייגן, אויפֿהויבן דעם לינקן הויז וועל איך זעען דעם צייכן וואָס איז דאָרטן פֿאַרבליבן. ווען איך האָב אַזוי געטאָן איז דער אויטאָבוס אָנגעקומען, בין איך שוין געבליבן אײַנ-געבויגן און אַרויפֿגעשטעלט זײַן פֿוס אויפֿן טרעפּל ווען די טיר האָט זיך געעפֿנט. אָבער ער אַליין איז ווי פֿאַרבליבן אין דרויסן, ער האָט נישט געקענט אַרויף, האָב איך אים מיט איין האַנט אונטערגעשטופּט אין דער פּלייצע, ער זאָל נישט אומפֿאַלן צוריק אונטערוויַלעכץ. דעמאָלט האָט זיך געהערט אַ בייז קול אין אויטאָבוס. אַ הייזעריק פֿרוויִשע שטימע, אין כעס פֿאַרוואָס מען שטופּט זיך אַרײַן אין אויטאָבוס:

„צי זעט מען נישט אַז אַ בלינדע גייט אַראָפּ?״

# ג. סטאַנציעס

רעדן צו דער וואַנט

אַ פּרימאַדאָנע

אַ שדכן

אַ גלאָז טיי אין באר-שבע

אַמסעלאַם

אויפֿן ריכטיקן וועג

אַ בעטלערין בײַ נאַכט

## רעדן צו דער וואַנט

כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פֿון ירושלים און זיך אַרײַנגעשטעלט אין אַ ריי וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. ער וועט אָנקומען, די מענטשן וועלן אויפֿשטייגן וועל איך זיך לאָזן גיין ווײַטער ערגעץ ווו. ס׳איז נישט געווען צו דערוואַרטן אַז עפּעס זאָל געשען. און וואָס האָט שוין געקענט פֿאַרקומען וואַרטנדיק דאָ אויפֿן אויטאָבוס נומער אַכצן אין אַ זײַטיקע גאַס? ס׳איז געווען צווישן צוויי און דריי אַ זייגער נאָך מיטאָג. די זון האָט געברענט. אַפֿילו די ריי איז קוים געווען אַ ריי.

אַ קליינע פֿרוי, אַ ביסל אײַנגעדאַרט, אַ פּאַפּיראָסל צווישן אירע ליפּן. און אַ זקן וואָס האָט וואַרטנדיק זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און גערעדט צו זיך אַליין.

אין אָנהויב האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דאָס איז גאָר מײַן שכן פֿון דריטן שטאָק. אפֿשר צוליב דער הויכער פֿוטערנער טשופּע אויף זײַן קאָפּ, ערשט אין חודש סעפּטעמבער. און אפֿשר גאָר צוליבן ריח פֿון ווײַן וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון אים. האָב איך זיך צוגערוקט הינטערווײַלעכץ, אַ טראָט נאָך אַ טראָט, נאָענטער צו אים, זיך אונטערהערן וואָס ער רעדט דאָרט צו זיך אַליין. ער האָט גערעדט צו דער וואַנט. געגלעט מיט ביידע הענט די שטיינער און געבעטן דער וואַנט זי זאָל זיך אַוועקרוקן אַן אַ זייט און אים לאָזן דורכגיין.

אַרום אים האָט זיך גאָרנישט גערירט. די אײַנגעדאַרטע פֿרוי איז געשטאַנען אויף איר אָרט. דאָס ווערדעלע אַש פֿון איר פּאַפּיראָסל האָט זיך פֿאַרלענגערט און זיך געבויגן. אויך זי אַליין איז געשטאַנען אָנגעבויגן אַ ביסל אַזוי ווי דאָס ווײדעלע אַש. די שערערײַ קעגן איבער די ריי איז געווען פֿאַרשלאָסן. אין פֿענצטער האָט זיך אָנגעזען אַ שייטל.

אַ הונט איז פֿאַרבײַ.

אַ פּאָליציאַנט האָט זיך דערנענטערט. אַ סערזשאַנט לויט די דרײַ פּאַסיקלעך אויף זײַן אַרבל אין דער פֿאָרם פֿון אַ לאַטייניש V. זײַנע לאַנגע וואָנצעס — אַ פֿערטער V, אַן איבערגעקערטער. ער האָט געוואָרפֿן צוויי בליקן אויפֿן זקן לעבן דער וואַנט. דער ערשטער, אַ קורצער. דער צווייטער —

אַ ביסל לענגער. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ פֿינגער אים אָנגערירט אין אַקסל. איידל און פֿרײַנדלעך האָט ער אים דערקלערט אויף העברעיש, אויך מיט די הענט, און אויף נאָך עפּעס אַ לשון, אַז דער ריכטיקער וועג פֿאַר בירגער צו גיין איז נישט דורך ווענט נאָר לענג- אויס די גאַס. און מיט אַ מאַך מיט דער האַנט האָט ער פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן אַלטן די גאַס און אַז דער וועג איז פֿרײַ.

דער זקן, הויך און גלײַך, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער גאַס, אונטערגעהויבן זײַן פֿוטערנע היטל, אַראָפּגענויגט דעם קאָפּ און געדאַנקט דעם פּאָליציאַנט:

"אדוני! אדוני!"

אויף זײַן נישט ראַזירט פּנים האָבן די קנייטשן זיך צעשפּריצט אין אַ שמייכל. ער האָט נאָכגעשיקט אַ שיקלדיקן בליק דעם אָפּגייענדיקן פּאָלי- ציאַנט, אַריבערגעפֿירט דעם זעלבן בליק אויף דער קליינער פֿרוי, און נאָך דעם אויפֿן קערטל פֿון פּאַפּיראָס וואָס האָט זיך אָוועקגעקאָלערט ביזן ברעג פֿון טראָטואַר און נאָך אַלץ געררויכערט — אַ דינער, בלויער פֿאָדעם.

און ווען אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן: דער פּאָליציאַנט בײַם ראָג פֿון דער גאַס, די פֿרוי — אין אויטאָבוס, און געבליבן איז בלויז דאָס שייטל האָר אויפֿן קאָפּשטיק אין פֿענצטער פֿון דער שערערײַ, האָט דער זקן זיך צוריק אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער גאַס. ער האָט אָנגעהויבן אויף ס'נײַ גלעטן די שטיינער און געבעטן דער וואַנט, ווייך און איידל, זי זאָל זיך צערוקן פֿאַר אים און מאַכן פֿרײַ דעם וועג.

# אַ פּרימאַדאָנע

לעבן גן דניאל, דעם גאָרטן אין ירושלים, האָב איך זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער ריי וואַרטן אויפֿן אויטאָבוס. איך וואָלט געגאַנגען צופֿוס לענג אויס רחוב יפֿו ביז צום ציון־פּלאַץ און אפֿשר נאָך ווײַטער ,ביז צום מאַרק מחנה יהודה, נאָר ס'האָט זיך פֿאַרקליבן אויף רעגן. אַ ליאַדע מינוט וועט אַראָפּ אַ גאָס, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, כאָטש פֿון הינטער אַ וואָלקן האָט זיך אָנגעזען אַ העלער פֿלעק. אויך די זון, האָב איך געטראַכט, קען אַמאָל אָנכאַפּן דעם אָנבליק פֿון אַ פּעניצל ציטרין.

און דאָ אין דער ריי האָט אַ הויכער בחור פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיטן מיידל לעבן אים.

"דו ווייסט", האָט ער געזאָגט, "אַזאַ שיינע ווי דו, וואָלט אין רוסלאַנד געוואָרן אַ פּרימאַדאָנע".

לויט דעם ווי ער האָט פֿרײַער אָפּגעאָטעמט האָט זיך אָנגעזען אויף אים אַז עס איז אים נישט אָנגעקומען לײַכט צונויפֿבינדן אַ שורה העברעישע ווערטער. איצט האָט ער זיך אויסגעצויגן נאָך העכער.

זײַן באָרד — סאָלזשעניצין.

זײַן נאָז — שפּינאָזאַ.

ער האָט געשמייכלט צום מיידל און געוואַרט אויף אַ ענטפֿער.

איר פּנים — פֿול מיט אויגן.

איר מויל — פֿול מיט מאַסטיק.

"פּרימאַדאָנע ?" האָט זי איבערגעפֿרעגט, "וואָס איז אַזוינס אַ פּרימאַ־דאָנע ?"

דער בחור האָט אַ גלעט געטאָן עטלעכע מאָל מיט דער האַנט זײַנע שיטערע האָר אויפֿן קאָפּ צו פֿאַרשטעלן כאָטש אויף אַ ווײַלע דעם פּליך, און זיך אַרומגעקוקט אומבאַהאָלפֿן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט בײַ די מענטשן אין דער ריי. די ריי האָט זיך נישט אַרײַנגעמישט. איטלעכער באַזונדער איז געשטאַנען פֿאַרטאָן אין זיך. קעגן איבער האָט זיך געהויבן אַ פֿאַרנעמיקער בנין מיט געלע רעמלעך אַרום די פֿענצטער. אין גן דניאל, דער גאָרטן וואָס פּאָעטן אין ירושלים האָבן אים באַזינגען אין זייערע

לידער, האָט דער ווינט אַראָפּגעיאָגט די לעצטע בלעטער פֿון די ביימער. אַן אַלטער גערטנער האָט זיי געקליבן אויף אַן אָפּגעריבענער טאַץ, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון אַ נאָענטן רעסטאָראַן. דער בחור האָט צו-נויפֿגעקליבן אַ נײַע שורה מיט העברעישע ווערטער און געפֿרעגט דעם מיידל.

„וואָס ?, ווייסט נישט וואָס עס איז אַזוינס אַ פּרימאַדאָנע ?"

דאָס מיידל האָט איבערגעשטעלט די משא פֿון איר גוף פֿון איין פֿוס אויפֿן אַנדערן. איבערגעקאָלערט דעם מאַסטיק אין איר מויל פֿון איין באַק אויף דער אַנדערער און געזאָגט :

„ניין".

בײַם בחור האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס העברעישע לשון. דאָס מיידל האָט אַרויסגעשטעקט אַ שפּיץ צונג, אָנגעבלאָזן דעם מאַסטיק אויף אַ באַלאָן און אים אויסגעפּלאַצט דעם בחור אין פּנים אַרײַן. זי איז אַרײַן אין אויטאָבוס און דער בחור נאָך איר. אויפֿן טרעפּל האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן און אַ קוק געטאָן אויף צוריק. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו מיר און צום גרויען דרויסן און געזאָגט :

„אַ שאָד. אַ גרויסער שאָד".

# אַ שדכן

ביז דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען בין איך געשטאַנען אָן אַ זײַט מיט מײַן קיישל פּרוכט און גרינסן. נישט געווען פֿאַר מיר קיין פּלאַץ אויפֿן צע־בראָכענעם בענקל לעבן דער סטאַנציע. צוויי פּענסיאָנערן זענען דאָרטן געזעסן, און איינעם פֿון זיי, דעם מיטן געלן קאַפּעליוש, האָב איך געהאָלפֿן אונטערטראָגן זײַן וואַליזע ווען מיר זענען ביידע אַרײַן אין אויטאָבוס.

איצט איז ער געזעסן קעגן איבער מיר מיט צעשפּרייטע פֿיס און זיין קאַפּעליוש אַרויפֿגערוקט ווי צום לייגן תּפֿילין. דער קראַק פֿון זײַנע הויזן איז געווען האַלב צעעפֿנט און אויך זײַן מויל אַזוי. אין ביידע איז געווען אַ ביסל פֿאַרטונקלט און לײדיקלעך. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע פּאַפּירלעך און געלייענט די אַדרעסן וואָס ער האָט אָפּגעקויפֿט פֿריער ביי יענעם אויפֿן בענקל. ער האָט זיך פֿאַר יענעם אַראָפּגערעדט פֿון האַרץ און ביז דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען, אַרויסגעלייגט זײַן איצטיקע לאַגע. אַ חוץ אַ פּענסיאָנער האַנדלט ער אונטער עטלעכע טעג אין דער וואָך מיט אָפּגענוצטע בגדים אין מחנה יהודה, און לעצטנס איז ער פֿאַרנומען מיט נאָך עפּעס אַן ענין; געוואָרן אַן אַלמן און ער וויל ווידער חתונה האָבן.

„מיט וואָס פֿאַר אַ ווײַב?" האָט יענער געפֿרעגט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז געווען אַ שדכן און דאָס צעבראָכענע בענקל לעבן דער סטאַנציע — זײַן ביוראָ. סך־הכל אַ דרײַ הונדערט מעטער פֿון מחנה יהודה און דאָ האָבן פּענסיאָנערן פֿון ביידע מינים זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויפֿן אויטאָבוס. געגנוג צײַט אויף דורכצופֿירן אַ געשעפֿטלעכן עסק; פֿאַרפֿירן אַ שמועס, שטעלן אַ שאלה, פֿאַרציכענען פּרטים, פֿאַרשרײַבן אַדרעסן.

„גוט אין קיך אָדער גוט אין בעט?" האָט דער שדכן פֿאַרענדיקט זײַן שאלה.

ער האָט אויך געהאַט ווײַבער פֿון אַ דריטן סאָרט. טויגלעך אין ביידע פּלעצער — קיך און בעט.

דער אַלמן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. צוויי מאָל, כדי דער שדכן זאָל זיך כאַפּן אויף זײַן כוונה.

דער שדכן, קליין און דאַר, און צוליב זײַן דינעם האַלדז האָט עס

אויסגעזען ווי זײַן קאָפּ וואָלט אים געהאָנגען אויף צוויי גרויסע אויערן, האָט נישט אָפּגעלאָזט און ווידער געפּרעגט:

„און אַ שטאָך אַרבעט קענסטו נאָך מאַכן?" ער האָט אַרויסגעצויגן אַ פּנקסל פֿון קעשענע צו פֿאַרשרײַבן דעם ענטפֿער און צוגעגעבן: „כ'מיין נישט פּישן". ער האָט געהאַט דרײַ אַדרעסן פֿון דריטן סאָרט. אַ דאָלאַר אַן אַדרעס.

איצט אין אויטאָבוס, האָט דער אַלמן געלייענט מיט די ליפּן די אַדרעסן אויף די דרײַ קוויטלעך. ער האָט זיי פֿאַרשטעקט אין דער אויבערשטער קעשענע פֿון זײַן רעקל און זיך פֿאַרקוקט אויף מיר מיט אַ פֿאַרחלומטן בליק. זײַן חלום האָט מיר אָנגעשטעקט און איך האָב זיך מיטגעבאָפּט מיט זײַנע מחשבות. איך האָב אויך געדענקט וואָס דער שדכן האָט געזאָגט וועגן איינע פֿון די ווײַבער: אַ שטיקל גן־עדן אויף דער וועלט.

דער אַלמן האָט אויפֿגעשמייכלט און אויך אין זײַן מויל איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער. ער האָט זיך צוגעבויגן נאָענטער אָבער נישט צו מיר נאָר צו מײַן קיישל. ער האָט אַרײַנגעשטעקט אַהין זײַן האָריקע האַנט, איבערגעקערט אַ בײַטל, אַרויסגעצויגן פֿון דאָרט אַ פּאָמידאָר, אים גע־קאָלערט אין דער האַנט און געפּרעגט, טײַטלענדיק אויף אַן אָנגעפּוילטן פֿלעק:

„און וויפֿל האָסטו באַצאָלט פֿאַר דעם דאָזיקן טינופֿת?"

# אַ גלאָז טיי אין באר-שבע

אין די שעהען צווישן די נײַעס אין ראַדיאָ, האָבן זעלנער אַהיימגעשיקט גרוסן פֿון פֿראָנט. זיצנדיק לעבן קליינעם טראַנזיסטאָר, האָב איך זיך מיטגעכאַפּט מיט זייערע רייד און אַריבער געשיקט אין געדאַנק אַ גרוס צו אַ זקן און זײַן ווײַב אין באר-שבע, וואָס האָבן מיט פֿינעף און צוואַנציק יאָר צוריק מיר מכבד געווען מיט אַ גלאָז טיי.

אין אָנהייב האָט מיר דער זקן אויפֿגערעגט, ווען איך האָב אים דערזען שטיין איבער מיר אַן אײַנגעבויגענער: מיט אַ נאָפּטלעמפּל אין דער האַנט, האָט ער מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, איך זאָל אים געבן עפּעס צו לייזן אין דעם קיאָסק. ס'איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען דער שלאָף פֿון אַ מידן זעלנער אין מיטן דער נאַכט.

מיר זענען געווען אַ כיתה רעזערוויסטן אויפֿן וועג קיין אילת, נאָך פֿאַר דער מלחמה וואָס מען האָט שפּעטער אָנגערופֿן מבצע קדש, און כדי אויסצומײַדן אַן אָנפֿאַל פֿון טעראָריסטן, האָבן מיר איבערגענעכטיקט אויף אַ פֿרײַען פּלאַץ אין עק פֿון שטאָט. אַרום און אַרום איז געווען פֿינצטער און דאָס איינציקע ליכט איז געווען דעם זקנס נאָפּטלעמפּל. ער איז גע-גאַנגען צווישן די שלאָפֿנדיקע זעלנערס, אַרײַנגעוויקלטע אין קאָצן און אין שלאָפֿזעק, מיט שיך אונטערגעלייגט צוקאָפּנס, אַרײַנגעלויכטן דאָ און דאָרטן ווען אין פּנים אַרײַן, און דערציילט, אַז ער האָט געהערט עפּעס אַ רעש, איז ער אַרויס אין דרויסן זען וואָס עס טוט זיך — זאָל מען קויפֿן בײַ אים אין קיאָסק פּאַפּיראָסן, מאַסטיק, אַ קאַלטן טרונק.

איך בין נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך געבייזערט אויפֿן זקן. אַ זעלנער האָט אים נאָכגעשיקט אַ קללה. אים נאָכגעשריגן אַז ער איז אַ ייד פֿון גלות. זיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף — און גלײַך געשעפֿטן אין קאָפּ. דער ייד האָט נישט געענטפֿערט. זײַן פּנים איז מיר פֿאַרבליבן פֿאַר די אויגן. אַ לענגלעך געזיכט. אײַנגעפֿאַלענע באַקן, די גרוילעכע באָרד — שיטער און טרוקן.

אײַנשלאָפֿן האָב איך שוין מער נישט געקאָנט. האָב איך זיך אויפֿגעזעצט און גערעדט צו דער פּלייצע פֿון זקן, וואָס האָט זיך דערווײַטערט און פֿאַר-

שווונדן געוואָרן אין דער טונקלניש. איך האָב אים געזאָגט, אַז דער האַלדז איז מיר געשוואָלן, אַז עס איז מיר ביטער אויף דער נשמה, און אים, דעם זקן, ליגן געשעפּטן אויפֿן זינען.

דערווײַל האָט דער ייִד געעפֿנט די טיר פֿון זײַן קיאָסק און די זעלנערס, ווי נאַכטפּלאַטערלער, האָבן זיך אַ צי געטאָן אינעווייניק צום ליכט. ווען איך בין אויך אַרײַן אַהין איז שוין כמעט נישט געווען קיין פּלאַץ ווו צו שטיין. מען האָט זיך צונויפֿגעשטופּט און דער ייִד הינטערן פּאַרקויפּטיש איז געשטאַנען גרייט צו באַדינען.

„אַ הייס גלאָז טיי!" האָב איך אויסגערופֿן און אָנגעוויזן אַז מײַן האַלדז איז געשוואָלן. ס'האָט ווײ געטאָן בעתן רעדן. שוין אין אָנהייב פֿון דער נסיעה האָב איך זיך נישט געשפּירט מיט אַלעמען. איך האָב געהאַפּט זיך דורכשלאָפֿן די נאַכט און דאָס געשוויכלעץ אין דער פֿרי וועט אָפּגיין. אָבער די נאַכט איז מיר שוין פֿאַרלוירן געגאַנגען צוליבן זקן.

וואָס שייך טיי, האָט ער געענטפֿערט, וועט ער דאַרפֿן אויפֿוועקן זײַן ווײַב, און ער איז פֿאַרשווונדן געוואָרן אין אַ פֿינצטער קעמערל. וואָס טוט נישט אַ ייִד צוליב פּרנסה, האָב איך געטראַכט, און געווען גאַנץ צופֿרידן צו הערן, ווען ער האָט, צוריק קומענדיק אָנגעזאָגט, אַז זײַן ווײַב טוט זיך אָן און ווער עס וויל זאָל אַריבערגיין אינעם פֿאַרמאַכטן הייפֿל, דאָרט וועט מען אים מכבד זײַן מיט טיי. זעלנערס האָבן זיך מיישב געווען, אויפֿגעגעבן די קאַלטע געטראַנקען, מאַסטיק און אַנדער נאַשוואַרג, און געלאָפֿן ברענגען יעדער זײַן טעפּל.

באַלד האָט זיך טאַקע אינעם קליינעם הייפֿל אויסגעמישט דער רעש פֿון איבערגעוועקטע זעלנערס מיטן רעש פֿון צוויי פּרימוס-מאַשינקעס אויף אַ לענגלעך בענקל, און דעם זקנס ווײַב, אין אַ לאַנגן שלאָפֿראָק, נאָך אַ ביסל פֿאַרדרעמלט, האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר די זעלנערס, וואָס צוליב דעם יקרות אין לאַנד, איז אין שטוב קיין צוקער נישטאָ, נאָר ווער עס וועט וועלן פֿאַרזיסן די טיי, האָט זי אַ ביסל האָניק.

„אָבער באַצאָלן וועט מען זיך הייסן ווי ס'דאַרף צו זײַן", — האָט זיך אָנגערופֿן לעבן מיר אַ זעלנער מיט קלײַנע אויפֿן פּנים. ער האָט פֿאַרויס-געזאָגט אַז באַלד וועט דער זקן אויפֿזינגען אַ פּרײַז אינמיטן דער נאַכט פֿאַרן ביסל מוטנעם וואַסער. מען דערשמעקט אַ פֿאַרדינסטל און נאַכט ווערט טאָג, האָט ער געזאָגט.

ס'ביסל האָניק האָט נישט געסטײַעט אויף אַ צווייטער רונדע פֿאַר די

זעלנערס. אויך די טיי האָט פֿאַרלוירן די פֿאַרב און דער נאַפֿט אין די פּרימוסמאַשינקעס איז אויסגעגאַנגען. האָט דער זעלנער מיט די קליינע דערלאַנגט דעם זקן אַ באַנקנאָט, זאָל ער געבן אַ רעשט. מער נאָך ווי דאָס, וועט דער זקן זיכער נישט פֿאַרלאַנגען. אָבער דער ייִד האָט זיך אָפּגעזאָגט נעמען באַצאָלט. ער ציט זײַן פּרנסה פֿון קיאָסק, האָט ער געזאָגט אויף העברעיש געמישט מיט יידיש, ער פֿאַרקויפֿט מאַסטיק און פּאַפּיראָסן, אָבער נישט קיין טיי, און דערפֿאַר קומט נישט מע זאָל אים באַצאָלן.

דער זעלנער מיט די קליינע האָט זיך אויפֿגערעגט. דער ייִד האָט אים נישט אָנגעהויבן געפֿעלן צו ווערן. וואָס מיינט ער ביי זיך, אַז ער איז ראָטשילד, וואָס ער צעטיילט בחינם האָניק און נאַפֿט? זאָל ער נישט זײַן אַזוי גוט, ווײַל אַ מענטש צו אַ מענטש איז אַ וואָלף אין אונדזערע טעג, געגעבן טיי — זאָל ער נעמען געלט.

"איך טובות — נישט וויל", האָט דער זעלנער מיט די קליינע גערעדט אויף יידיש, דער ייִד זאָל פֿאַרשטיין, אָבער דעמאָלט האָט זיך דאָס ווײַב אַרײַנגעמישט. זי האָט געלערנט דעם זעלנער ווי אַזוי אויסצולייגן די ווערטער אין אַ ריכטיקן יידיש, און צוגעגעבן אַז ער מעג נישט אָננעמען קיין טובות, דאָס איז זײַן רעכט, און ווי מיט אַ גלעט פֿון דערוווײַטנס, איבער דעם זעלנערס פּנים מיט קליינע, האָט זי אים דערקלערט, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן איז נישט קיין טובה, זי האָט זיך אײַנגעבויגן צום טשײַניק זען אויב ס'איז נאָך פֿאַרבליבן הייס וואַסער, און אַ מורמל געטאָן. דער זקן האָט איר אונטערגעהאָלפֿן:

"אַ מיצווה. אַ מיצווה".

# אַמסעלאַם

ווען איך בין אַראָפּ פֿון אויטאָבוס נומער 9 אין רחוב מלך דזשאָרדזש, האָט איינער, אויפֿשטייַגנדיק, אַ זאָג געטאָן צו מיר:

„שלום, סמל!"

באַלד האָט ער געפּאַקעט מיט אַ האַנט וואָס ער האָט אַרויסגעשטעקט דורכן פֿענצטער פֿון אויטאָבוס און מיר דערמאָנט ווער ער איז:

„דער זעלנער וואָס האָט מורא געהאַט באַנאַכט שיסן פֿון אַ ביקס!"

„אַבשלום פֿון טבריה! אַבשלום!"

נאָך אַזוי פֿיל יאָרן זינט יענער נאַכט האָט ער אויסגעזען עלטער און שענער. זייַנע באַקנבערד זענען געוואָרן עפּעס ווי רייַכער און ברייטער. אָבער אין יענער הייסער זומערנאַכט איז ער געזעסן אַ טרויעריקער אויף אַ בערגל הינטער טבריה, אייַנגעהילט אין אַ גרויער קאָץ און אויף אַלע מייַנע רייד געהאַט אוין ענטפֿער: הכל מאלוהים. אַלץ איז באַשערט.

„אַלע זעלנער האָבן שוין געשאָסן! בלויז דייַן ביקס איז קאַלט!" האָב איך געשריגן אויף אים ווי עס שרייַט אַ סערזשאַנט אין דער אַרמיי. אַבשלום האָט געמאַכט אַ שפּאַלט אין דער קאָלדרע, אַרויסגעקוקט מיט איין אויג און פֿאַרגעלייגט איך זאָל אים מוותר זייַן דאָס שיסן, וועט ער מיך אויס-לערנען פֿאַרטרייַבן שדים.

זיצנדיק אַן אייַנגעהילטער אויפֿן שטיין האָט ער אין דער שייַן פֿון דער לבנה טאַקע אויסגעזען ווי אַ טרויעריקער שדים-פֿאַרטרייַבער.

דאָס איז געווען זייַן פּאַך. ער האָט איין מאָל דערציילט ווי אַזוי ער האָט געכאַפּט אַ שד אויפֿן אַקסל פֿון זייַן אייגן ווייַב. ס'האָט זיך שפּעטער אַרויס-געוויזן: אַ קליינער, טערקישער שד. קיין סך פּרנסה האָט עס אים נישט אַרייַנגעבראַכט. אַבשלום איז געווען אַן אָרעמאַן. ס'האָט זיך אָנגעזען אין דעם אופֿן ווי ער האָט זיך מטפּל געווען מיט זייַנע צעריסענע זאָקן אין אַ הייסן טאָג צווישן די בערג. ער האָט זיי אַראָפּגעצויגן פֿון די פֿיס, לעבער און צויטן, זיי אויפֿגעהאַנגען צום טרוקענען, זיי נאָך אַ מאָל אָנגעטאָן און מאַרשירט ווייַטער. אין זייַן געדולד צו אַט די צעלעכערטע זאָקן האָט געשטעקט אַן אביון.

„וועסט גיין זיצן אין תּפֿיסה!" האָב איך געשריגן אויף אים אויב ער וועט נישט שיסן.

אַבשלום האָט זיך נישט מיאש געווען. ער האָט אַרויסגעשטעקט אַ פֿינגער צו דער לבנה און געזאָגט אַז די וואָך פֿאַלט אויס תשעה-באָב און אויב איך וועל פֿאַר אים שיסן, וועט ער פֿאַר מײַנעט וועגן תּפֿילה טאָן.

דער אויטאָבוס האָט זיך אַ ריר געטאָן און דאָס אַלץ איז פֿאַרבײַ זייער גיך אין מײַן זכּרון. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם שווערן ספֿר-הקינות וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון זײַנע ברייטע הויזן, ווי אַזוי ער האָט אויפֿ-געהאַנגען זײַנע צעריסענע זאָקן אויפֿן שפּיץ פֿון אַ ווײַסן דאָרן צווישן די בערג אין דער הייסער זון, ווי אַזוי דער דאָרן האָט זיך געזילבערט, זיך אַ ביסל אָנגעבויגן, און איך האָב געוואָלט כאַפּן אַ לעצטן בליק אויף דעם איצטיקן אַבשלום פֿון טבריה.

ס'איז מיר אַ שאָד געווען וואָס אַלע יאָרן בין איך פֿאַרבליבן אין זײַן זכּרון דער סערזשאַנט וואָס שרײַט, דער בייזער 'סאַמאַל' וואָס פֿײַפֿט און זידלט. איך האָב געוואָלט עפּעס צוגעבן אין זײַן זכּרון און עפּעס פֿון דאָרטן אויסמעקן. איך האָב אים געוואָלט דערציילן וואָס איך האָב אַלע יאָרן פֿאַרגעדענקט, אַז אין יענער נאַכט, ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זײַן סידור, נאָך איידער איך האָב באַשלאָסן וואָס צו טאָן, האָט ער שוין אַראָפּגעלייענט דעם ענטפֿער פֿון מײַן פּנים. נאָך איידער איך האָב זיך אַרײַנגעלייגט מיט זײַן ביקס אין גריבל אויף צו שיסן, האָט ער זיך אויפֿ-געשטעלט פֿון שטיין, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די גרויע קאָלדרע און אַ באַפֿרײַטער פֿון שרעק און פֿון תּפֿיסה אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ דערהויבן געמיט און מיט אַ פֿריילעך האַרץ, די טרויעריקסטע קינות פֿון אונדזער פֿאָלק.

# אויפֿן ריכטיקן וועג

צוזאַמען מיט מיר איז געזעסן אויפֿן צעבראָכענעם בענקל אַ קליינע פֿרוי אין אַ לאַנגער סאַרי. מיר האָבן ביידע געוואַרט אויפֿן אויטאָבוס נומער 3. זי האָט אויפֿגעכאַפּט מײַן בליק, אַ ווײַז געטאָן מיט אַ פֿינגער צום שילדל אויפֿן סלופּ און געפֿרעגט:

"רוסלאַנד?"

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ סימן אַז זי וואַרט אויף דער ריכטיקער סטאַנציע, אָבער באַלד איז זי ווידער אַרײַן אין אַ ספֿק און איבערגעפֿרעגט:

"אויך איראַק?"

אירע האָר זענען געווען בלויִלעך ווי איר סאַרי און אויף איר האַלדז האָט געבליצלט אַ צירונג. אויך אויף איר שטערן האָט עפּעס געבלאַנקט מיט גאָלד. איצט האָב איך שוין אויפֿגעכאַפּט איר בליק און געפֿרעגט:

"פֿון אינדיע?"

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ האָב איך איר געזאָגט פֿון וואַנען איך קום:

"ירושלים".

געקומען פֿון דאָרט זיך אָפּרוען אַ פּאָר טעג אין נצרת-עלית. זיך טרעפֿן מיט אַמאָליקע שכנים. אַ קוק טאָן צי עפּעס האָט זיך געענדערט אין שטעטל. נישט געענדערט האָט זיך דאָס צעבראָכענע בענקל אויף וועלכן מיר זענען געזעסן. אויך נישט דאָס אגד-שילדל אַרומגעזשאַווערט בײַ די עקן. און דער אויטאָבוס נומער 3 האָט נאָך אַלץ פֿאַרבונדן ביידע ישובים, אינעם טאָל, ווו די אַראַבער וווינען, מיט נצרת-עלית אויפֿן באַרג. זעט אויס אַז אויך דער מאַרקטאָג האָט זיך נישט געענדערט, אַזיסט וואָלטן מער מענטשן געוואַרט דאָ אויפֿן אויטאָבוס, דאָ אויפֿן הויפּטוועג צווישן ביידע ישובים.

"אויך גרוזיע?" האָט די פֿרוי ווידער געפֿרעגט. זי איז געוואָרן אומרואיק טאָמער זי האָט פֿאַרט פֿאַרבלאָנדזשעט. ווײַל מיר זענען אָפּגעזעסן אַרום אַ האַלבע שעה און קיין אויטאָבוס האָט זיך נישט באַוויזן. אָבער פֿאַר מיר איז עס געווען אַ ריכטיקער סימן אַז אַלץ איז געבליבן אַזוי ווי עס איז געווען. אין מאַרקטאָג איז מען אין ערגעץ נישט געפֿאָרן. אין דעם דאָזיקן טאָג איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען אויפֿן מאַרק. אַ טאָג פֿריער האָט

שוין דער מאַרק זיך געשפּירט אין די גאַסן. מען האָט זיך געזאַמלט לעבן די הײַזער און זיך געסודעט וועגן פּרײַזן און סחורות. אין מאַרקטאָג גופא האָבן הײַזער זיך געוועקט אין דער פֿינצטער. תושבים אין די גאַסן האָבן געטראָגן וואַליזעס און זעק, ליידיק און פֿול, צו קויפֿן און פֿאַרקויפֿן.

„אויך אינדיע?" האָט די פֿרוי געפֿרעגט שוין שטייענדיק אויפֿן טרעפּל פֿון אויטאָבוס. דער ספֿק האָט איר נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. ערשט לעבן מאַרק, ווען דער אויטאָבוס האָט זיך אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן און בײַ איינעם איז צוליב דער שטופּעניש אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט אַ טאַץ מיט אייער און דער אויטאָבוס האָט זיך צערעדט וועגן צעבראָכענע אייער אפֿשר אויף צוועלף שפּראַכן, אויך אויף מאַראַטי-לשון, ערשט דעמאָלט האָט די קליינע פֿרוי אין דער סאַרי פֿרײַ אָפּגעאָטעמט. באַפֿרײַט פֿונעם ספֿק האָט זי אַריבערגעשמייכלט צו מיר אַז דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער אויטאָבוס און דער ריכטיקער ישוב.

# אַ בעטלערין ביי נאַכט

כ׳האָב גאָרנישט געהאַט בדעה אויפֿצוּוועקן די בעטלערין וואָס האָט איַינ־געדרעמלט זיצנדיק אויפֿן טראָטואַר, אָן אָנגעשפּאַרטע מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט. זי האָט זיך אויפֿגעוועקט מיטן ערשטן קלונג פֿון דער מטבע וואָס איך האָב אַריַינגעוואָרפֿן אין איר פּושקע. זי האָט אונטערגעהויבן אַן עק פֿון געשטריקטן היטל, אַראָפּגערוקט ביז אַ העלפֿט איבער איר פּנים און עפּעַנענדיק אַן אויג זיך געפֿרעגט אויפֿן זייגער. ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. איינציקע דורכגייערס האָבן זיך נאָך אַרומגעפּלאָנטערט לעבן דער צענטראַלער אגד־סטאַנציע אין תל־אביב. די לעצטע אויטאָבוסן זענען אָפּגעפֿאָרן און איבערגעלאָזט נאָך זיך ליידיקע איבערגענג צווישן די באַריערן.

אויך די בעטלערס האָבן איינער נאָכן אַנדערן צונויפֿגעקליבן זייערע פּעקלעך און זיך אַוועקגעוויקלט אין דער נאַכט אַריין. אַ בערגל קליידער איז געבליבן ליגן לעבן דעם אַריַינגאַנג אינעם בנין, און אויף זיַין צווייטער זיַיט — די פֿאַרדרעמלטע בעטלערין, וועלכע איז שוין אויך גרייט געווען זיך אָפּטראָגן פֿון פּלאַץ. זי האָט געוואַרט אויף איר ברודער, ער זאָל זי אַהיימנעמען. יעדע נאַכט, אין דער זעלבער שעה, איז ער געקומען זי באַגלייטן ביז צו איר שטוב. וויַיל ס׳איז געוואָרן אַ סכנה היַינטיקע טעג צו גיין איינע אַליין אין דער פֿינצטער איבער ליידיקע גאַסן. צוליב באַנדיטן. זיי זענען געוואָרן ממש גזלנים. מ׳שלאָגט. מ׳הרגעט. און ערשט נאָך דעם, כאַפּן זיי אַוועק דאָס געלט. און טאָמער האָט זי דעם טאָג אָנגעזאַמלט נישט מער ווי אַ הונדערט שקלים? וואָלטן זיי כאָטש פֿריער געפֿרעגט וויפֿל געלט זי האָט ביַי זיך — די רויבערס.

די בעטלערין האָט אַרויסגעשאָקלט די מטבעות פֿון איר פּושקע אין אַ רויט אָפּגעריבן רענצל און צוגעגעבן אַז דער פּחד געוועלטיקט היַינט איבער דער מדינה. זי האָט נישט געדענקט אַז אין צפֿת, ווו זי האָט אָפּגעלעבט אַלע אירע יאָרן זאָל מען האָבן געהערט וועגן אָנפֿאַלן אויף אַלטע ליַיט. מען האָט נישט געוווּסט פֿון אַזאַ הפֿקרות. אָבער וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט היַינט אַ מענטש אויף דער וועלט, און זי האָט אָנגעוויזן אויפֿן בערגל

בגדים אין דער אַנדערער זײַט לעבן אַרײַנגאַנג אין אגד-בנין.

דאָס בערגל בגדים האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן און ס׳האָט זיך פֿון דעם אַרויסגעוויקלט אַ זקן מיט אַ גאָלן קאָפּ. ער האָט עפּעס געזוכט אַרום זיך און די בעטלערין האָט דערציילט, אַז באַלד וועט אָנקומען זײַן זון און וועט צונעמען בײַ אים דעם פּדיון פֿון טאָג. ער קומט צו גיין יעדע נאַכט, האָט זי געזאָגט, נעמט צו דאָס אָנגעבעטלטע געלט און לאָזט איבער דעם טאַטן נעבעכיקן אין דרויסן. דער זקן רירט זיך נישט פֿון דאַנען טאָג אין נאַכט.

״טאָ ווו עסט ער?״ — האָב איך געפֿרעגט און זיך געכאַפּט אַז מײַן שאלה איז איבעריק. ווײַל זי האָב אונטערגעהויבן איר היטל אַ ביסל העכער און מיך אָנגעקוקט ווי איך וואָלט נישט געווען קיין היגער און נישט פֿאַר-שטאַנען אַז אַזוינער ווי דער-אָ-דאָ, דאַרף גאָרנישט עסן. געזאָגט האָט זי בלויז: ״אַ רומענער?!״

ער איז נישט געווען איר גלײַכנס און זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי צעלייגט דווקא דאָ לעבן איר און זיך נישט אויסגעזוכט אַן אַנדער פּלאַץ. זי האָט גערעדט מיט אַ ווייך קול, אָבער די קנייטשן אויף איר פּנים זענען געווען טרוקן און שאַרף.

שווייגנדיק האָט זי אָנגעהויבן אײַנפּאַלדן דעם הונדערטער וואָס איך האָב אַרײַנגעלייגט אין אירע הענט. דער זקן לעבן איר האָט אונטערגעלייגט זיך צוקאָפּנס אַ פּאָר שיך מיט הויכע כּאַלעוועס און איז צוריק געוואָרן אַ בערגל בגדים. זײַן זון האָט זיך נישט באַוויזן. ס׳איז אָנגעקומען דער זון פֿון דער בעטלערין. ער האָט געשאַרבעט מיט די פֿיס ווי ער וואָלט געווען קראַנק אָדער בגילופֿין. עפּעס האָט ער אַרײַנגעמורמלט אין איר אויער אַרײַן און נאָך דעם האָט ער גענומען דאָס רויטע רענצל מיטן פּדיון און איבערגעלאָזט אַן אַנדער רענצל אויך רויט און אָפּגעריבן. ער האָט נישט באַמערקט דאָס פּאַפּירן געלט אין אירע הענט. זי האָט געמאַכט נאָך אַ פֿאַלד און אײַנגעדרעמלט. איצט זענען אויך די קנייטשן אויף איר פּנים געוואָרן ווייכער. אירע פֿינגער האָבן זיך צעעפֿנט, דער באַנקנאָט איז אַראָפּגעפֿאַלן, זיך אָנגעהויבן אויפֿוויקלען און געעפֿנט אַן אויערל אין איר שויס.

## ד. מאַרקוס און ראָזאַ

מען מעג שוין וויינען
נאָר צוזאַמען
בן-גוריונ׳ס אַ לאַנדסמאַן
אין טאָג פֿון דער חתונה
וואָס איז אמת ?

# מען מעג שוין וויינען

מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, בערך, בין איך געווען אויף אַ ליטעראַרישן צוזאַמענטרעף אין ירושלים. פּאָעטן, מיידלעך און יונגע־לייַט זענען איינער נאָכן אַנדערן אַרויף אויף דער בינע און פֿאַרגעלייענט זייער לידער. ס׳איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן אויף זיי. יונג און שיין — אַ פֿרייד פֿאַרן אויג.

אָבער די לידער וואָס זיי האָבן געלייענט — יעדער ליד אַ קדיש.

איך האָב נישט געוווּסט זאָל איך לאַכן אָדער וויינען.

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך אויסגעפֿונען אַז איך בין נישט דער איינציקער אין דעם פֿאַל. מייַנע שכנים זענען געווען פֿאַרטאָן אין אַן ענלעכן מצב.

אַן אַלט פֿאַרפֿאַלק אין זייערע אַכציקער יאָרן. מיט זיבעציק יאָר צוריק איז ער שוין געווען אַ פֿאַלנער שנײַדער. צו עלעף יאָר האָט ער זיך אויפֿגעגנייט פֿאַר זיך אַליין אַ נײַעם אַנצוג און אַרויס אין דרויסן מע זאָל קוקן און אים מקנא זײַן.

ווי אַזוי איז ער געגאַנגען? מיט די הענט פֿאַרויס, אַ ביסל אַראָפּ צו, ס׳זאָל זיך נישט מאַכן אַ קנייטש אין די אַרבל. און ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד אַרײַן האָט ער פֿאַרקלעפּט דאָס פֿענצטער פֿון זײַן דירה מיט אויסגעריסענע בלעטער פֿון אַן אַלטן שנײַדער־זשורנאַל, פֿרויען און מענער, די לעצטע מאָדע פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ווינקל אויפֿן גלאָז, די גרייס פֿון אַן אויג, פֿאַר זײַן ווײַב, אַרויסצוקוקן אין דרויסן אַרויס.

איך האָב באַמערקט איר אויג ווען איך בין צוריקגעקומען פֿון ליטעראַרישן צוזאַמענטרעף און געהערט ווי זי האָט גערופֿן איר מאַן:

„מאַרקוס! מאַרקוס! אדון יאָסל איז געקומען!"

מאַרקוס האָט געעפֿנט די טיר, אָנגעכאַפּט מײַן אָרעם און מיך געטאָן אַ ציִ אַרײַן אין שטוב.

וואָס איז געשען?

זיי האָבן דערהאַלטן אַ העברעיש בריוול און זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָרטן איז געשריבן. זיי האָבן זיך געקענט משער זײַן פֿון וואַנען דער

בריוו איז געשיקט געוואָרן. נישט פֿון זייערע זין אָדער טעכטער ערגעץ ווו מעבר-לים. פֿון דאָרטן שרײַבט מען נישט. דער בריוו האָט געקענט זײַן פֿון דער געזעלשאַפֿט 'עמידר', ווײַל זיי האָבן געבעטן אַז די מדינה זאָל זיי געבן אַן אַנדער דירה, נישט דאָ אין נצרת-עלית, אין עק וועלט, נאָר אין ירושלים ווו מען זעט אַ מענטש פֿאָרן אויג; אָדער דער בריוו איז פֿון קופּת-חולים. ס'ווײַב איז קראַנק.

"וואָס איז איר?"

"וואָס איז איר נישט?"

די לעבער, די לונגען, דאָס האַרץ. און די פֿיס — אָזעלכע פֿיס אויף אירע שונאים געזאָגט געוואָרן, רבונו-של-עולם, און ס'בלוט איז אויך עפּעס קאַליע געוואָרן. מע שמועסט אַ שטיקל ראַק. מע וועט דאַרפֿן שנײַדן.

אַ גאַנצן טאָג האָט מאַרקוס געטענהט צו איר:

"בהמה!"

און אָנגעוויזן אויפֿן שטיבעלע אָנגעצייכנט אין דער הייך אין רעכטן ווינקל פֿון בריוובויגן. אַ סימן אַז עס איז פֿון דער געזעלשאַפֿט 'עמידר'. זיי פֿאַרטיילן דאָך גאַנצע הײַזער.

אָבער ס'ווײַב האָט געטענהט אַז אַ שטיבעלע קען אויך זײַן אַ שפּיטאָל. איצט אין צימער האָט מיך מאַרקוס אָפּגעפֿירט אין אַ ווינקל זיך אַ סודע טאָן. ער איז געווען אי איר מאַן און אי איר פֿירשפּרעכער. און ס'ווײַב איז געבליבן זיצן אויף אַ בענקל לעבן פֿענצטער און געוואַרט. צוויי טעג האָט זי זיך אײַנגעהאַלטן: אויב ס'איז אַ דירה וועט זי לאַכן. אויב אַ שפּיטאָל — אַ געוויין.

מאַרקוס האָט מיר געוויזן דעם בריוו און נישט געוואַרט אויף מײַן ענטפֿער. שוין אויף מײַן פּנים האָט ער געזען די תשובה און גערופֿן:

"ראָזע! ראָזע! מעגסט שוין וויינען!"

# נאָר צוזאַמען

ווען איך בין אַראָפּ פֿון די טרעפּ האָט מאַרקוס דער שנײַדער געעפֿנט זײַן טיר און מיך אַרײַנגעצויגן צו אים אין שטוב אַרײַן איך זאָל אים זאָגן וווּהין איך גיי. ער האָט אויך געוואָלט וויסן ווי לאַנג איך וועל זיך זאַמען, און צי האָב איך געהערט וואָס מען האָט געמאָלדן אין יידישן ראַדיאָ. און אויב מען האָט זיך שוין צערעדט האָט ער אויך געוואָלט וויסן וועגן דעם יונגן מאַן וואָס האָט זיך נעכטן נאָכגעפֿרעגט אויף מײַן ווײַב ווען איך בין נישט געווען אין דער היים. ווען איך האָב פֿאַרמאַכט זײַן טיר האָב איך אים געהערט רופֿן זײַן ווײַב, זאָל זי אויך עפּעס הערן פֿון דעם וואָס ער האָט זיך אָקערשט דערוווּסט.

אַז מען דערוווּסט זיך עפּעס, האָט ער מיר געזאָגט, ווערט דער טאָג אַנדערש און מען פֿילט זיך נישט אַזוי אַליין אויף דער וועלט. אין די פֿאַרנאַכטן איז ער טאַקע געזעסן אין דרויסן און צוזאַמען מיט דער גאַס זיך דערציילט וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין די שטיבער. איין מאָל האָט ער זיך צערעדט מיט אַ שכנה וואָס האָט געוואַרט אויף אַן אויטאָבוס. ווען דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען און די שכנה איז אַרויף, און מאַרקוס איז געבליבן אין מיטן, האָט ער מיך דערזען און מיר דערציילט דעם סוף פֿון דער מעשה. ס'איז דאָ עפּעס, האָט ער מיר געזאָגט, אין דעם פֿריילעכן פּסוק פֿון 'שבת אחים גם יחד'.

דאָס האָב איך באַמערקט בײַ אים ווען איך האָב אים איין מאָל אָנגעטראָפֿן אין אויטאָבוס. ער האָט אויפֿגעשטיגן מיט דריי פֿולע קיישלעך און זיך גערוקט מיט זיי לענג-אויס דעם דורכגאַנג ביז צו דער הינטערשטער טיר. אַלע פּלעצער זענען געווען פֿאַרנומען, האָט ער אַראָפּגעשטעלט די קיישלעך, צוויי צווישן זײַנע צעשפּרייטע פֿיס, און אונטערגעהויבן זײַן פֿוטערנע טשופּע אָפּצווישן דעם שווייס פֿון קאָפּ. אויסגעזען האָט ער אינעם זומערדיקן טאָג ווי ער וואָלט אָנגעקומען פֿון אַ ווינטערדיק לאַנד.

ווען ער האָט דערהערט דעם שאָפֿער רופֿן צום פֿערטן מאָל מען זאָל זיך רוקן ווײַטער, "רבותי לזוז עד הסוף!" האָט ער גענומען זײַן סחורה, עמיצער האָט אים צוגעהאָלפֿן, און ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט בײַם סאַמע סוף.

איצט איז ער שוין אויך געווען פֿרײַ אָפּצווישן מיטן אַרבל דעם שווייס פֿון פּנים. אָבער באַלד האָט ער באַמערקט אַז ער איז דער איינציקער וואָס האָט געפֿאָלגט דעם שאָפֿער. די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך צונויפֿגעדרענגט פֿון פֿאָרנט און אין מיטן און צווישן זיי און אים האָט זיך געצויגן אַ ליידיקער שטח די לענג פֿון אַ האַלבן אויטאָבוס. האָט ער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, באַוועגט מיט די ליפּן, און באַלד האָט ער אַ זאָג געטאָן מען זאָל הערן:

״איך׳ל דאָ נישט שטיין איינער אַליין״, און ער האָט אויפֿגעהויבן די דרײַ קיישלער זײַנע מיט שפּײַז און צוריקגעגאַנגען צום פֿריערדיקן פּלאַץ כּדי צו שטיין מיט אַלע צוזאַמען.

# בן-גוריונס אַ לאַנדסמאַן

מײַן שכן מאַרקוס האָט אין די איצטיקע טעג פֿאַרלוירן דעם חשק צו זײַן אַרבעט. ער איז אַרײַנגעקומען צו מיר אין שטוב אַרײַן מיט אַ טראַנזיסטאָר אין דער האַנט, צוגערוקט אַ שטול צום זיצן, נאָענטער צו מיר, און אָנגעזאָגט אַז באַלד וועט מען הערן די נײַעס. אין צפֿון, האָט ער זיך אונטערגעקרעכצט, פֿירט זיך אַ מלחמה, אונדזערע בחורים שטעלן דאָרט אין סכנה זייער לעבן, און ער דאָ, וואָס? וואָס טוט ער דאָ?

״אַ לאַטע און נאָך אַ לאַטע״.

אויך בײַ מיר איז דאָס זעלבע, האָב איך זיך אָנגערופֿן:

״אַ וואָרט און נאָך אַ וואָרט״.

מיט דעם איז מאַרקוס יאָ און נישט מסכים געווען. לויט זײַן שכל נאָך איז אַ שנײַדער פֿאָרט עפּעס אַ פֿאַכמאַן און שרײַבערײַ לאָזט זיך נישט אָנטאַפּן. נישט צום פֿאַרגלײַכןביידע פֿאַכן. אַ חוץ דעם האָט ער חושד געווען אַז איך צי אים אָן, מיין נישט וואָס איך זאָג. אַז איך מאַך זיך תמעוואַטע. ווײַל ס׳איז באַוווּסט אויף דער גאַנצער וועלט אַז דער וואָס שרײַבט — שרײַבט. ווען ער אַליין וואָלט געקענט די דאָזיקע מלאכה, ווען ער וואָלט געכאַפּט דעם שניט פֿון שרײַבן, וואָלט ער שוין נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. ער וואָלט שוין פֿון לאַנג געהאַט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך. און אפֿשר גאַנצע צוויי. וועגן וואָס צו שרײַבן האָט נישט געפֿעלט. שוין דער פֿאַקט אַליין וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין פּלאָנסק, זאָגט עפּעס און ס׳האָט אים ווויל געטאָן וואָס איך האָב זיך גלײַך געכאַפּט אויף זײַן רמז.

״דאַכט זיך אַז בן-גוריון איז דאָרטן געבוירן געוואָרן״.

מאַרקוס האָט פֿאַרמאַכט דעם ראַדיאָ און געדענקט אַז אין דעם שטעטל האָט מען דער משפּחה בן-גוריון גערופֿן גרין. מאַרקוס האָט זיך טאָקע געגרייט, ווען ער איז געקומען אין לאַנד אַרײַן, זיך גלײַך אַוועקלאָזן צו בן-גוריונען און אים דערמאָנען דעם שכנס יינגל, מאירל תכשיט, דער וואָס האָט איין מאָל געגנבֿעט פֿלוימען אין זייער גאָרטן. בן-גוריונס טאַטע האָט אים דעמאָלט געכאַפּט בײַ דער האַנט און אים אָנגעדרייט די אויערן.

אַ נס וואָס ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער, אַזאַ כעסן איז ער געווען בן-גוריונס טאַטע.

„געדענקסט?" האָט ער זיך געגרייט אים אַ פֿרעג טאָן", טאָ גיב אַ דירה אין ירושלים".

אָבער בן-גוריון האָט שוין נישט געלעבט ווען מאַרקוס איז אָנגעקומען אין לאַנד אַרײַן.

„אַ שאָד". האָט ער געזאָגט.

דאָס איז זייער אַ גוטער אָנהויב פֿאַר אַ בוך, האָב איך געזאָגט, און אויב עס איז מאַרקוסן נמאס געוואָרן צו לייגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, זאָל ער נעמען אַ פּען אין דער האַנט, אויסגלײַכן אַ בויגן פּאַפּיר אויף זײַן טיש און אָנהויבן: איך, מאַרקוס גלאַזער, וואָס וועל אינגיכן אַלט ווערן צוויי און אַכציק יאָר, געדענק. . . . און ממשיך זײַן.

פֿון זינט איך האָב אים געגעבן די עצה איז שוין אַוועק אַ חודש צײַט. און פֿון דעמאָלט אָן האָט מאַרקוס, יעדן צווייטן אָדער דריטן טאָג, אַרײַנ-געבראַכט עטלעכע געדיכט פֿאַרשריבענע בויגנס ברוינלעכן פּאַפּיר. ער איז געקומען אָן דעם טראַנזיסטאָר. ער האָט אויך אויפֿגעהערט זיך רייצן מיט זײַן ווײַב ראָזאַ, איבער זײַן יחוס פֿון פּלאָנסק, און בײַ מיר אויף דער פּאָליצע איז אַלע מאָל דיקער געוואָרן דאָס פּעקל באַשריבן פּאַפּיר.

אַ שאָד וואָס זײַן האַנטשריפֿט איז נישט געווען אַזוי לײַכט צום לייענען. קאָטשעבעס מיט לאָפּעטעס. אָבער מאַרקוס האָט נישט געהאַט קיין צײַט און אויך נישט קיין געדולד איבערצושרײַבן אויף קלאָר. ער איז אַרומ-געגאַנגען פֿאַרזינקען אין זכרונות. די אָרעמע שטוב. די קראַנקע מאַמע. די געוואַלדן פֿון זײַנע צוויי עלטערע שוועסטער. דעם גליקלעכן טאָג ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגענייט קעשענעס אין אַ פּאָר הויזן.

„ס'וועט זײַן אַ בוך", האָב איך אים פֿאַרזיכערט.

אָבער מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער אַרײַנגעפֿאַלן צו מיר אין שטוב אַרײַן, און ווי אַ געטראָפֿענער פֿון עפּעס בייז און גוטס צוזאַמען, האָט ער זיך אַרומגעקוקט מיט אַ שטומען בליק, און צום סוף גענומען שטאַמלען אַז ער איז געבליבן שטעקן אין מיטן שרײַבן און קאָן ווײַטער נישט גיין.

ווען איך האָב געהערט אין וואָס עס גייט בין איך אים געוואָרן מקנא. אָט האָב איך זיך געטראַכט, אַן אַלטער מאַן וואָס זײַן גאַנץ לעבן איז ער געווען אַ שנײַדער; אין די יונגע יאָרן האָט ער גענייט אָנצוגער, אויף דער עלטער, בלויז לאַטעס, האָט ער זיך מיט אַ חודש צוריק גענומען צום

שרײַבן, אָנגעפּולט בויגנס, דיק ווי אַ טעלעפֿאָן-בוך, און ווען ער האָט זיך פֿאַרהאַקט און נישט געקענט ווײַטער אָנגיין, האָב איך לויטן ציטער אין זײַן קול, ווען איך האָב געהערט וואָס עס איז געשען, געוווּסט אַז ער איז דערגאַנגען צום אמת פֿון שרײַבן. ווי נאָר ער האָט געעפֿנט מײַן טיר האָט ער זיך צעשריגן:

"יאָסל, איך האָב פֿאַרגעסן דאָס קול פֿון מײַן טאַטן!"



# אין טאָג פון דער חתונה

מאַרקוס און ראָזאַ האָבן מיך גערופֿן פֿון וויַטנס איך זאָל זיך פֿאַרהאַלטן און אויסהערן וואָס ביַים רב איז געשען. זיי זענען איצט אָנגעקומען פֿון דאָרט און געגאַנגען לענג-אויס אונדזער גאַס, רחוב זאַנגוויל, ירושלים, געאָרעמט אין שבתדיקע קליידער. אינעם פֿרילינג-פֿרימאָרגן האָבן זיי אויסגעזען פֿון דער וויַטנס ווי חתן-כּלה.

"אַ גט".

אַזוי האָט מאַדאַם ראָזאַ זיך אָנגערופֿן, און מאַרקוס איר מאַן, געוויינטלעך איר פֿירשפּרעכער, האָט דאָס מאָל געשוויגן און געפּרוווט אויך פֿאַרשטעלן דאָס מויל פֿון זיַין וויַב. לפּחות ביז מע וועט אַריַין אין שטוב. די גאַס האָט נישט באַדאַרפֿט וויסן זייערע סודות. אָבער מאַדאַם ראָזאַ האָט זיך נישט געלאָזן איַינעמען. זי איז געווען צעפּלאָמט. אירע באַקן רויטלעך פֿון זון און פֿון פּודער. לויט איר איַינזען האָט זיך שוין דער סוד געוואַלגערט אין דרויסן. פֿאַרן רב אין דער שכונה האָט זי אויסדערציילט אַלץ וואָס אויפֿן האַרץ. ווי אַזוי זיי האָבן זיך ביידע צונויפֿגעטראָפֿן, נאָך דאָרט, אין בוענאָס איַירעס, אַרגענטינע. ווי זיי זענען ביידע אין דער זעלבער ציַיט געוואָרן פֿאַראַלמנט און חתונה געהאַט. ווי עס איז נאָך דעם אַרויס אַ קלאַנג אַז אין מדינת-ישראל צאָלט מען יעדן חודש ביטוח לאומי, און מען גיט צו אַ דירה בחינם, איז צו וואָס זאָלן זיי לעבן אין גלות אויפֿן חשבון פֿון די זין און טעכטער, אירע און זיַינע באַזונדער?

האָבן זיי זיך גענומען און געקומען.

און זינט דעמאָלט — צרות.

נישט אין נצרת-עלית ווי מען האָט זיי פֿאַרשיקט גליַיך פֿון עראָפּלאַן. דאָרט איז דווקא געווען נישט צום ערגסטן, אָבער עס איז אַ שטעטל וואָס ליגט אויף אַ הויכן באַרג און אַזאַ קלימאַט האָט נישט געטויגט פֿאַר מאַדאַם ראָזאַס געזונט. שווער געווען צו אָטעמען, האָבן זיי געבעטן און באַקומען — ירושלים.

און אויף דעם האָט מאַדאַם ראָזאַ חרטה געהאַט.

וויַיל דאָרטן, אין נצרת-עלית, טאַקע עק וועלט, און מען זעט נישט קיין

מענטש פֿאַר די אויגן, אָבער דאָרטן איז איר מאַרקוס נישט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַלע זונטיק ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי דאָ, אין קרית-היובל. קומט זונטיק באַגינען, פֿאַרמאַכט מאַרקוס די טיר און ער קומט צוריק אין מיטן באַנאַכט אַ שיכורער און ער שלאָגט זי. וואָס ער וויל? ער וויל זי זאָל אים אויסצאָלן דאָס געלט, די גאַנצע סומע וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויף "יענער" אין קרית-מנחם. בלויז צוליב כבוד פֿאַרן רב האָט זי נישט אָנגערופֿן יענער מיטן ריכטיקן נאָמען:

"אַ זונה".

זאָל מאַרקוס זיך שווערן אויב עס איז נישט דער ריינער אמת.

מאַרקוס האָט געשוווירן. ער האָט אַפֿילו דערציילט דעם רב, ווי אַזוי זיי פֿאַרברענגען, ער מיט יענער צוזאַמען, דאָרט אין קרית-מנחם. מע האַלט זיך ביַי די הענט, מע טרינקט טיי און מע זינגט יידישע לידער: "איך בענק אַהיים".

"מע טאָר שוין נישט בענקען אַ היים?" האָט מאַרקוס געפֿרעגט דעם רב.

"וואָס פֿאַר אַ היים מיינט ער?" האָט מאַדאַם ראָזאַ זיך אַריַינגעמישט. "צו זיַין היים אין אַרגענטינע? צו זיַינע געשמדטע זין און טעכטער? גוייִם?" און מאַדאַם ראָזאַ האָט אָפּגעשילדערט אויף פֿאַר מיר די גרויסע צלמים פֿון גאָלד און פֿון זילבער, וואָס די זין זיַינע און טעכטער האָבן אָנגעהאַנגען אויף זייערע העלדזער.

אויב שוין יאָ בענקשאַפֿט, קומט עס איר צו בענקען נאָך אירע זין אין אַרגענטינע. וויַיל כאָטש אַן אַלמנה, האָט זי פֿונדעסטוועגן זיי אַלע חתונה געמאַכט כדת וכדין, כדי נישט צו פֿאַרשעמען איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן.

אויך אין טאָג פֿון דער לעצטער חתונה איז זי אַוועק אויפֿן דאָרטיקן בית-עולם און פֿאַרבעטן איר מאַן צו דער חופּה. און מאַדאַם ראָזאַ האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פֿון מאַרקוס אָרעם, און פֿאַרגעשטעלט פֿאַר מיר, מיט אויפֿגעהויבענע אויגן צום הימל, און אַ זיסער שמייכל אויף אירע ליפּן, ווי אַזוי איר מאַן איז זיך געלעגן אין קבר אין טאָג ווען זיין זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ כשרער יידישער טאָכטער.

"אָט אַזוי".

די הענט אין דער ברייט און מיטן פּנים אַרויף.

## וואָס איז אמת?

דרײַ זענען פֿאַרבונדן מיט דער מעשה: מײַן שכן מאַרקוס פֿון נצרת-עלית; אַן אָרעמער תלמיד-חכם פֿון ביאַלע, און מײַן פֿעטער נאַכקע פֿון זעלבן שטעטל, אויך אַן אָרעמאַן.

מײַן שכן, מאַרקוס, דער שנײַדער, וואָס צו זײַנע עלעף יאָר איז ער שוין געווען אַ פֿאַלנער בעל-מלאכה, און אויף דער עלטער איז ער געוואָרן בלויז אַ לאַטע-לייגער, האָט פֿאַרלוירן דאָס געדולד צו זײַן מיט זיך אַליין, און ווען נאָר ער האָט געהערט אַ שכן פֿאַרבײַגיין, האָט ער געעפֿנט די טיר, אַרויס פֿון שטוב און געכאַפּט אַ וואָרט מיט אַ מענטש. דאָס האָט ער טאַקע מיר דערמאָנט איןביידע אָרעמע-לײַט. אין ר׳ גאָטל דעם תלמיד-חכם, וואָס אין די וואָכנטעג פֿלעגט ער זיך אַרומדרייען אין ביאַלע אויפֿן נײַעם מאַרק אָנגעטאָן אין אַ פּאַדיאָווקע באַשטעקט מיט שטרויען, און אין מײַן פֿעטער נאַכקע, דעם גייער איבער דערפֿער, מיט אַ בערדל וואָס איז אים געוואַקסן פֿאַרויס.

איין מאָל האָט נאַכקע מודיע געווען, אַז עס איז אים שווער צו פֿאַרטראָגן דעם גלות און דערפֿאַר וועט ער אין איינעם אַ באַגינען, אַנשטאָט איבער דערפֿער, זיך לאָזן גיין צו פֿוס קיין ארץ-ישראל. ער איז גרייט געווען גיין ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן, אַבי אָנצוקומען אין הייליקן לאַנד. מײַן טאַטן האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט אַז עס שטעקט עפּעס אַ טעות אין חשבון. אויב נאַכקע וועט גיין אַ גאַנץ לעבן וואָס זשע וועט אים בלײַבן דאָרט צו זײַן? אָבער מיט איין זאַך איז דער טאַטע יאָ געווען זיכער, אַז וואָס עס זאָל מיט נאַכקען נישט געשען, פֿאַרלוירן גיין וועט ער נישט. זײַן באָרד וועט אים ווײַזן דעם וועג.

און וועגן ר׳ גאָטל דעם תלמיד-חכם, האָב איך איין מאָל געזאָגט דעם טאַטן אַז איך ווייס שוין מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך אין די וואָכנטעג. ער האַנדלט מיט שטרוי. האָט דער טאַטע מיך אויפֿגעקלערט, אַז איך מאַך אַ טעות. דאָס שטרוי וואָס איך האָב געזען אויף ר׳ גאָטלען, איז פֿון שעניק, ווײַל בײַ נאַכט אין בעט דעקט ער זיך צו מיט דער פּאַדיאָווקע, ער האָט נישט קיין קאָלדרע.

כאָטש אַן אָרעמאַן, האָט ר׳ גאָטל געהאַט אַמביציעס צו לערנען תורה מיט אַנדערע מענטשן. געקומען שבת, האָט ער געמאַכט פֿון זײַן שטוב אַ שטיבל, צונויפֿגעקליבן אַ מנין בעל-מלאכות, פּראָסטע לײַט, און געלערנט מיט זיי מעשיות פֿון מדרש. פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט, איידער מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען, האָט מען זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש, ר׳ גאָטל האָט אַ קלאַפּ געטאָן ס׳זאָל ווערן שטיל, און מיט אַן אַלטן ניגון, אָנגעהויבן דער-ציילן אַ מעשה שהיה.

דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפֿן זינען נאָך דעם ווי מאַרקוס מײַן שכן האָט מיר אָנגעכאַפּט בײַם אָרבל, ווען איך בין אַראָפּ פֿון די טרעפּ און פֿאַרבײַ זײַן טיר, און ער האָט געוואָלט וויסן וווּהין איך לאָז זיך דאָס גיין. געהערט אַז איך פֿאָר קיין ירושלים, האָט ער זיך משער געווען אַז איך וועל זיך דאָרטן טרעפֿן מיט געלערנטע מענטשן און חשובע לײַט, האָט ער מיר צוגעהאַלטן נאָך פֿעסטער און געבעטן איך זאָל זיי דאָרטן עפּעס זאָגן פֿון זײַן זײַט. אַז היות מיר זענען שוין געוואָרן אַן אמת פֿאָלק, און מיר האָבן שוין אויך אַן אמתע מדינה, זאָל מען זען ס׳זאָל ווערן אין ירושלים אַן אמתע ממשלה, נישט קיין נאָכגעמאַכטע זאַך. זאָלן זיי זיך מטריח זײַן דאָרטן און טאָן עפּעס וועגן דעם.

איך האָב צוגעזאָגט מאַרקוסן דאָס צו טאָן און אים געבעטן ער זאָל מיר אויפֿקלערן די נפֿקא-מינה: ווי אַזוי ווייסט מען וואָס איז וואָס; ווען ס׳איז אמת און ווען ס׳איז נאָכגעמאַכט? מאַרקוס האָט געטאָן אויף מיר אַ שאַרפֿן קוק און מיר צוריק געבעטן, איך זאָל זיך נישט מאַכן פֿאַר אַ תם. ווער ווייסט דאָס נישט להבדיל דעם אינטערשייד. ער האָט באַפֿרייט מײַן אָרבל איך זאָל שוין גיין פֿאָרן און אויפֿן וועג וועל איך זיך שוין צו עפּעס דערטראַכטן. אַ מענטש וואָס שרייבט ביכער, האָט ער געמיינט, דאַרף מען אַזעלכע זאַכן נישט לייגן אין מויל אַרײַן.

אויפֿן וועג קיין ירושלים האָב איך זיך צו גאָרנישט דערטראַכט. וועל איך דערציילן וואָס ר׳ גאָטל האָט וועגן דעם ענין געדרשנט. אויך ער האָט דעמאָלט געשטעלט דעם מנין בעל-מלאכות די דאָזיקע שאלה. מײַן טאַטע איז געזעסן לעבן טיש מיט אַן אָפֿן מויל. ער האָט אויסגעזען זייער מיד. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געטריבן דעם הונגער פֿון שטוב און ס׳איז אים נישט געבליבן קיין צײַט זיך אָפּשטעלן אויף אַ רגלע און זיך פֿאַרטראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. אָבער פֿרײַטיק צו נאַכטס האָט זיך אים יאָ געוואָלט

פֿאַרשטיין! ווען ווייסט מען ווען אַ זאַך איז אמת און ווען עס איז נאָכ-געמאַכט.

לעבן טאַטן איז געזעסן דער פֿעטער נאַבקע מיט זײַן בערדל פֿאַרויס-געשטרעקט צו די שבתדיקע ליכט און ווערליק דעם קנאָפּ אין זײַן גאָרגל, וואָס האָט נישט אײַנגערוט, און געלאָפֿן אַרויף און אַראָפּ, איז געווען צו דערקענען אַז אויך ער איז עפּעס נישט גלײַכגילטיק צו דער זאַך און ער וואָלט געווען אַ בעלן זיך אַרײַנלאָזן אין דער סוגיא — ווען ווייסט מען טאַקע ווען אַ זאַך איז נאָכגעמאַכט און ווען ס'איז אמת?

און איך? ווו בין איך דעמאָלט געווען? איך בין געלעגן אַרײַנגעוויקלט צווישן ספּרוזשינעס וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פֿון אַן אַלטער צעריסענער סאָפֿע מיט קלאָטשע אין דרויסן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, און האַלב פֿאַרדרעמלט זיך אײַנגעהערט ווי ר' גאָטל האָט אָנגעהויבן פֿאַר-ענטפֿערן די שאלה מיט אַ מעשה פֿון יציאת-מצרים. ווי אַזוי די יידן זענען געגאַנגען אין מידבר סיני און געפֿירט מלחמות. געקעמפֿט און געזיגט. געקעמפֿט און געזיגט. איז געוואָרן אַ טרעוואָגע צווישן די פֿעלקער. אַ שטאַרקע מורא איז זיי באַפֿאַלן. האָט אַ גרויסער מלך צונויפֿגערופֿן זײַנע חכמים און ראָשי-שבטים און ער האָט זיי געפֿרעגט:

"ווער איז דאָס דאָזיקע יידישע פֿאָלק און אין וואָס באַשטייט זייער כוח?"

האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ שני-למלך און דערקלערט אַז די יידן גופֿא זענען גאָרנישט אַזעלכע צעלייגערס, און אַוודאי נישט קיין גרויסע גיבורים, אָבער זיי האָבן אַ גאָט און ער מאַכט פֿאַר זיי טאָן די אַלע נסים.

האָט דער גרויסער מלך ווידער געפֿרעגט:

"וואָס זשע צערײַסט ער זיך אַזוי, דער גאָט, דעם יאַשטשיק פֿאַרן יידישן פֿאָלק?"

האָט דער שני-למלך דערציילט, אַז די יידן האָבן אַ מאָל געהאַט אַן אָנפֿירער, אברהם האָט מען אים גערופֿן, און אָט דער אברהם האָט ליב געהאַט גאָט אויף אַן אמת, און אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפֿוילן האָט ער געטאָן. אַפֿילו זײַן איינציקן זון איז ער גרייט געווען ברענגען אויף דער עקדה. אַזוי שטאַרק האָט ער ליב געהאַט גאָט.

האָט דער גרויסער מלך אין מידבר אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

"וואָס? דאָס אַלץ? מקריב געווען זײַנס אַ זון?" און ער האָט גלייך

געמאָלדן אַז אויב אַזוי וועט ער אויך נעמען זײַנס אַ יינגל און אים אָפּשעכטן.

דעמאָלט האָט ר׳ גאָטל אויפֿגעהויבן העכער זײַן שטים און אַ פֿרעג געטאָן מײַן פֿעטער נאַכקע, וואָס איז געזעסן קעגן איבער, צי ער האָט געהערט וואָס דער נאַרישער מלך, דער גוי, דער ערל, האָט געזאָגט. אַז ער וועט אויך אָפּשעכטן זײַנס אַ יינגל. און נאַכקע האָט פֿון גרויס שפּאַנונג פֿאַרויסגעשיקט זײַן בערדל, נאָענטער צו די ליכט, אַריבער די פֿלעמלעך, און דער קנאָפּ איז אים געבליבן שטעקן אין מיטן פֿון זײַן גאָרגל. ר׳ גאָטל האָט געקלאַפּט מיט דער פֿויסט אין ספֿר און געשריגן:

"רבותי! רבותי! דאָס איז דאָך נאָכגעמאַכט!"

ווען ער האָט ראַפּטום פֿאַרמאַכט דעם ספֿר האָב איך דערזען אַ פֿײַער פֿאַר די אויגן. נאַכקעס באָרד איבער די שבת-ליכט האָט זיך אָנגעצונדן און געברענט מיט אַ קנאַק ווי טרוקן שטרוי.

## ה. שכנים

זיך אויסגעלערנט העברעיש

אַ בריוו קיין רומעניע

שכנים אויפֿן דאָר

מזל-טוב

ליבע צו געלט

ווער איז ביאַליק ?

ווינט דער ווינט אין פֿענצטער

די אַקטריסע

## זיך אויסגעלערנט העברעיש

און דאָס האָט אונדז דערציילט אַן אַמאָליקע שכנה פֿון קרית־טבעון, ווען זי איז געקומען קיין ירושלים באַקוקן אונדזער נײַע דירה. בעת זי איז נאָך געזעסן לעבן טיש און געלויבט אונדזער כּיבוד, האָב איך אַרויסגענומען איר בריוו און געלויבט איר שרײַבן. ווײַל פֿריער האָט זי נישט געקענט אָנצייכנען קיין אות. איך פֿלעג שרײַבן פֿאַר איר די בריוו צו איר שוועסטער קיין אויסלאַנד. איין מאָל, געדענק איך, האָב איך אַרײַנגעשטעקט אַ פּענע צווישן אירע פֿינגער און זיך אײַנגעעקשנט זי זאָל חתמהנען אַ בריוו. האָט זי געשמייכלט און אָנגעצייכנט פּאַרזיכטיק צוויי פּינטעלער. איך האָב געוואָלט זי זאָל מאַכן נאָך אַ פּינטל, אָבער מער האָט זי נישט געקענט.

נישט וואָס זי האָט נישט פּרובירט זיך לערנען שרײַבן. צוליב וואָס האָט מען געעפֿנט אַן אולפּן אין טבעון, אויב נישט פֿאַר אירס גלײַכן? איז זי אַוועק אַהין און באַשלאָסן אַז עס איז נישט פֿאַר אירט וועגן. אויך נאָך אַ צווייטן פּרוּוו, וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן מער ווי אַ טאָג, אפֿשר אַ חודש, איז גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען. אַפֿילו נישט איר אייגענער נאָמען. האָט זי געטראַכט אַז זי וועט שוין אָפּלעבן אירע יאָרן אָן דעם אלף־בית אין קאָפּ. סײַ ווי איז איר לעבן נישט געווען קיין לעבן. געבוירן אין רומעניע, אויפֿגעוואַקסן אין אַ דאָרף. אָרעמקייט. אַ חתונה. אַ קינד. אַ מלחמה. נאָך אַ מאָל אַ חתונה. אויך איר צווייטער מאַן האָט נישט געוווּסט פֿון קיין צורת־אות און ער איז זיך באַגאַנגען אָן דעם. וועט זי זיך אויך באַגיין.

„וואָס זשע איז פּלוצלינג געשען?“ האָב איך געפֿרעגט. ווי קומט עס וואָס זי האָט זיך פֿאַרט אויסגעלערנט שרײַבן.

„צרות“.

און זי האָט זיי אַרויסגעלייגט אויפֿן טיש. דער מאַן — אין שפּיטאָל. דער זון — אין תּפֿיסה. די טאָכטער — געגעט, און זי אַליין, גלײַכער אַז מען רעדט נישט. די גאַנצע צײַט גלוסט זיך איר נאָר צו וויינען און וויינען. אָבער מען לאָזט נישט. קומט זי אין באַנק און וויל אַ וויין טאָן, זאָגט איר דער באַאַמטער: רחל, נישט וויינען! אַזוי אויך אין שפּײַז־געוועלבל און אַפֿילו בײַם שערער ווען זי אָנדולירט זיך די האָר. אין גאַנץ טבעון האָט זי

נישט געפֿונען קיין איין פֿרייַען פּלאַץ זי זאָל זיך קענען לייַטיש אויסוויינען.

האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, אַ שכן איז געשטאָרבן, איז זי אַוועק אויף דער לוויה און דאָרט אויפֿן בית-עולם זיך אויסגעוויינט פֿראַנק און פֿרייַ. קיינער האָט זי נישט געשטערט. האָט זי געזען אַז עס איז גוט און זי האָט אָנגעהויבן גיין אויף לוויות. און דאָס מין, כאָטש אַ קליין שטעטל, האָט אין טבעון נישט אויסגעפֿעלט. ווייַל יעדער האָטעל דאָרטן האָט מיט דער צייַט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מושב-זקנים. פֿון אַלע עקן לאַנד און אַפֿילו פֿון אויסלאַנד איז מען געקומען אַהין לעבן, און אַלע טאָג — אַ לוויה. אָבער מען האָט באַדאַרפֿט וויסן ווער ס׳איז געשטאָרבן און ווו. און זי האָט באַדאַרפֿט אָנקומען צו אַ צווייטן וואָס זאָל איר איבערלייענען די מודעות וואָס מען האָט אָנגעקלעפּט אויף ווענט און ביימער. נישט אַלע מאָל האָט מען איר ריכטיק געלייענט און ס׳האָט געטראָפֿן אַז זי האָט צוליב אַ פֿאַלשן אַדרעס פֿאַרלוירן אַ לוויה. און סתם פֿאָרן אויפֿן בית-עולם איז נישט געווען מיט וואָס אין טבעון. און אויף די לוויות זענען די רייַזעס געווען אומזיסט. איז זי אַוועק אין אולפּן און צוריק געקומען מיטן גאַנצן אלף-בית.

רחל האָט אָפּגעווישט אירע ליפּן אויף צו שווייַגן און באַהאַלטנדיק אַ קרעכץ אין איר שמייכל האָט זי זיך אונטערגעזאָגט:

״צרות. צרות. וואָס קען מען טאָן?״

# אַ בריוו קיין רומעניע

פֿון וואַנען ווייסט דער שרײַבער וואָס עס טראַכטן די מענטשן וועלכע ער באַשרייבט אין זײַנע ביכער?

מײַן שכנה וואָס קען נישט שרײַבן און לייענען, האָט געוווּסט וואָס איר שוועגערין אין רומעניע וועט טראַכטן נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו.

"זי וועט פּלאַצן פֿאַר קנאה", צוליבן אינהאַלט און צוליב די געדרוקטע אותיות. דאָס האָב איך טאַקע אָנגעשריבן דעם בריוו אויף דער שרײַב-מאַשין. מײַן שכנה האָט געהערט אַז אין דער קעלער-דירה האָט זיך אַרײַנגעצויגן אַ נײַער שכן, האָט זי זיך געמאַכט פֿאַרבײַגיין, אַרײַנגעקוקט אין פֿענצטער, זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פֿון דער שרײַב-מאַשין און געבעטן אַ טובה.

איידער איך האָב זיך אַרײַנגעצויגן דאָ אַהער, אויף רחוב זאַנגוויל, קרית-יובל, האָט זי געהאַט אַן אַנדערן שכן, אויך אַ זקן, וועלכער האָט געשריבן פֿאַר איר מיט דער האַנט בריוו צו איר שוועגערין קיין רומעניע. יענער האָט שוין געוווּסט פֿון אויסנווייניק וואָס צו שרײַבן, אָבער ער איז, נעבעך, געשטאָרבן.

מיט מיר איז עס בײַם אָנהייב פֿון בריוו צוגעגאַנגען אַ ביסל שווערלער. זי האָט געהאַט וואָס צו שרײַבן אָבער מען האָט באַדאַרפֿט וויסן ווי אַזוי דאָס צו זאָגן. וויפֿל מאָל קען מען איבערחזרן די ווערטער "מײַן טײַערע שוועגערין זאָל לעבן און געזונט זײַן?" איז טאַקע אַ מזל וואָס מײַן שכנה האָט דעם טאָג אײַנגעקויפֿט אויפֿן מאַרק אין מחנה-יהודה, צוויי פֿולע קיישלעך מיט פֿרוכט און גרינסן, פֿריש און ביליק, אַז עס איז כדאי איר שוועגערין אין רומעניע זאָל וועגן דעם וויסן.

"שרײַב אַלץ אַרויס", האָט זי געזאָגט.

אויסרעכנענדיק איינס בײַ איינס האָט מײַן שכנה זיך דערמאָנט אַז ערשט נישט לאַנג צוריק האָט זי געמאַכט אַ גאַנצע קניה אין שטאָטישן סופּערסאַל, טאָ פֿאַרוואָס זאָל זי אויך וועגן דעם נישט אָנטאָן דער שוועגערין אַ נחת? פֿון דעם סופּערסאַל זענען מיר אַרײַן אין "משביר", ווו מײַן שכנה האָט דעם לעצטן פּסח אײַנגעקויפֿט כמעט אַלץ וואָס זי האָט

באַדאַרפֿט אויף יום-טוב. וואָס איז דאָרט נישט געווען צום קויפֿן? אַ וועלט מיט וועלטעלאַך. און אַט אַזוי זיצנדיק לעבן מיר איז זי געגאַנגען אין געדאַנק פֿון שטאָק צו שטאָק און איך האָב פֿאַרשריבן בויגן נאָך בויגן אַלץ וואָס זי האָט דאָרטן געזען. האָט איר אויסגעפּעלט אַ וואָרט אין יידיש האָט זי עס פֿאַרביטן אויף רומעניש, רוסיש אַפֿילו אויף העברעיש. און ס׳איז אַרויס אַ לאַנגער בריוו ממש זיך איבערצוזעמען.

און מיר האָבן זיך טאַקע איבערגענומען. אויך נאָך דעם ווי דער בריוו איז אַוועק מיט דער פּאָסט איז ער פֿאַרבליבן אַ טעמע צווישן אונדז. בעת מיר האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אין הויף, בעתן אַרויסטראָגן דאָס מיסט, לעבן בריוו-קעסטל, אַפּוואַרטנדיק דעם פּאָטשטער.

„זי וועט זיך דאָרטן אויפֿעסן".

ס׳וואָלט טאַקע געווען טשיקאַווע זײַן בײַ דער שוועגערין אין שטוב ווען יענע וועט עפֿענען דעם בריוו און זיך צוקוקן ווי דאָס בלוט גיט איר אַ זעץ אין קאָפּ אַרײַן. זי האָט דאָך נישט אָנגעזען אין איר גאַנץ לעבן קיין האַלבן פּראָצענט פֿון דעם וואָס אין אים איז אויסגערעכנט. און מײַן שכנה האָט נאָך זײַענדיק דאָרטן אין רומעניע זיך געבעטן בײַ איר שוועגערין זי זאָל נישט בלײַבן זיצן ווי אַ וואָרעם אין כריין אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם רומענישן דערפֿל, נאָר עולה זײַן צוזאַמען מיט איר קיין ישראל. אָבער די שוועגערין האָט זיך געקווענקלט און פֿאַרבליבן. איצט וועט זי אײַנפּאַקן אירע בעבעכעס, אַ נעם טאָן די פּיס אויף די פּלייצעס און קומען צו לויפֿן.

„אוי וועט זי קומען", האָט מײַן שכנה געזאָגט, ווײַל איר געפֿיל האָט איר קיין מאָל נישט אָפּגענאַרט.

געקומען איז אַ בריוו. אַ בלעטל אַרויסגעריסן פֿון אַ העפֿט און דרײַ פֿיר שורות בלויז. די שוועגערין האָט געענטפֿערט דער שכנה זי זאָל זיך אויסזוכן אַן אַנדערן שכן, אַזוי ווי יענער וועלכער איז געשטאָרבן, אויף צו שרײַבן די בריוו מיט דער אייגענער האַנט, און נישט קיין נאַטשאַלסטווע אויף אַ שרײַב-מאַשין:

„אויב דו ווילסט איך זאָל דיר גלייבן".

# שכנים אויפֿן דאַך

מיט מײַן שכן פֿון דריטן שטאָק האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפֿן אויפֿן דאַך פֿון אונדזער פֿאַרנעמיקן בנין. איך בין אַרויף אין דער הייך צורעכט מאַכן מײַן אַנטענע און ער איז אַרויף מיך שלאָגן. אַ שכנה האָט געמיינט איך בין אַ גנב, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד. שכנות האָבן איר געהאָלפֿן שרײַען. האָט מײַן שכן פֿון דריטן שטאָק זיך איבערגעוועקט פֿון שלאָף און אַרויף נאָך מיר אַראָפּוואַרפֿן דעם גנב פֿון דאַך. פֿון גרויס אײַלעניש האָט ער נישט באַוויזן אָנטאָן די הויזן אָבער דאָס פֿלעשל בראָנפֿן האָט ער נישט פֿאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך. ער איז אַרויף זיך קריגן מיט מיר און מיר זענען זיך געוואָרן גוטע פֿרײַנד. דאָס פֿלעשל האָט צוגעהאָלפֿן. אַ שלוק און נאָך אַ שלוק און די הערצער האָבן זיך געעפֿנט. אויך דער צונג.

מחמת אַזאַ איינער ווי מײַן שכן, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים און ער געדענקט דעם טערק, דעם ענגלישן מאַנדאַט, און זײַנע חברים זענען געווען בן-גוריונס מקורבים, אַזאַ איינער האָט תמיד עפּעס וואָס צו דערציילן, אַ נײַעם שכן וועלכער איז געקומען פֿון גלות און אָפּגעלעבט זײַנע יינגלשע יאָרן ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל אין פּוילן.

מיט איין מאָך מיט דער האַנט, האָט מײַן שכן אײַנגעזאַמלט אין זײַן אָרעם אַלע טורעמס פֿון ירושלים און אויך די בערג וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן אַרום דער שטאָט. זײַנע ווײַסע לאַנגע גאַטקעס און מײַן פּליך האָבן אָפּגעגלאַנצט אין דער פֿרימאָרגנדיקער זון אונטערן זומערדיקן הימל, אַזש אַ פֿאַרבײַגייער, אונטן אין גאַס, האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף אונדז. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס מיר טוען דאָרט אויפֿן דאַך אָנגעשטעלט מיט קעסלען, זון-פּלאַטעס, טעלעוויזיע-אַנטענעס.

וואָס האָבן שוין צוויי אַלטע לײַט, וואָס דאָס לעבן האָט זיך שוין אָפּגערוקט ווײַט הינטער זיי, געקאָנט טאָן אויפֿן דאַך פֿון אַ בנין אויף רחוב זאַנגוויל, קרית-יובל, אַ חוץ אפֿשר דערציילן איינעם דעם אַנדערן אַ נעכטיקע זאַך, אַ מעשה פֿון אַמאָל.

אַ מאָל, למשל, ווען מײַן שכן איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן און ער האָט דעמאָלט געלעבט אין אַ קיבוץ אין ווײַטן נגב, איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

אַלע מענער זענען אַוועק אויפֿן פֿראָנט און ער אַליין איז געבליבן דער איינציקער זכר אין יישוב. די געלעגנהייטן וואָס האָבן זיך דעמאָלט געמאַכט. לײַכט צו פֿאַרשטיין. שווער איבערצוציילן. ווערדליק די טרער וואָס האָט אַצינד אויפֿן דאַך זיך באַוויזן אין זײַן אויג, איז געווען צו דערקענען אַז די חרטה אין זײַן האַרץ האָט זיך נאָך אַלץ נישט פֿאַרלאָשן. דורכגעלאָזט אַלע. קיין איינע נישט אויסגענוצט. נישט אומזיסט איז ער פֿאַרבליבן אַ בחור. די אײַנזאַמקייט האָט אים דערפֿירט צום ביטערן טראָפּן.

דער פֿאַרבײַגייער אויף דער גאַס האָט נישט אויפֿגעהערט קוקן אויף אונדז. ער האָט אַרויפֿגעפֿאָכעט צו אונדז מיט די הענט שטימע סימנים. זעט אויס אַז עס איז אים ביז איצט נישט אויסגעקומען זען צוויי אַלטע לײַט אויף אַ דאַך. איינער אין ווײַסע גאַטקעס, דער צווייטער מיט אַ גלאַנציקן פּליך. און ביידע קלאַפּן זיך אין די פּלייצעס, נעמען זיך אַרום. קושן זיך און טרינקען לחיים צו גוטער שכנהשאַפֿט, צו דעם אַמאָל וואָס איז מער נישטאָ, צום טרויער אין לעבן, לחיים צו די פֿאַרשפּילטע טעג.

# מזל-טוב

מײַן שכנה פֿון צווייטן שטאָק, אַ גאָרן איבער מיר, אויף רחוב זאַנגוויל, האָט זיך געקריגט מיט איר מאַן און אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס מיסט אויף מײַן גאַניק. זי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים אַ פֿאַרטומלטע לענג אויס דעם ברייטן אַרײַנגאַנג, און לויפֿנדיק אַריבערגעוואָרפֿן דעם בײַטל איבערן פּאַרענטש. דער נײַלאָן האָט זיך צעריסן און דאָס מיסט האָט זיך צעשאָטן. איך האָב נאָכגעקוקט ווי זי האָט זיך געיאָגט נאָך איר מאַן ביז אין גאַס אַרײַן און איך האָב געוואָרט זי זאָל צוריק קומען כדי איר צו פֿרעגן פֿאַרוואָס זי האָט עס געטאָן.

איך האָב שוין איין מאָל, אין אַ ביסל אַן ענלעכן פֿאַל, געהאַט דאָס זעלבע געפֿרעגט אַן אַנדערע שכנה אין נצרת-עלית, וועלכע האָט דווקא געלעבט מיט איר מאַן בשלום. אָבער זי האָט געהאַט אַ טבע אונטערוואַרפֿן דאָס מיסט הינטער מײַן פֿענצטער. כ'וואָלט געבאָפּט מיט איר אַ שמועס אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין געמיינזאַם לשון, האָב איך איר געלאָזן וויסן אויף אַן אַנדערן אופֿן.

אַלע מאָל ווען איך האָב זי געזען זיצן מיט איר מאַן אין דרויסן קוקן אויף דער לאַנדשאַפֿט, האָב איך גענומען דאָס עמערל מיט מיסט, געמאַכט מיט דעם אַ הקפֿה אַרום דער באַנק אויף וועלכער זיי זענען געזעסן און נאָך דעם עס אויסגעשאָטן אין מיסט-וואָגן אַרײַן. איך האָב געוואָלט זיי זאָלען מיך באַמערקן. און זיי האָבן מיך טאַקע נאָכגעקוקט. סײַ ווי איז נישט געווען וואָס צו זען זיצנדיק אויף דער באַנק, פֿאַרנט פֿאַר אונדזער הויז: אַ טאָל. דעכלער פֿון אַ דערפֿל. אַ וועלדל צווישן פֿעלדער. צו מאָל האָט אַ בלוילעכער רויך זיך געהויבן ווי אַ פֿינגער צום הימל. אַ פֿויגל מיט צעשפּרייטע פֿליגל. דערפֿאַר פֿלעגט די שכנה מיט איר מאַן, גאַנץ אָפֿט זיך צוזעצן אויף אַ צווייטער באַנק אַ ביסל ווײַטער כדי צו קוקן אויף דער זעלבער לאַנדשאַפֿט פֿון אַן אַנדערן ווינקל, אויך דעמאָלט בין איך זיי ספּעציעל פֿאַרבײַגעגאַנגען כדי זיי זאָלן זען וואָס איך טו: אַז איך וואַרף אַרײַן דאָס מיסט אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ, און נישט הינטער אַ פֿענצטער.

און זיי האָבן מיר טאָקע נאָכגעקוקט מיט גאָר אַן אַנדערן בליק ווי אויף דער לאַנגווײַליקער לאַנדשאַפֿט.

איין מאָל, אַ פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט, ווען די באַנק אין דרויסן איז געווען פֿרײַ, האָב איך זיך אַליין צוגעזעצט קוקן ווי די זון פֿאַרגייט אין ווײַטן האָריזאָנט און די רויטקייט שפּיגלט זיך אין אַ נאָענטער סאָזשלקע פֿון פּיש. דער גאַנצער אַרום האָט אויסגעזען שבתדיק. און אויך אַזוי מײַן שכנה וואָס איז אַרויס אין דרויסן אַרויסוואַרפֿן דאָס מיסט. זי איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די באַנק אויף וועלכער איך בין געזעסן, געמאַכט אַ הקפֿה אַזוי ווי איך פֿלעג עס טאָן אַרום איר און איר מאַן, און זיך געלאָזן צום מיסטוואָגן. צופֿרידן וואָס מיר האָבן זיך סוף-כל-סוף פֿאַרשטאַנען, האָב איך זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער באַנק און געגאַנגען איר אַנטקעגן מיט אַן אויס-געשטרעקטער האַנט איר אָנווונטשן גוט שבת. זי האָט מײַן האַנט נישט גענומען נאָר געוואָרפֿן אַ צעטומלטן בליק אין עמער און געזען אַז עס איז דאָרט פֿאַרבליבן נאָך אַ ביסל מיסט, האָט זי עס אויסגעשאָקלט לעבן אונדזערע פֿיס אויפֿן טראָטואַר. זי האָט באַמערקט אויף מיר אַז עפּעס איז נישט ריכטיק, האָט זי אָנגעהויבן רײַבן מיט אַ פֿוס, ווי אַ קליין מיידל, ס'זאָל נישט בלײַבן קיין סימן.

אָט דאָס האָב איך געזען פֿאַר זיך, קוקנדיק אויפֿן מיסט אין ירושלים, ווען מײַן שכנה פֿון צווייטן שטאָק איז צוריק געקומען אַ צעפּאַטלטע אין איר שלאָפֿראָק ברייט צעעפֿנט און איר נאָכטהעמד נאָך צעעפֿנטער, זיך איבערגעבויגן איבערן פּאַרענטש און געריעדט צו מיר. זי האָט מיר געזאָגט אַז דאָס וואָס זי האָט געטאָן איז אַ סימן פֿאַר איר און אַ גוטער סימן פֿאַר איר מאַן אַז זי איז נישט חסר-דעה. זי האָט פֿאַרנומען אַרום זיך די פּאָלעס פֿון איר שלאָפֿראָק און זיך אָפּגעטראָגן און איך בין געבליבן אין זכרון מיט מײַן שכנה פֿון נצרת-עלית.

ווען זי האָט פֿאַרענדיקט רײַבן מיטן פֿוס דעם טראָטואַר, ערשט דעמאָלט האָט זי גענומען מײַן אויסגעשטרעקטע האַנט.

״שבת שלום״, האָב איך איר געזאָגט, און זי האָט מיר געענטפֿערט: ״מזל-טוב״.

# ליבע צו געלט

מײַנע שכנים האָבן מסתמא זיך צערעדט וועגן מיר, ווײַל אײנער פֿון זײ, אַ זײגערמאַכער פֿון אָדעס, האָט זיך נאָכגעפֿרעגט צי איך האָב טאַקע אַ מאָל געגעבן עצות ווי אַזוי צו פֿאַרדינען געלט אויף דער בערזע, און שוין אויף צו מאָרגנס האָט ער זיך אַרײַנגעשטעלט צו מיר אין שטוב אַרײַן מיט אַ פּעקל דאָקומענטן אין זײַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

"אדון יוסל", האָט ער געזאָגט, "איך האָב ליב געלט".

וועגן דער דאָזיקער ליבע האָב איך זיך אָנגעהערט פֿאַרשידענע דעות אין די יאָרן ווען איך האָב געאַרבעט אין באַנק. דער דירעקטאָר, למשל, האָט געהאַלטן, אַז מען איז נאָך נישט דערגאַנגען צו דער אמתער ליבע. זײַן טעזע איז געווען אַז אָרעמע מענטשן פֿעלט די אַמביציע צו ווערן רײַך און דעריבער לעבן זײ אין דחקות. ס'רוב מענטשן אויף דער וועלט, האָבן לויט זײַן מײנונג, זיך נאָך נישט אויסגעלערנט ליב האָבן געלט אויף אַ ריכטיקן אופֿן.

"חוץ די אויסדערוויילטע".

מײַן שכן דער זײגערמאַכער איז מסתמא געווען אײנער פֿון זײ, האָב איך געטראַכט, אויב איך וואָלט געקענט אָננעמען ווי אַ סימן דאָס זיסע פּנים וואָס ער האָט אָנגעשטעלט בעת ער האָט געעפֿנט מײַן טיר.

"ממש אַ דיבוק", האָט ער מיר געזאָגט, איז אַרײַן אין אים. ס'איז געשען אין די יאָרן ווען ער איז געזעסן אין רוסלאַנד אַ פֿאַרשפּאַרטער אין תּפֿיסה. געזעסן דאָרטן לאַנגע יאָרן, ביז ער איז עולה געווען קײן ישראל. נאָך ענדערונגען זענען פֿאַרגעקומען אין תּפֿיסה. ער איז אַרײַן אַהין אַ זײגער-מאַכער און אַרויס פֿון דאָרטן אַ שטובן-מאָלער. און ס'האָט זיך אויפֿגעוועקט אין אים אַ בענקשאַפֿט נאָך פֿרישער לופֿט און נאָך פֿרײלעכע קאָלירן. זײַן שטוב דאָ אין ירושלים האָט געלויכטן מיט די פֿאַרבן פֿון רעגן-בויגן. אויפֿן סופֿיט — אַ מגן-דוד, און די ווענט — פּאַסן, אַזוי ווי יוסף הצדיקס העמדל.

איך האָב אים געטראָפֿן בײַם מאַליעווען. ס'איז שוין געווען שפּעט בײַ נאַכט ווען איך בין אַהײמגעקומען. דער גרויסער פֿאַרנעמיקער בנין איז

געשטאַנען אין חושך און בלויז זײַן פֿענצטער איז געווען באַלויכטן. רײַטנדיק אויפֿן שפּיץ פֿון אַ טאָפּעלן לייטער, האָט, צוזאַמען מיט דער באַרשט וואָס ער האָט געשמירט איבערן סופֿיט אַהין און אַהער, אויך זײַן צונג, צווישן די ליפּן, זיך גערוקט אַהין און צוריק.

"מײַן מגן-דודל", האָט ער עס גערופֿן.

ווען איך האָב איין מאָל אין אַן אָוונט אים געבראַכט מײַנס אַ זייגערל צו פֿאַרריכטן, האָב איך געזען ווי דאָס ליכט פֿון דער טעלעוויזיע האָט זיך געשפּילט מיט די פֿאַרבן פֿון רעגן-בויגן אין זײַן שטוב. ער אַליין האָט געוויקלט טײַטלען מיט מטבעות פֿון פֿאַרשיידענע גרייסן. מטבעות האָט ער שוין פֿון זײַנע הענט נישט אַרויסגעלאָזט. ער האָט אויפֿגעעפֿנט פֿאַר מיר אַן אַלמער און נאָך איינעם, ביידע אָנגעשטעלט מיט טײַטלען. דער דיבוק נאָך געלט איז אים נאָכגעגאַנגען ביז ירושלים. איך האָב אים געוויזן דאָס קאַליע געוואָרענע זייגערל און זיך פֿאַרטראַכט וועגן זײַנע עלעף יאָרן אין תּפֿיסה. אַ גרויקייט פֿאַר די אויגן. אַ שטינקנדיקע לופֿט. אַ טרויער אין האַרצן און אַ בענקשאַפֿט צו ארץ-ישראל.

"און אַלץ צוליב ציוניזם?" האָב איך געפֿרעגט מיט רחמנות.

ער האָט אַרײַנגעקוקט טיפֿער אין אַלמער מיט געלט. אויך אויף מיר אָנגעשטעלט אַ לענגערן בליק, מיך גערופֿן צוויי מאָל זײַן פֿרײַנד, און שאָקלענדיק דעם קאָפּ צו פֿאַרריכטן מײַן טעות אויסגעציילט זײַן ענטפֿער:

"צוליב אַ גאָלדן זייגערל!"

# ווער איז ביאַליק?

אָוונט-צו בין איך אַרײַן אין דער סטאַנציע פֿון רויטן מגן-דוד אין נצרת-עלית. ווען דער שאָפֿער פֿון אַמבולאַנס האָט מיך באַמערקט האָט ער איבערגעריסן די שעש-בעש-שפּיל, זיך אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל און מיר אַנטקעגנגעגאַנגען אַ צעשמייכלטער אויף דער גאַנצער לענג פֿון זײַנע געלע וואָנצעס.

איך בין געווען אַוועק פֿון ישוב מער ווי אַ יאָר, האָבן מיר זיך אַרומגעכאַפּט ווי אַלטע גוטע פֿרײַנד. דאָס איז נישט געפֿעלן געוואָרן דעם פֿײַער-לעשער, דעם שותּף צום שעש-בעש. ער האָט געוואַרט און געוואַרט מיר זאָלן זיך אויפֿהערן פּעטשלען איינער דעם אַנדערן אין דער פּלייצע און נישט דערוואַרטנדיק זיך, האָט זײַן געדולד געפּלאַצט און ער האָט זיך צעשריגן:

"ווער איז ער, דער יאָלד?"

ווען איך האָב געוווינט אין נצרת-עלית פֿלעג איך קומען אַהער אין די אָוונטן קלינגען אין טעלעפֿאָן, דער איינציקער אַפּאַראַט אין דער גאַנצער געגנט. אויך דער בנין גופֿא, דער רויטער מגן-דוד, איז געווען דער איינציקער פּלאַץ אין דער געגנט, ווו עס איז געווען אַ ביסל פֿריילעך אין די שפּעטלעכע אָוונט-שעהען, נײַן, צען אַ זייגער בײַ נאַכט: אַ ליכטיקער לאָמפּ אין דרויסן. שעש-בעש אינעווייניק. דער ריח פֿון קאַווע. מע האָט געקענט כאַפּן אַ שמועס מיט עמעצן, וואַרטנדיק אין דער ריי צום טעלעפֿאָן.

אויך מײַנע שמועסן מיטן שאָפֿער פֿון אַמבולאַנס זענען געווען געכאַפּט און אָפּגעהאַקט. אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט צווישן די גענג פֿון שעש-בעש-שפּיל. דער שאָפֿער האָט למשל געפּרוווט טרעפֿן פֿאַר וואָס אַזאַ מענטש ווי איך, האָט זיך פֿאַרקליבן צו וווינען דווקא אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל צווישן די בערג, וואָס אַפֿילו אין מיטן טאָג איז דאָס לעבן דאָרטן פֿאַרשלאָפֿן. זײַן נײַגער האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט צוליבן טעלעפֿאָן. מיט וועמען האָב איך דאָס אַזוי פֿיל צו רעדן אַלע נאַכט? ווען ער איז געוואָר געוואָרן אַז פֿון מײַן שטוב ביז אַהער צו, צו דער מגן-דוד-סטאַנציע, איז אַ מהלך פֿון אַ האַלבע שעה גאַנג און דערצו נאָך אין דער פֿינצטער,

צווישן אומבאַוווינטע הײַזער, האָט ער בכלל נישט געוואָלט מיט מיר רעדן.

„און פּרנסהניו?" האָט ער געפֿרעגט.

„אַ שרײַבער", האָב איך געענטפֿערט.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער געוואָרפֿן אויף מיר אַ טאָפּלטן בליק, אַ ביסל זײַטיק, ווי די לענג פֿון זײַנע וואָנצעס וואָלטן אים פֿאַרשטעלט די ראיה, און ער האָט געוואָלט וויסן אויב אַזוי, פֿון וועלכע ביכער איך שרײַב אַרויס.

איך האָב זיך נישט געריכט אויף אַזאַ מין פֿראַגע. האָב איך, ווי מײַן שטייגער אין אַזעלכע פֿאַלן, אָנגעהויבן שטאַמלען און דערבײַ זיך דערמאָנט ווי אַזוי איך האָב אַ מאָל איבערגעלייענט פֿאַר מײַן מאַמען, ווען איך בין געווען אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר צען, מײַן ערשט אָנגעשריבן ליד: „צום פֿויגל". איך האָב עס אַרויסגעשריבן פֿון אַ ביכל לידער וואָס די מאַמע האָט גע-בראַכט פֿון וואַרשע. נאָך אַן אָפּעראַציע דאָרטן אין אַ שפּיטאָל איז זי צוריק געקומען מיט אַ מתנה. אין שטוב זענען קיין ביכער נישט געווען. אַ סידור צום דאַוונען — יאָ. אויך אַ מחזור אויף די יום-טובים, פֿון וועלכן איך פֿלעג אַרויסלייענען אויף עברי-טײַטש מעשיות און משלים.

די מאַמע האָט מיר דעמאָלט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַ ליד שרײַבט מען אַרויס פֿון אייגענעם האַרץ און נישט פֿון אַנדערע ביכער.

„פֿון ביאַליקס ביכער", האָב איך געענטפֿערט דעם שאָפֿער, „פֿון חיים נחמן ביאַליקן", האָב איך איבערגעחזרט.

דעם שאָפֿער האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער האָט שוין אַ מאָל געהערט פֿון איינעם אַזאַ יאָלד. און נאָך עטלעכע גענג אין שעש-בעש האָט ער זיך טאַקע דערמאָנט, אַז ער האָט געזען יענעמס פּרצוף אויף פּאַפּירן-געלט, אַ פֿינפֿער, אויב ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות. און אויב ס'איז שוין אַזוי, אויב מען האָט יענעם אַרויפֿגעשטעלט אויף געלט, מעג איך זיכער אַרויסשרײַבן פֿון זײַנע ביכער און דעמאָלט וועל איך אויך דערגיין גאַנץ ווײַט.

„כל הכבוד", האָט ער צוגעגעבן.

אויך איצט, שטייענדיק אַרומגענומען, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך נישט געזען מער ווי אַ יאָר צײַט, האָט ער איבערגעחזרט די ווערטער פֿון אונדזער לעצטן שמועס:

דעם פֿײַער-לעשער האָט עס אָנגעצונדן. איבערגעריסן די שעש-בעש-שפּיל, מען קלאַפּט זיך אין פּלייצע און עס נעמט נישט קיין סוף. מיט וועמען סוף-סוף האָט מען דאָ צו טאָן? ווער בין איך פֿאַרט, וואָס צוליב מיר האָט

דער שאָפֿער איבערגעריסן די שפּיל, און ווי רופֿט מען מיך? אָבער דער שאָפֿער האָט נישט געדענקט מײַן נאָמען. ער האָט אויסגעבויגן זײַן קאָפּ צום פֿײַער-לעשער, בײַגעקומען די פֿאַרלעגנהייט און אַ זאָג געטאָן:

„גולם איינער! האָסט קיין מאָל נישט געהערט פֿון ביאַליקן!"

## וויינט דער ווינט אין פענצטער

ביי מיין שכנה אין נצרת-עלית האָט זיך דורך דער צייט גאָרנישט געענדערט. אַזוי האָט זי געזאָגט און זיך באַקלאָגט אויף איר מאַן דעם קאָרטן-שפּילער און אויפֿן ווינט, וואָס האָט אַריינגעוויינט אין פֿענצטער. זי איז געווען צופֿרידן מיך ווידער צו זען און זי האָט אונטערגעקרעכצט אויף די קאָרטן און אויפֿן געוויין. אָבער דווקא דעם טאָג ווען איך בין געקומען צו גאַסט איז דער ווינט געווען גאַנץ שטיל. ער האָט זיך צעוויכערט ערשט פֿאַר נאַכט, אָבער איר מאַן האָט נאָך באַלד אין דער פֿרי געכאַפּט אַ כוסע און זיך אַרויסגעיאָגט אין דרויסן צו די קאָרטן.

זי האָט אָנגעוויזן אויף אים דורכן פֿענצטער. פֿון דער הייך, אויפֿן דריטן שטאָק, ווו זי האָט געוווינט, האָבן זיך אָנגעזען פֿון דער ווייטנס די גרינלעכע בערג, אין מיטן — די ווייסע הייזער, און פֿון דער נאָענט, לעבן די נידעריקע געוועלבער, האָבן דריי מענער אין לאַנגע טונקעלע מאַנטלען געפֿאַרעמט צווישן זיך אַ דרייעק אויפֿן גראָז.

„אַלע טאָג אַזוי. און אַלע מאָל אויפֿן זעלבן פּלאַץ", האָט די שכנה געזאָגט.

ס'האָט זיך טאַקע אָנגעזען מיטן אויג. אַרום זיי איז דאָס גראָז געווען גרין און זיי אַליין זענען געשטאַנען אין אַן אויסגעקראַכענעם געלן פֿלעק. זיי האָבן זיך גערוקט נענטער צו זיך און וואָס ווייטער אין טאָג אַריין האָט דער דרייעק זיך פֿאַרקלענערט. צוליבן ווינט.

אין דער פֿרי האָט מען דעם ווינט אינגאַנצן נישט געשפּירט. אַן אַרויס-געלאָזטע קאָרט פֿון האַנט איז געפֿאַלן אינעם פֿלעק לעבן בערגעלע געלט. אַ באַגלייטע קללה אָדער אַ שפּײַ האָט נישט אָנגעטראָפֿן דעם פּאַרטנער. צוליבן רווח אין דרייעק. דער רווח האָט זיך פֿאַרקלענערט ווען דער ווינט האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. מיין שכנה האָט געמאָסטן דעם כוח פֿון ווינט לויט דער גרייס פֿון דרייעק. ווען ער איז געוואָרן גאָר קליין און דער ווינט האָט זיך צעוויינט אין פֿענצטער, האָט די שכנה אַ נעם געטאָן איר טעכטערל ביי דער האַנט און אַרויס אין דרויסן, אַהיימרופֿן איר מאַן, דאָס אַכט יעריקע מיידעלע זאָל וויסן אַז זי האָט נאָך אַ טאַטן אויף דער וועלט.

„מײַן לעבעדיקע יתומה‟, האָט זי אָפּגעזיפּצט און אַ צי געטאָן די טאָכטער בײַ דער האַנט, וואָס האָט בײַם גײן זיך נאָכגעשלעפּט מיט אַ טענצל.

דער ווינט האָט דעם גאַנצן אַרום געמאַכט טאַנצן. אָנגעבלאָזן אַ נײַלאָן-בײַטל ביז אַרויף צו די דראָטן. אַ שלײַדער געטאָן אַ קאַרטאָן, אַ בלאַט פֿון אַ צײַטונג, אונטערגעהויבן דעם ווידל פֿון אַ הונט, דער ווינט האָט אויך אויפֿגעבלאָזן דער מאַמעס קלייד ווי אַן אונטערגעהויבן געצעלט. בלויז איבער די קליינע צעפּלעך פֿון מיידל האָט דער ווינט נישט געהאַט קיין שליטה. זיי זענען אָפּגעשטאַנען פֿון הינטן, קורץ און שטײַף.

די מאַמע איז געגאַנגען און געקרעכצט, ווי דער גאַנצער צער פֿון דער וועלט וואָלט זיך אָנגעזעצט אויף איר, אָבער די טאָכטער האָט ווײַטער אונטערגעטענצלט און זיך אונטערגעזונגען אויף פּויליש: דאָבזשע נאָם, דאָבזשע נאָם — גוט איז אונדז.

לעבן די נידעריקע געוועלבער איז שוין געווען פֿינצטער. מען האָט פֿאַרמאַכט די אַרײַנגענג און געעפֿנט די הינטערטירן, כדי ווײַטער אָנצוגיין מיטן מיסחר. דער דרײַעק אויפֿן פּלעק איז שוין געוואָרן אַ פינטל. אינעם פינטל זענען די דרײַ מענער אין די לאַנגע מאַנטלען געשטאַנען צוגערוקט איינער צום אַנדערן, דער ווינט זאָל נישט אַרויסיאָגן קיין קאָרט פֿון זייערע הענט. זיי זענען געשטאַנען נאָז צו נאָז, דאַשעק צו דאַשעק, קאָרט צו קאָרט. זייערע ברייטע היטלען, פֿלאַך און קײַלאַכדיק זענען געוואָרן אַ דעכל, אויף וועלכן ס׳איז געפֿאַלן דאָס בלוילעכע ליכט פֿון גאַסנלאָמפּ און אונטערן דעכל איז ווײַטער אָנגעגאַנגען די שפּיל אין קאָרטן.

# די אַקטריסע

פֿאַר רונית ווײַס — מיט ליבע

מײַן שכנה אויפֿן אונטערשטן שטאָק, העלענאַ פֿון לאָדזש, האָט אויפֿגעהערט הערן וואָס מען רעדט צו איר. זי האָט פֿאַרשפּילט אין פּוילן איר ראָלע אין לעבן — אַן אַקטריסטע אין טעאַטער — איז זי געוואָרן דאָ אין ישראל, אַלע טאָג אַ פּרימאַדאָנע. גייט נישט אַראָפּ פֿון בעט. און די טיר פֿון איר שטוב איז אָפּגעשפּאַרט, זי זאָל זען ווען איך גיי אַרויס און קום אַרײַן און טרעט נישט אָפּ בײַ איר אין צימער צו דערציילן וואָס עס הערט זיך בײַ מיר.

ווען איך בין דאָס מאָל אַרײַנגעקומען איר אָנזאָגן אַ בשורה, האָט זי אָפּגעדעקט די קאָלדרעס, איבערגעלייגט קישנס און זשורנאַלן אויף איר בעט, און אָנגעטײַטל אויף די פּאַסיקלעך וואָס זי האָט אָנגעצייכנט מיט שוואַרצן קרײַד אויף דער וואַנט. זאָל איך זיי אַליין איבערציילן און אײַנזען וויפֿל מאָל איך בין פֿאַרבײַ איר אָפֿענע טיר און אַפֿילו נישט אַרײַנגעשטעקט אַ האַלב פּנים. ס'איז איר נישט געגאַנגען אין אויפֿוועקן עפּעס אַ שולדגעפֿיל אין מיר. אָבער עס איז כדאי איך זאָל געדענקען, אַז עס איז דאָ אַ האַנט וואָס פֿאַרשרײַבט. זי אַליין וועט זיך אויפֿפֿירן אַנדערש מיט מיר ווען זי וועט באַרימט ווערן אויף דער וועלט. זי וועט נאָך אַ מאָל ווידער אַרויף אויף דער בינע און אײַננעמען דאָס לאַנד. די שיינקייט פֿון דער פּוילישער שפּראַך איז נאָך נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען.

העלענאַ האָט זיך אונטערגעהויבן און געבעטן איך זאָל איר דערלאַנגען איר שטעקן צו גיין. זאָל איך זיך אויסזוכן אין שטיבל אַן אָרט צו זיצן אַ ווײַלע און הערן ווי זי דעקלאַמירט אויף ס'נײַ אַ פֿראַגמענט פֿון "פּאַן טאַדעאוש".

זי האָט געפֿונען אירע שטעקשיך און שפּאַצירט אַהין און צוריק אין איר צימער. איך האָב נישט געפֿונען קיין בענקל און זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעט. פֿון בעט האָט מען נישט געקענט זען דורך דער האַלב-אָפֿענער טיר וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. דער דרויסן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט בלײַבע קאָנטורן אינעם גלאָז פֿון אַ בילד אויף דער וואַנט: העלענאַ אין

אירע יונגע יאָרן. אַ זייַדענע סטענגע אַרום איר שטערן. אַ מאַנקאַליע אין אירע אויגן. ווען זי פּלעגט באַמערקן, ליגנדיק אין בעט, מייַן שאָטנדיק אָפּבילד אויף איר יונג פּנים הינטערן גלאָז, האָט זי געוווסט אַז איך גיי פֿאַרבייַ און קום נישט אַרייַן צו איר.

נישט אַזוי וועט זי זיך אויפֿפֿירן ווען זי וועט ווערן באַרימט. זי וועט זיך נישט אָפּפֿרעמדן פֿון מיר. אין איר געדאַנק האָט זי מיר שוין געשענקט אַ בילעט צו איר ערשטן אויפֿטריט. איך זאָל זיך אָנטאָן עלעגאַנט ווען איך וועל קומען אויף איר פּרעמיערע. זאָל איך אויסטאָן דאָס נאַרישע חלוצישע היטל וואָס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר אַ שרייַבער אין ישראל.

העלענאַ האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן מיר און דעקלאַמירט אויף פּויליש:

„סמוטנאַ מי באַזשע, סמוטנאַ מי באַזשע".

זי האָט זיך אַראָפּגערעדט פֿאַר גאָט, אַז עס איז איר טרויעריק אויפֿן האַרץ און איך בין דווקא אַרייַנגעקומען דאָס מאָל איר אָנזאָגן עפּעס גוטס. אַז איר חלום איז מקוים געוואָרן אין מייַן חלום. איך האָב געחלומט אַז זי האָט מיך פֿאַרבעטן אויף איר קאָנצערט. איך האָב זיך אָנגעטאָן שיינע בגדים, ווייַס און שוואַרץ, און געקומען אויף איר פּרעמיערע. ס'איז שוין געווען טונקל אין זאַל, האָט מען מיר געהייסן וואַרטן לעבן דער טיר ביז עס וועט זיך מאַכן פֿאַר מיר אַ פּלאַץ צום זיצן. דערווייַל האָבן זיך די פֿאַרהאַנגען צעעפֿנט און אַלע אין זאַל האָבן געקוקט אויף דער בינע. העלענאַ איז דאָרט געשטאַנען אין אַ לאַנג קלייד מיט ברייטע אַרבל און אירע אויפֿגעהויבענע הענט האָבן דערמאָנט אין שוואַרצע פֿליגל. זי האָט אַ שפּאַן געטאָן צום ראַנד פֿון דער בינע, אַראָפּגעגאַנגען פֿינעף טרעפּלעך און זיך געלאָזט גיין לענג-אויס דעם דורכגאַנג צווישן די שטולן, ביז זי איז צוגעקומען צו מיר. זי האָט באַקוקט מייַן אָנטועכץ און פֿאַרהאַלטן איר בליק אויף מייַנע שיך. שווערע שיך פֿון כאַמסקן לעדער, פֿון די צייַטן ווען איך בין געווען אַ פּאַסטעך פֿון שעפּסן, באַקלעפּט מיט מיסט און שאַרפֿן ריח. זי האָט גערעדט צו מיר, אָבער דער זאַל האָט געהערט. ווי אַזוי בין איך דאָס אַרייַן אין אַזאַ הילוך. געזאָגט האָט זי:

„מיט טינופֿת אויף דייַנע שיך אין מייַן הייליקן טעמפּל פֿון קונסט?"

## ו. אויסטראַליע

פֿראַנצייזישע ליטעראַטור

מע שפּילט טעאַטער

אַ יידישער אַקטיאָר

אַ נייַער אָנהייב

די גרייס פֿון מייַן טאַלאַנט

צוויי פֿרייַנד

אויסרעדן אַ וואָרט

אַ גנב

## פראַנצייזישע ליטעראַטור

אויפֿן וועג פֿון פּוילן קיין אויסטראַליע בין איך געבליבן שטעקן אין פּאַריז. ווי צו זײַן האָב איך נישט געהאַט און קיין געלט האָב איך אויך נישט פֿאַרמאָגט, האָט אַ שאָפֿער פֿון אַ טאַקסי מיך גענומען צו זיך אַהיים. אויב איך וועל אויסנעמען ביי זײַן ווײַב, האָט ער געזאָגט אויפֿן וועג, און זי וועט וועלן, וועט אויך אים נישט אַרן איך זאָל איינשטיין ביי אים די זעקס וואָכן ביז די שיף אין מאַרסיי וועט גרייט ווערן צו דער ווײַטער רייזע. זעקס וואָכן צײַט, אַזוי האָט מען געזאָגט אין דער ביוראָ פֿון דער שיפֿס-געזעלשאַפֿט, און דער שאָפֿער האָט עס מיר פֿאַרטײַטשט. מיט זײַן ביסל יידיש האָט ער מיר אויך געזאָגט אַז ער האָט אַ טאָכטער אין מײַן עלטער, אין זיבעצטן יאָר, און אַז זײַן ווײַב איז אַן אמתע פֿראַנצייזקע. ווען זי האָט געעפֿנט פֿאַר אונדז די טיר און ער האָט איר דערציילט ווי ער האָט מיך געפֿונען, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קני און געקושט איר האַנט.

זי האָט זיך צוריק געצויגן און געקוקט אויף מיר אַ ביסל צעטומלט. זי האָט געפֿרעגט איר מאַן וואָס פֿאַר אַ ווילד באַשעפֿעניש ער האָט מיט זיך געבראַכט. אייגנטלעך האָט דער שאָפֿער באַמערקט וואָס איך גיי טאָן און ער האָט מיך געפּרוווט פֿאַרהאַלטן, אָבער איך בין געווען פֿלינקער פֿאַר אים. ער האָט מיך באַלד געזאָגט אַז איך האָב נישט געמאַכט קיין גוטן רושם אויף זײַן ווײַב און פֿאַרלוירן דעם שאַנס איינצושטיין ביי זיי אין שטוב. נאָכן עסן וועט ער מיך צוריק פֿירן אין דער שיפֿס-געזעלשאַפֿט. איך האָב זיך שוין געזען זיצן דאָרטן טרויעריק און פֿאַרלוירן, קוקנדיק דעם און אַ צווייטן אין די אויגן אַרײַן, ער זאָל זיך אויף מיר מרחם זײַן.

אָבער איך האָב נישט געשפּירט קיין חרטה אויף דעם וואָס איך האָב געטאָן. דער שאָפֿער האָט מיר טאַקע דערקלערט, אַז מען פֿירט זיך נישט אויף אַזוי אין פֿראַנקרײַך, אַז מען קניט נישט און מען קושט נישט די הענט פֿון פֿרויען, אָבער וועגן דעם האָב איך געוווסט בעסער פֿאַר אים. איך האָב עס אַרויסגעלייענט פֿון די ביכער נאָך אין ביאַלע-פּאָדליאַסקע. טאַקע אַ קליין שטעטל אין פּוילן אָבער אין די דרייסיקער יאָרן פֿון אונדזער

יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַהין ביכער אין יידיש פֿון דער פֿראַנצייזישער ליטעראַטור.

און איך בין אויך נישט געווען דער איינציקער וואָס פֿלעגט שפּאַצירן הין און צוריק אויף דער הויפּטגאַס פֿון ביאַלע, מיט גראַב-בענדיקע ביכער אונטערן אָרעם, אויף אַרויסצורופֿן ליוב און קנאה.

שוין די נעמען פֿון די שרײַבער האָבן אויפֿגעריסן די אויגן. פּיער לאָטי, באַרימטער שיפֿס-קאַפּיטאַן, און די ברידער פּאול און וויקטאָר מאַרגעריט, דאָס האָבן זיי געשריבן די באַרימטע ראָמאַנען "חבר און חברטע", "מענטש און בהמה".

דעם רושם פֿון זייערע ביכער האָב איך געבראַכט מיט זיך קיין פּאַריז. דער שאָפֿער האָט זיך מיט דעם נישט געקענט פֿאַרגלייכן.

אָבער נאָכן עסן האָט זיך עפּעס געענדערט. אויך בײַ דעם שאָפֿערס ווײַב. זי האָט זיך צוגעקוקט מיט וואָס פֿאַר אַן אַפּעטיט איך האָב אויפֿגעגעסן אַלע זיבן געריכטן און זי האָט געדרינגען פֿון דעם אַז איך ווייס ווי אָפּצושאַצן איר טאַלאַנט אָפּצוקאָכן אַ געקעכץ. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן ווען איך האָב געשפּירט אַ פֿולן בויך. אויך אין פּוילן האָט זיך אַ מאָל געמאַכט אויף אַ חתונה אַ שפּאַרער טעלער אָבער איך האָב געקענט צועסן נאָך נאָר עס איז מער נישט געווען.

ווען איך האָב אויפֿגעגעסן דעם אַכטן געריכט, פּעניצלער געלן קעז, האָט דער שאָפֿער מיר פֿאַרטײַטשט די רמזים וואָס ער האָט אַראָפּגעלייענט פֿון זײַן ווײַבס פּנים; אַז איך וועל קענען אײַנשטיין די זעקס וואָכן בײַ זיי אין שטוב. איך האָב זיך זייער געפֿרייט וואָס איך וועל מער נישט דאַרפֿן בעטן רחמנות אין פּאַריז און איך האָב אויך אים מרמז געווען אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועל איך טאָן וואָס ער זאָגט. די זעט האָט זיך צעשפּרייט אין אַלע מײַנע אבֿרים און פֿאַרטריבן דעם רושם פֿון דער פֿראַנצייזישער ליטעראַטור אין יידיש. אויס מיט פּיער לאָטי, האָב איך צו זיך געזאָגט, און אויס מיט די ברידער מאַרגעריט. אויס מיט "מענטש און בהמה" און אויס מיט קניען און קושן הענט פֿון פֿרויען.

איך האָב נאָך געהאַלטן אין קײַען דאָס לעצטע פּעניצל קעז, האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַרײַנגעקומען זייער טאָכטער, אַ מיידל שלאַנק און הויך, העכער פֿאַר מיר מיט אַנדערהאַלבן קעפּ, האָב איך זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געקושט איר אויסגעשטרעקטע האַנט.

# מע שפּילט טעאַטער

יעקב וואַיסליץ, דער אַקטיאָר פֿון דער געוועזענער ווילנער טרופּע, האָט אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, אין די פֿערציקער יאָרן אין מעלבורן, זיך גע־שטעלט אונטער מײַן פֿענצטער, און מיט זײַנע לאַנגע הענט געדופֿן איך זאָל גיין מיט אים שפּילן טעאַטער.

ער האָט זיך נישט איבערגענומען מיט מײַן אָפּזאָג. וואָס עפּעס זאָל ער גיין צו אַנדערע פֿענצטער זוכן אַקטיאָרן? צי האָב איך נישט געוווסט אַז עס איז אַ מלחמה אויף דער וועלט און אַז אין אויסטראַליע פֿעלן אויס יונגע־לײַט וואָס רעדן יידיש? ער איז געבליבן דאָ שטעקן צוליב דער מלחמה, און זײַן גייסט האָט ער געשפּירט, ווען אויסגיין פֿון טרוקעניש אויף דער דאָזיקער יבשה.

זײַן נשמה, האָט ער געטענהט, ציט זיך צו די גרויסע קהילות אויף דער וועלט, און ער דאַרף, ווי ס'איז דער מנהג פֿון יידישע אַקטיאָרן, וואַנדערן פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון שטאָט צו שטאָט, און ברענגען — לויט זײַנע ווערטער — צו די מאַסן וואָס בענקען נאָך יידישער קולטור, אַ פֿריש און צאַפּלדיק וואָרט.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן זײַנע הענט אין דער הייך און אויסגעשפּילט פֿאַר מײַן פֿענצטער דעם ביטערן גורל פֿון אַן אַקטיאָר וועלכער האָט נישט פֿאַר וועמען צו שפּילן טעאַטער. דאָס זײַטיקע געסל איז געוואָרן אַ בינע, איך אין פֿענצטער — דאָס קהל, און ער האָט דעקלאַמירט אַ פֿראַגמענט פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם יידישן פּאָעט וועלכער האָט באַוויינט דעם אונטער־גאַנג פֿון פֿאָלק מיט דעם נוסח פֿון די נביאים אין דער תורה.

„פּרנסה!" האָט ער געשריגן.

דערהערט וואָס ער רופֿט האָב איך אויפֿגעהויבן די הענט און אַרויף אויף דער בינע.

איך האָב געשפּילט די ראָלע פֿון יחזקאל, דער טשודאַקישער חלוץ וואָס די צונג איז אים שווער, אין דער דראַמע פֿאַרפֿאַסט פֿון אהרן אַשמן א.נ. „אונדזער ערד".

ווען דער פֿאַרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן האָב איך געהאַלטן אַ ווידלע

אין דער האַנט און געזאָגט: „אם אשכחך, ירושלים — אויב איך וועל דיך פֿאַרגעסן, ירושלים, תשכח ימיני — זאָל מײַן רעכטע האַנט ווערן אָפּ-געדאַרט". איך האָב אַרויפֿגעשטעלט אַ פֿוס אויף דער ווידלע און אויס-געררופֿן אַז איך וועל זיך פֿון דאַנען נישט רירן. הונגער. קדחת. טרוקעניש. טויט. איך וועל דאָס לאַנד נישט פֿאַרלאָזן.

מיט אַ שטימע וואָס ציטערט, אויף אַרויסצורופֿן טרערן, האָב איך געשווירן אַז איך וועל זיך קעגנשטעלן שטורעמס, בײַקומען ווינטן און אַז קיין פֿײַנטלעכער כוח וועט זיך איבער מיר נישט שטאַרקן. יעקב ווײַסליץ האָט מיך געלערנט רעדן פֿון טיפֿן האַרצן. האָב איך אויפֿגעהויבן די ווידלע ווי מען הויבט אויף אַ פֿאָן און טײַטלענדיק אויפֿן בוים וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט הינטער מיר אויף דער בינע, האָב איך געמאָלדן אַז איך בין אַזוי ווי ער — פֿאַרוואָרצלט אין דער ערד און שטיי אַ גלײַכער.

דער זאַל האָט באַדאַרפֿט אַרויס מיט אַ געוויין. אָבער ער איז אַרויס מיט אַ געלעכטער. ווײַל דער בוים איז גאָר נישט געשטאַנען. ווען איך האָב אַ פֿאָכע געטאָן מיט דער ווידלע האָב איך אים נישט ווילנדיק אומגעוואָרפֿן און ער איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער איבער דער גאַנצער לענג.

מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פֿאָרהאַנג. דעם בוים האָט מען צוריק אויפֿגעשטעלט אויף דער בינע און מיך האָט מען פֿון דאָרטן אַראָפּ-גענומען.

# אַ יידישער אַקטיאָר

איך האָב עס אים געזאָגט, יעקב ווײַסליצן, אַ יידישער אַקטיאָר, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט נאָך אין מעלבורן, אויסטראַליע, אַז איך אויף זײַן אָרט וואָלט געטאָן די זעלבע זאַך: פֿאַרוואַנדלט יעדן פּלאַץ אין אַ בינע.

פֿון זינט דער עולם אויפֿן ווײַטן קאָנטינענט איז אַוועק פֿון יידיש און ס׳איז ווײַסליצן אויסגעקומען צו שפּילן אין האַלב-ליידיקע זאַלן, איז יעדער פּלאַץ ווו מענטשן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, געוואָרן אין זײַנע אויגן אַ בינע. אַ גאַס. אַן אויטאָבוס. אַ בית-הקברות.

אַ דריטל דראַמע האָט ער איין מאָל פֿאַרגעשטעלט לעבן אָפֿענעם קבר פֿון זײַנס אַ חבר אַן אַקטיאָר. דער גרויסער עולם באַגלייטער האָט אים אויפֿגערודערט. אייגנטלעך איז עס געווען, זײַן, ווײַסליצעס, עולם, נאָר זיי האָבן אויפֿגעהערט קומען אין יידישן טעאַטער כאָטש זיי זענען ווײַטער געגאַנגען אויף לוויות.

איך האָב אים אָנגעטראָפֿן, ווײַסליצן, אויפֿן בן-יהודה פּלעצל אין ירושלים. ער האָט געקויפֿט אַ פּאַיס-בילעט און דעקלאַמירט פֿאַרן פֿאַרקויפֿער אַ ליד אין יידיש. ער האָט צעשויבט זײַנע לאַנגע האָר ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ בינע קינסטלער, אויסגעשטרעקט זײַנע לאַנגע הענט און פֿאַרגעשפּילט דעם גורל פֿון אַ מענטש וואָס די וועלט נעמט אים אַרום מיט שטעכיקע הענט און פֿירט אים צום פֿײַער, צום שײַטער.

דער פֿאַרשידנאַרטיקער עולם אויפֿן בן-יהודה פּלעצל האָט פֿאַרכאַפּט ווײַסליצעס בליק. ער האָט זיך גאָרנישט משער געווען אַז עס איז נאָך פֿאַראַן אַזאַ פּובליקום. ווען ער ווייסט דאָס וואָלט ער זיך גאָרנישט אַזוי פֿאַרזאַמט אין אויסטראַליע. ער וואָלט גלײַך אַהערגעקומען. ער האָט זיך דאָרטן פֿאַרהאַלטן צוליב פּרנסה. אַ רײַכע בלינדע אלמנה. איין מאָל אין וואָך פֿלעגט ער גיין צו איר אין שטוב אַרײַן שפּילן טעאַטער. גרימירט. אַזוי האָט די אלמנה פֿאַרלאַנגט. אָן פֿאַרב האָט דאָס טעאַטער נישט געהאַט בײַ איר קיין אויסזען. פֿלעגט ער קומען ווײַסליץ, גרימירט דאָס פּנים און געשפּילט פֿאַר דער בלינדער טעאַטער. ווען זי איז געשטאָרבן איז ער געקומען אַהער קיין ישראל אָנהויבן אויף ס׳נײַ.

דערפֿאַר האָט ער זיך איבערגענומען מיטן מענטש אינעם ליד וואָס מען פֿירט אים צום שײַטער און ער ווערט נישט פֿאַרברענט. אויך דעם פּאַיס-פֿאַרקויפֿער האָט ווײַסליץ באַטראַכט ווי אַ סימבאָל פֿון יידישן פֿאָלק. ביידע האַנדלען מיט חלומות.

דער פֿאַרקויפֿער האָט נישט פֿאַרשטאַנען קיין יידיש און געמאַכט סימנים מיט די הענט, פֿאַרצויגן אַ ליפּ, פּטור צו ווערן פֿון אַנשיקעניש. צום סוף האָט ער געעפֿנט אַ סלאָיקל זויערמילך און געשלוקט אָן חשק.

נאָך אַלעמען איז ער געווען צוגעוווינט צו די אויסטערלישע לײַט וואָס דאָס בן-יהודה פּלעצל האָט געצויגן צו זיך. אַ מאָל איז עס אַ גרוזינער, האָט דער פֿאַרקויפֿער זיך פֿאַרטרויט פֿאַר מיר, אַ מאָל — אַן אַמעריקאַנער בחור און איצט עפּעס אַ צעדרייטער זקן אויף יידיש.

ווײַסליץ האָט באַמערקט אַז עס טוט זיך אַרום אים, האָט ער זיך אויס-געדרייט מיטן פּנים צו די פֿאַרזאַמלטע און אויפֿגעהויבן זײַן קול.

דאָס זעלבע ליד האָב איך אים אַ מאָל געהערט דעקלאַמירן פֿאַר אַ שיכור אויף אַ טראַמוויַ אין מעלבורן. יענער האָט אַרײַנגעשריגן ווײַסליצן אין פּנים אַרײַן: "יו דירטי דזשו!" דו פֿאַרשיווער ייד!, אָבער ווײַסליץ זעענדיק פֿאַר זיך אַ צוהערער איז אַרויס מיט די שורות:

די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט\
מען פֿירט מיך צום פֿײַער, צום שײַטער\
איך ברען און איך ברען און ווער נישט פֿאַרברענט\
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווײַטער.

# אַ נייער אָנהייב

וואָס איך האָב געטאָן די ערשטע צײַט אין אויסטראַליע ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, אַ זעכצן-יעריקער בחור אין די דרײַסיקער יאָרן? איך האָב אַרײַנגענייט קעשענעס אין מאַנטלען און געלייענט ביכער צו פֿאַרטרײַבן דעם לאַנגווײַל. אין די פֿרימאָרגנס בין איך געפֿאָרן צו דער אַרבעט מיט דער שטאָטישער באַן און אין די אָוונטן פֿלעג איך אַ מאָל פֿאַרליינען פֿאַר מײַן באָבען אַ ליד אָדער צוויי וואָס איך האָב אויפֿגעשריבן. זי האָט פֿאָרגעלייגט איך זאָל זיי ווײַזן אַ שרײַבער. אין מעלבורן, האָט זי געהערט, איז דאָ אַזאַ איינער, פּנחס גאָלדהאַר, אָבער זי האָט נישט געוווּסט ווו ער וווינט. ער זיצט זיכער אין דער "קדימה"-ביבליאָטעק, האָט זי געזאָגט, און ער קוקט אַרײַן אין ביכער.

איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן פֿון נאָכפֿרעגן אויף פּנחס גאָלדהאַרן בײַ דעם אַלטן ביבליאָטעקאַר, וואָס סײַ ווי איז ער געווען טויבלעך און ער איז אויך נישט געווען פֿרײַנטלעך צו מיר, מחמת איך האָב אים צופֿיל מטריח געווען מיט טוישן ביכער. ער איז נישט געווען צוגעוווינט צו אַזאַ מין שנעלן לייענען. אַלע לייענער, לרוב זקנים, האָבן זיך אַנדערש אויפֿגעפֿירט. זיך באַוויזן איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר און אויסגעבאָרגט בלויז דיקע ביכער ס'זאָל זײַן וואָס צום לייענען. איך בין נישט געווען קיין איבערקלײַבער. אין די טעג ווען די ביבליאָטעק איז געווען אָפֿן, צוויי אָדער דרײַ מאָל אַ וואָך, האָב איך געליען וואָס נאָר ס'איז מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט אַרײַן אָבער פּנחס גאָלדהאַרן האָב איך דאָרטן נישט געטראָפֿן.

מײַן באָבע האָט זיך געוווּנדערט אויף אים און אויך אויף זיך אַליין. אָדער זי האָט שלעכט געהערט אָדער ער איז נישט קיין אמתער שרײַבער אויב ער זיצט נישט אָפּ זײַנע טעג צווישן ביכער. זי האָט באַמערקט מײַן צעשטרײַטקייט און מײַן אומעט. כ'בין געוואָרן אַ שווײַגער. געשטאָכן מיט אַ פֿינגער אין אויער. זיך געגראַבלט צווישן די פֿיס. ס'האָט מיך אויפֿגערעגט אין דער שטאָטישער באַן דער גוי וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איטאַליענער. יעדן טאָג איז ער געזעסן לעבן מיר און אַרײַנגעקוקט אין ביכל וואָס איך האָב געלייענט. ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר, איבער

זײַנע ברילן, אַ שווערן בליק און געקוקט מיט וווּנדער ווי איך מיש די בלעטער פֿאַרקערט, פֿון רעכטס אויף לינקס. אַ סך מאָל האָב איך געהאַלטן דאָס ביכל כּמעט צוגעמאַכט, זאָל ער שטרעקן, דער איטאַליענער, זײַן האַלדז און פּלאַצן פֿאַר נײַגער. די ביכער, וואָס איך האָב געלייענט האָבן נישט פֿאַרטריבן דעם לאַנגווײַל אין מײַן לעבן, האָב איך אָנגעפּילט העפֿטן מיט לידער אָבער פּנחס גאָלדהאַרן האָב איך נישט געטראָפֿן.

״אפֿשר איז גאָר נישטאָ אַזאַ איינער״, האָב איך איין מאָל געזאָגט דער באָבען, ווען מיר זענען ביידע געזעסן אין אַ ווינטער-אָוונט לעבן פֿײַער און געלייענט: זי — איר ״צאינה-וראינה״, און איך — אויך זייער אַ דיק בוך. ווײַל איך האָב זיך אָנגעשטעקט פֿון די אַנדערע לייענער אין דער ״קדימה״-ביבליאָטעק און אָנגעהויבן אויסבאָרגן ביכער מיט בײַכיקע רוקנס.

דערפֿאַר האָט דער טעות נישט אויסגעזען צו גרויס אין מײַנע אויגן, ווען איך האָב אויף צו מאָרגנס דערזען, ווען איך האָב זיך אַרײַנגעזעצט אין דער שטאָט-באַן אויף מײַן שטענדיק אָרט לעבן פֿענצטער, אַז אַנשטאָט מײַן ביכל האָב איך גענומען מיט זיך מײַן באָבעס סידור. האָב איך אַ מיש געטאָן דאָ און דאָרט און זיך אָפּגעשטעלט לייענען דעם פּרק ״מעיין טהור״, דאָרטן ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן די דינים פֿון אַ ווײַב נאָך דער חתונה. דאָס מאָל האָב איך געהאַלטן די ׳צאינה-וראינה׳ ברייט צעעפֿנט, זאָל ער הנאה האָבן דער איטאַליענער לעבן מיר, פֿון די קאַנטיקע אותיות, פֿון די פּינטלעך און פּאַסיקלעך, זאָל ער קוקן וויפֿל זײַן האַרץ גלוסט.

ער האָט טאָקע געקוקט דעם גאַנצן וועג פֿון נאָרט-קאַרלטאָן ביז כּמעט אין שטאָט אַרײַן. פֿאַר דער לעצטער סטאַנציע, האָט ער אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף דעם אָפֿענעם סידור און געזאָגט אַז ער קען זיך מער נישט אײַנהאַלטן. חדשים האָט ער געשוויגן און זיך נישט אַרײַנגעמישט כאָטש מײַן לייענען האָט אים שיעור נישט משוגע געמאַכט. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ מין לייענער איך בין. אַ מאָל לידער, אַ מאָל אַ שונד-ראָמאַן, אַ ביכל וועגן גאַנדי און זײַן פֿילאָזאָפֿיע, אַרטיקלען וועגן האַלץ אין אַ יאַר-בוך פֿון אַרגענטינע, און מיט אַ מאָל בלויז דיקע ביכער. נעכטן, האָט ער געטענהט, האָט ער אַרויסגעכאַפּט עטלעכע שורות ״די פֿרוי און דער סאָציאַליזם״ פֿון אויגוסט בעבעל, און הײַנט, מיט אַ מאָל — ווײַבערשע דינים פֿון די ״צאינה-וראינה״. ס׳האָט אים אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים און ער האָט סוף סוף געוואָלט וויסן ווער איך בין. ער האָט מיר אויך געזאָגט זײַן נאָמען: פּנחס גאָלדהאַר.

# די גרייס פון מײַן טאַלאַנט

איך בין אַ מאָל געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַזאַ מין ברירה: גיין צו מײַן חופּה אָדער אויף אַ לעקציע פֿון ליטעראַטור.

ס'איז געווען אין מעלבורן נאָך דעם ווי אין יידישן וואָכנבלאַט "די אויסטראַלישע נײַעס", האָט זיך אָפּגעדרוקט מײַן ערשט ליד, און דער לערער יוסף גיליגיטש האָט מיך פֿאַרבעטן צו אים אין שטוב אַרײַן אויף אַ שמועס. איך זאָל נישט פֿאַרגעסן מיטנעמען מײַנע כתב-ידן, האָט ער מיך אָנגעזאָגט. נאָכן איבערבלעטערן אַ בינטל לידער האָט ער באַוויליקט, כאָטש אומגערן, אַרויסזאָגן זײַן מיינונג. ער האָט פֿאַרשטעלט דעם נאָגל פֿון זיין גראָבן פֿינגער, איבערגעלאָזט עפּעס אַ קלייניקייט, און אָנגעוויזן אויף דער גרייס פֿון מײַן טאַלאַנט. אַ מילימעטער נאָגל.

"יינגל", האָט ער מיך גערופֿן ווײַל איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין אַכצן יאָר. ער האָט מיר צוריק געגעבן דאָס בינטל לידער און געפֿרעגט צי איך האָב ווען עס איז געהערט וועגן דעם אַנאַפּעסט. דאָס האָט מיך נאָך מער צעטומלט. איך בין אַזוי אויך געווען בײַ זיך גענוג געפֿאַלן און געטראַכט אַז מיט אַזאַ קליינעם טאַלאַנט און אָן דעם אַנאַפּעסט וועל איך שוין ווײַט אין דער פּאָעזיע נישט דערגיין.

אָבער דער לערער גיליגיטש האָט אַרויסגעוויזן רחמנות און געזאָגט, אַז ער וועט מיך אויסלערנען, בחינם אָן געלט, די געזעצן פֿון פּאָעזיע. זאָל איך קומען צו אים אויף לעקציעס דעם איינציקן אָוונט אין דער וואָך ווען ער איז געווען פֿרײַ, שבת בײַ נאַכט, ווען אַלע תושבים אין מעלבורן, און אויך איך מיט מײַן מיידל, האָבן פֿאַרבראַכט אין די קינאָ-הײַזער פֿון שטאָט. גיליגיטש האָט געמיינט אַז אַ יונגער פּאָעט ווי איך, וואָס שטרעבט צו פֿאַרגרעסערן זײַן טאַלאַנט, טאָר זיך נישט קווענקלען און דאַרף מיט פֿרייד ברענגען אַ קרבן אויפֿן מזבח פֿון דער פּאָעזיע.

איך בין אײַנגעגאַנגען דערויף, אויך מײַן מיידל, און איטלעכן שבת בײַ נאַכט — נישט קיין קינאָ נאָר פּאָעזיע.

אָבער איין מאָל אין אַ שבת בײַ נאַכט איז נישט דער קינאָ געשטאַנען כנגד די פּאָעזיע נאָר מײַן אייגענע חופּה. איך האָב נישט געהאַט די העזה

צו זאָגן מײַן לערער יוסף גיליגיטש אַז איך, אַ יונגער פּאָעט, וואָס האָלט נישט פֿון די אַלע בירגערלעכע מנהגים, און וויל אַוועקמאַכן מיטן איינגע־שטעלטן סדר פֿון דער וועלט, וועל גאָר גיין און אָפּטאָן אַזאַ מעשה נורא און חתונה האָבן כדת וכדין. דערפֿאַר האָבן מיר באַשלאָסן, מײַן מיידל און איך, פֿאַרשווײַגן די גאַנצע זאַך. זי וועט גיין צו דער חופּה און איך צו דער לעקציע פֿון ליטעראַטור.

אין יענער תקופֿה האָט שוין דער אַנאַפּעסט געקלינגען היימישלעך אין מײַן אויער. און אַזוי אויך דער טראָכיי, דער דאַקטיל, דער יאַמב און דער אַמפֿיבראַכוס. אין דער שעה ווען מען האָט געוואַרט אויף מיר אין דער שול מיט דער חופּה, בין איך געזעסן בײַ יוסף גיליגיטשן אין שטוב, געבויגן איבער אַ ליד פֿון לייב נײַדוס, אַ פּאָעט וואָס האָט מקריב געווען זײַן יונג לעבן אויפֿן מזבח פֿון דער פּאָעזיע, און ס׳איז אים זייער געלונגען מזווג־זײַן דעם אַנאַפּעסט מיטן יאַמב אין זײַנע לידער.

וואָס איז מײַן קרבן, האָב איך זיך געפֿרעגט, אין פֿאַרגלײַך מיט זײַנעם, און איך האָב מיט נאָך מער אייפֿער פֿאַרקאַשערט אַן עק פֿון דעם טישטוך און מיט אַן איינגעבויגענעם פֿינגער אויסגעקלאַפּט אויפֿן טיש דעם ריטמישן טראַף פֿון די זילבן אינעם ליד.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָרט, אין דער שול, אין קאַרלטאָן, האָט מען שוין אויפֿגעשטעלט די חופּה און מע וואַרט אויפֿן חתן. איך האָב אויך געוווּסט אַז מײַן חבר, דער מאָלער יאָסל בערגנער, וועט פֿאַרווײַלן דעם רב מיט פֿאַרשידענע טשיקאַווע מעשיות, האָב איך ווײַטער געקלאַפּט אויפֿן היל־צערנעם טיש די טראָכייען און די אַנאַפּעסטן מיט דער האָפֿנונג אַז עס וועט קומען אַ טאָג, איך וועל ברענגען מײַן לערער יוסף גיליגיטשן אַ נײַ ליד, ער וועט עס לייענען און נאָך דעם מער גאָרנישט פֿאַרשטעלן. ער וועט אויפֿהייבן פֿאַר מײַנע אויגן זײַן גראָבן פֿינגער און איך וועל דערזען פֿאַר זיך דעם פֿאַרנעם פֿון מײַן טאַלאַנט — אַ פֿולער נאָגל.

# צוויי פריינד

אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה, איז חנוכה-צײַט אַראָפּגע-קומען צו אונדז אין זעלנערשן לאַגער אַרײַן, דער הויפּט-רב פֿון דער אויסטראַלישער אַרמיי, דרשהנען וועגן דעם אויפֿשטאַנד פֿון די מכבייער. אַ חוץ יידן האָבן געדינט דאָרטן אויך זעלנער פֿון אַנדערע פֿעלקער, דער רוב גריכן. איינער פֿון זיי אַ הויכער פּויער פֿון מאַקעדאָניע, מיט אַ לויזער אונטערשטער ליפּ ווי בײַ אַ פֿערד, האָט זיך באַפֿריינדעט מיט מײַן חבר פּאול וואָלף, אַ פֿילאָזאָף פֿון דײַטשלאַנד. זיי האָבן געוווינט אין איין געצעלט, זיך געטיילט מיטן עסן און זיי פֿלעגן אָפּזיצן שעהען צוזאַמען און שווײַגן.

אינעם טאָג ווען דער רב האָט געדרשנט, און די יידישע זעלנער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין איין טייל פֿון גרויסן געצעלט, און די גריכן, בײַ די אַנדערע טישן האָבן געשפּילט אין קאָרטן, זענען ביידע חברים, דער פֿילאָזאָף און דער פּויער, געזעסן צוזאַמען אין אַ באַזונדערווינקל. פּאול וואָלף האָט אַרײַנגעקוקט אין עפּעס אַ ביכל פֿון אַרטור שאָפּענהויער, דער כהן גדול פֿון פּעסימיזם, און פּאַפּאַ-דימיטריו, נישט ווּיסנדיק קיין צורת-אות, האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ פֿאַרמאַכט תּפֿילה-פּנקסל מיט אַ צלם אויפֿן געבינד, און געמורמלט ווערטער מיט אַן איינטאָניקן ניגון. אַ טראָפּן פֿון אַ שמייכל איז געהאַנגען אויף זײַן אונטערשטער ליפּ.

דער רב האָט אָנגעהויבן זײַן דרשה אין אַ שיינעם אָקספֿאָרד העברעיש: "בהעלותי את האורים הללו", ווען איך הויב אָן צינדן די ליכטלעך, און ער איז גלײַך אַריבער אויף ענגליש צו די טעג ווען איבער ארץ-ישראל האָט געהערשט דער רשע אַנטיוכוס. מען האָט מרמז געווען דעם רב ער זאָל רעדן שטילער ווײַל באַלד טאַקע האָט איינער פֿון די קאָרטן-שפּילער אָנגעשטעלט אַן אויער, אַ שמעק געטאָן אין דער לופֿט און אָנגעדרייט אַ וואָנצע. אַ צווייטער האָט אים נאָכגעטאָן. זיי זענען געווען לרוב פֿיש-הענדלער, טרעגער, נאַכט-קלוב-מענטשן און ס'איז זיי קיין מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן אַז יידן און גריכן האָבן אַ מאָל געפֿירט צווישן זיך מלחמות. דאָ אינעם לאַגער האָט מען זיך געלעבט גאַנץ בשלום. איצט האָט דער

קאָרטן-שפּילער אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טיש און אויסגערופֿן אַז אין אים רינט ריין גריכיש בלוט. ער האָט גערופֿן אַלע אין דרויסן אויפֿן פּאַראַדע-פּלאַץ. ס'איז געוואָרן אַ טומל. דער רב האָט אויפֿגעהערט דרשהנען און אויך די יידן זענען אַרויס אין דרויסן זיך שטעלן אַנטקעגן.

פּאַפּאַ-דימיטריו, הערנדיק אַז מען רופֿט ריין גריכיש בלוט, האָט ער גענומען זײַן שטעקן פֿאַרשפּיצט מיט אַ טשוואָק און אַרויס אין דרויסן מלחמה-האַלטן. ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַגער האָט ער אַראָפּגעבויגן זײַן קאָפּ און אים מער נישט אויפֿגעהויבן. האָט מען אים געגעבן דעם שטעקן ער זאָל זאַמלען פֿאַרוואַלגערטע פּאַפּירלעך. ווען ער האָט דערזען אַז פּאול וואָלף, וועלכער איז אַרויס מיט אים צוזאַמען, מישט זיך נישט אויס מיט די יידן נאָר שטייט אָפּגערוקט צווישן די צוויי מחנות, איז ער צוגעגאַנגען צו זײַן פֿרײַנד און אים דערקלערט צו וועלכן צד ער געהער. זיי זענען זיך טאַקע חברים אָבער אין אַ צײַט פֿון מלחמה איז עס אַנדערש.

אָבער פּאול וואָלף האָט זיך נישט געלאָזן פֿירן צו די יידן. אין דײַטשלאַנד איז ער געווען אַ פֿאַרשיקטער אין דאַכאו אָבער נישט היטלער וועט באַשטימען ווער ער איז. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אויסגעמישט מיט דעם ערב-רב און ער וועט אויך ווײַטער, האָט ער געחשבונט, לעבן אָפּגעזונדערט און אַליין.

ביידע פֿרײַנד האָבן זיך וויכוחט אויפֿן פּלאַץ צווישן ביידע מחנות, כמעט אָן ווערטער, אויסגעזען האָט עס ווי זיי וואָלטן געשוויגן צו זיך. פֿון דער מחנה גריכן האָט מען גערופֿן:

"שלאָג דעם יידל!"

פּאַפּאַ-דימיטריו איז געשטאַנען אַ צעמישטער. דער שטעקן האָט גע-ציטערט אין זײַן אויפֿגעהויבענער האַנט. אַפֿילו מיטן געבויגענעם קאָפּ איז ער געווען אַ סך העכער פֿאַר זײַן פֿרײַנד. אויף זײַן אונטערשטער ליפּ איז דער שמייכל פֿאַרלוירן געגאַנגען.

"שלאָג מכות דעם יידל!" האָט מען ווידער געשריגן.

פּאַפּאַ-דימיטריו האָט נאָך מער אַראָפּגעבויגן איבער פּאול וואָלפֿן זײַן קאָפּ און געשטאַנען אין באַדויער ווי אַ גרויסער טאַטע וואָס טרויערט אויף זײַן ווידערשפּעניקן זון.

# אויסרעדן אַ וואָרט

מײַן זיידע, חיים דער שוואַרצער, האָט מען אים גערופֿן, פֿלעגט דערציילן מעשיות אין שטוב וועגן זײַנע רײַזעס איבער דער וועלט. איין מאָל, אַ וואָך נאָך זײַן חתונה, איז ער אַרויס פֿאַרנאַכט פֿאַרמאַכן די לאָדנס און אַוועק קיין לאָנדאָן. אַ צווייט מאָל — קיין ניו־יאָרק. פֿון לאָנדאָן איז ער צוריק געקומען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פֿון אַ פּרינץ. דער זיידע האָט זיך געטראָפֿן מיטן פּרינץ פֿאַרנדיק אין אַ צוויי־שטאָקיקן אויטאָבוס, האָבן זיי זיך צונויפֿגעשמועסט אויף דײַטשמעריש און דער פּרינץ האָט באַשטעלט בײַם זיידן אַ מאַנטל. דער זיידע האָט אויפֿגענייט צוויי פֿון זעלבן מוסטער. דעם צווייטן פֿאַר זיך.

די באָבע האָט נישט פֿאַרטראָגן דעם מאַנטל פֿאַרסטרויעט מיט שליפֿעס, פּאַסקעס און שנאָלן, און ווען אַ פֿרעמדער בעטלער האָט זיך איין מאָל אַרײַנגעשטעלט אין שטוב אַרײַן, האָט זי געמאַכט פֿון מאַנטל אַ פּעקל און אַוועקגעשענקט דעם גייער איבער די הײַזער מיטן באַדינג אַז יענער זאָל זיך אָפּטראָגן פֿון שטאָט.

זי האָט אויך דעם זיידנס מעשיות נישט פֿאַרטראָגן און זי איז אַרײַן אין קיך אַרײַן נישט צו הערן וואָס מיטן זיידן איז זיך פֿאַרלאָפֿן דעם ערשטן טאָג אין ניו־יאָרק. ווען ער איז אָנגעקומען אַהין מיט דער שיף, האָט ער געדונגען אַ צימער אין שטוב מיט אַ כשרה קיך און זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן אויסשפּירן די שטאָט. שפּאַצירנדיק אויף אַ ברייטער גאַס, האָבן אים אָפּגעשטעלט צוויי יונגען, באַוואָפֿנט ווי גזלנים, און געפֿאָדערט פֿון אים דאָס געלט אָדער דאָס לעבן. האָט ער פֿאַרדרייט זייערע הענט אויף הינטן, זיי געבונדן מיטן פּאַסיק פֿון זײַנע הויזן און זיי אָפּגעפֿירט אין דער פּאָליציי. ווען ער איז צוריק געקומען אין זײַן צימער און די באַלעבאָסטע האָט אַ צעשטרײַטע זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ אים וווהין ער איז דאָס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין דעם גרויסן כרך, איז ער אַליין אויך בלײַך געוואָרן, ס'לשון איז אים געוואָרן אָפּגענומען און ערשט דעמאָלט איז ער אַוועקגעפֿאַלן אין זײַן גאַנצער לענג און געחלשט.

די באָבע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווער פּנים אָבער אין ביאַלע זענען

געווען געגוג בעלנים וואָס האָבן דווקא יאָ געוואָלט הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. דער זיידע איז דאָך געווען אין אויסטראַליע, איז טאָקע די דאָרטיקע זון די זעלבע ווי דאָ הי? און וואָס איז מיטן הר-סיני ווו משה רבינו האָט געגעבן די תורה? און וואָס טוט מען אַז די שיף אויפֿן ים הייבט אָן זינקען?

לעבן באַרג סיני איז דער זיידע געשטאַנען צוויי מאָל. ס'ערשטע מאָל אויפֿן וועג קיין אויסטראַליע און דאָס צווייטע מאָל אויפֿן וועג צוריק. אָבער ביידע מאָל האָט ער זיך דאָרטן צו לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן. געקומען, אַ קוק געטאָן און ווײַטער געפֿאָרן. אָבער די זון אין אויסטראַליע קען נישט זײַן די זעלבע ווי אין ביאַלע. דאָ אין שטעטל, למשל, אַז מען וויל אָפּקאָכן אַן איי דאַרף מען צוגרייטן האָלץ, אָנבלאָזן אַ פֿייער, אויפֿקאָכן וואַסער, גאָר אַנדערש איז עס דאָרטן אויף דער צווייטער זײַט וועלט. מען לייגט אַוועק דאָס רויע איי אויף דער דלאָניע, מען שטעקט אַרויס די האַנט דורכן פֿענצטער, די זון גיט אַ ברי, ציט מען אַרײַן די האַנט און דאָס איי איז האַרט.

אַפֿילו מײַן רבי, דער מלמד אליה-דודל, דער וואָס האָט מיטן קאַנטשיק מיך אונטערגעשלאָגן אַן אויער, האָט מיך באַפֿוילן איך זאָל אים באַגלײַטן צום זיידן. ס'האָט זיך אים אויך פֿאַרגלוסט אַ הער טאָן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. מיר האָבן טאָקע אויסגעהערט ווי אַזוי דער זיידע האָט חתונה געמאַכט זײַן עלטסטע טאָכטער. ער איז דעמאָלט געווען אין ניו-יאָרק, האָט מען אים געשריבן אַז עס האָט זיך אָפּגעפֿונען אַ חתן האָט ער צוגעשיקט אַ נדן. אָבער דעם חתנס משפּחה האָט דעם נדן אויפֿגעגעסן אָן אַ חופּה. האָט ער צוגעשיקט אַ צווייטן נדן, האָט מען אים אויך אויפֿגעגעסן. אויך מיטן דריטן נדן איז געשען דאָס זעלבע. איז דער זיידע געקומען צו פֿאָרן פֿון אַמעריקע מיטן פֿערטן נדן אין דער האַנט און אַזוי האָט דער פֿעטער לייבל, מיטן פֿאַכנדיקן נדן פֿאַר זײַנע אויגן, זיך געלאָזט פֿירן צו דער חופּה מיטן זיידנס טאָכטער.

ווען איך בין געקומען קיין אויסטראַליע איז שוין דער זיידע געווען גאָר אַלט. און דאָרט אין מעלבורן האָב איך געהערט די מעשה מיט דער פֿאַר-זונקענער שיף. ווען מען האָט אויסגערופֿן אַז דער ים רוישט און די שיף זינקט, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער פּחד. ס'איז געוואָרן אַ בהלה און יעדער איינער האָט זיך אָוועקגעשטעלט בעטן צו זײַן גאָט. נאָך דער תפֿילה איז מען געשפּרונגען אין ים אַרײַן. דער שיפֿס-קאַפּיטאַן,

ווי עס פֿירט זיך אין אַזעלכע פֿאַלן, איז געשפּרונגען דער לעצטער און אַ רגע פֿאַר אים — מײַן זיידע.

אויך אין מעלבורן האָט די באָבע נישט געוואָלט אויסהערן די מעשׂיות. זי איז אַרײַן אין קיך און דער זיידע האָט איר נאָכגעשריגן אַ צעקאָכטער אַז אַ גאַנץ לעבן לאָזט מען אים אין שטוב נישט אויסרעדן אַ וואָרט.

# אַ גנבֿ

דער בחור פֿון ביאַלע וואָס האָט אין אָנהויב פֿון היינטיקן יאָרהונדערט געעפֿנט די טויערן פֿון אויסטראַליע פֿאַר אַ מנין יידן פֿון אונדזער שטעטל, איז געווען אַ גנבֿ.

איך האָב נאָך באַוויזן אַ קוק טאָן אויף אים ווען איך בין אָנגעקומען קיין מעלבורן קורץ פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה. דער זיידע האָט מיך געפֿירט זען דעם מענטש וואָס אַ דאַנק אים זענען מיר פֿאַרבליבן בײַם לעבן.

וואָס אייגנטלעך, האָב איך נאָכגעטראַכט אויפֿן וועג, איז דאָרט געווען צו גנבֿענען, אין אונדזער שטעטל, קליין און אָרעם. אַ סך מאָל האָט אויס-געפֿעלט עסן אין שטוב.

״אויך ברויט״.

״גאָלד״, האָט דער זיידע מיר געענטפֿערט, און דערציילט ווי אַזוי ס׳איז אים געלונגען דעם ביאַלער גנבֿ צו אַנטלויפֿן פֿון תּפֿיסה. אין אַ רעגנדיקן טאָג, ערבֿ ווינטער, האָט מען אים געהייסן אַרויפֿקריכן אויפֿן דאַך פֿאַר-ריכטן אַ לאָך ס׳זאָל נישט אַרײַנרעגענען אינעווייניק, האָט ער געמאַכט אַזאַ האַמער מיט אַ ספּרוזשינע וואָס האָט געקלאַפּט פֿון זיך אַליין און, בעת די היטער האָבן זיך אַרומגעדרייט אונטן נישט חושד זײַענדיק קיינעם, האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון דאַך, אַריבער די וואַנט און אַוועק איבערן ים קיין לאָנדאָן.

אויך דאָרטן האָט ער נישט פֿאַרלייגט די הענט אין זײַנע קעשענעס. אָבער ער האָט מער נישט געוואַרט ביז די פּאָליציי וועט אים כאַפּן און אַוועקשיקן קיין אויסטראַליע אַ געבונדענעם אין קייטן. ער איז אָנגעקומען אַהין מיט זײַנע אייגענע כּוחות און געוואָרן אַ פּרעסער פֿון הויזן.

מיר האָבן אים אָנגעטראָפֿן, דעם פּרעסער, גיין אונדז אַנטקעגן אויף דער לײַגאָן-סטריט עסנדיק פּאָמעראַנצן. ער האָט מיר אויך מכבד געווען מיט איינעם און מיר געוויזן ווי אַזוי אים צו שפּאַלטן און אַרײַנקוועטשן דעם זאַפֿט גלײַך אין מויל אַרײַן. ער האָט געהאַט אַ ברייט מויל מיט רווחים צווישן די ציין און דעם נאָכקלאַנג וואָס ער האָט דערבײַ געמאַכט,

איז געווען, ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפֿונען, ווי דער רעש פֿון זײַן דאַמף-פּרעסל מיט וועלכן ער האָט געפּרעסט אין דער שנײַדערײַ די הויזן. צוויי אויסגעבעטע ברעטער וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פּאַרע מיט אַ סיקעניש.

דער פּרעסער האָט געליובט זײַן פֿאַך דורך וועלכן ער איז געוואָרן אַן ערלעכער מענטש. אַזוי האָט ער טאַקע געשריבן צו זײַן כלה ווען ער איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע און געוואָלט זי זאָל קומען צו אים ווערן זײַן ווײַב. די כלה האָט אַריבערגעבראַכט אַ ברודער, דער ברודער — אַ שוואָגער. דער שוואָגער — אַ קוזינע, די קוזינע — אַ משפּחה, די משפּחה — אַ צווייטע ביז עס איז דערגאַנגען צו מײַן זיידן וואָס מען האָט אים גערופֿן חיים דער שוואַרצער.

אַלע ביאַלער זענען מיט דער צײַט געוואָרן זייער רײַך אין אויסטראַליע. אָנגעהויבן האָבן זיי מיט הויזן און דערגאַנגען צו גאָלד. אָבער דער פּרעסער וואָס האָט אָנגעהויבן מיט גאָלד איז געבליבן בײַ די הויזן.

דרײַסיק יאָר זענען פֿאַרבײַ, האָט ער געזאָגט, און ער איז נישט מיד געוואָרן פֿון פּרעסן הויזן און עסן פּאָמעראַנצן. ער האָט מיר דערלאַנגט נאָך איינעם וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן טיף פֿון די מאַרינאַרקע קעשענעס. זײַנע קעשענעס זענען אייגנטלעך געווען צעריסן און ער האָט די פּאָמע-ראַנצן געהאַלטן ווי אַ קראַנץ אַרום און זיך צווישן די פּאַטשעווקע און די סחורה.

מיר האָבן אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט מיט דער לייגאָן-סטריט און ער וואַרפֿט מיט די הענט ווי מיט וויאָסלעס אין וואַסער. פֿון איין זײַט גאַס האָט זיך געצויגן אַ בית-עולם, פֿון דער צווייטער זײַט — קליינע הײַזער, אויך פֿאַרהילט אין גרינס, און דער קראַנץ אַרום זײַן בויך איז אָפּגעשטאַנען און דערמאָנט אין אַ ראָד וואָס מען וואַרפֿט צו איינעם וועלכער טרענקט זיך ער זאָל זיך האַלטן אויף די כוואַליעס פֿון ים.

## ז. דיינע געסלעך ירושלים

פֿלוימען פֿון אייגענעם גאָרטן

דער פֿולער שמייכל

דער מענטש וואָס לאַכט נישט

אין קופּת-חולים

נאַכטוועכטער וואַרעמען זיך אין דער זון

אַ הלוואה ביז משיח וועט קומען

דאָס נאַרישע פֿיקסל

יידעלעך פֿריש פֿון די אייעלעך

שטיל לעבן

מע שלאָגט כּפּרות

דער פֿאָטאָגראַפֿיסט

דאָס מיידל און דער ישיבה-בחור

# פלוימען פון אייגענעם גאָרטן

אויף רחוב עמק רפֿאים, אין ירושלים, בין איך אַריַין אין אַ שוסטערײַ און געבעטן מע זאָל מיך לאָזן דאָ אונטערשטיין אַ ביסל און אַריַינאָטעמען דעם שאַרפֿן ריח פֿון קאַוטשוק מיט וועלכן מע קלעפּט לעדער.

"בבקשה", האָט דער שוסטער זיך אָנגערופֿן מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זײַן פֿרײַנדלעך פּנים, זאָל איך אָטעמען וויפֿל איך וויל: בבקשה, און אַוועקדרייענדיק זײַן פּנים אין אַ זײַט, צו די צוויי ווײַבער וועלכע זענען געזעסן אויפֿן לענגלעכן בענקל, גרין און שמאָל, לענג־אויס דער וואַנט, האָט ער מיט אַ האַנט פֿאַרשטעלט אַ האַלב מויל און אַ זאָג געטאָן:

"נאָר אַ משוגענער".

אָפּגעווישט זײַנע הענט אינעם לעדערנעם פֿאַרטעך האָט ער זיך אַראָפּ־געזעצט צו דער אַרבעט. וואָלט ער מיך געפֿרעגט און אויך גרייט געווען צו הערן, וואָלט איך אים דערקלערט אַז די זאַך איז גאַנץ פּשוט. די ריחות אין אַ שוסטערײַ זענען די ריחות פֿון מײַן אַמאָליקער היים. מײַן טאַטע איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער. ער און די גאַנצע משפּחה זענען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. מײַן היים פֿון אַ מאָל איז נישטאָ. אויך קאַמאַשן־שטעפּערס זענען נעלם געוואָרן פֿון דער וועלט. איז געבליבן דאָ און דאָרט אַ וואַרשטאַט פֿון אַ שוסטער, כדי אויפֿצוּוועקן עפּעס אין זכרון.

דאָס אַלץ וואָלט איך דערציילט, אָבער דער שוסטער אַליין האָט גערעדט די גאַנצע צײַט. ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ גלעזערן טעלערל אַ פֿויסט מיט טשוועקלעך, זיי אַרײַנגעשאָטן אין מויל אַרײַן און דערציילט די צוויי ווײַבער אויפֿן גרינעם בענקל די געשיכטע פֿון זײַן לעבן.

רוסלאַנד.

תּפֿיסה.

פֿופֿצן יאָר סיביר.

אַ ווײַב מיט אַ קינד וואָס דער דײַטש האָט געממיתט.

רעדנדיק האָט דער שוסטער אַרויסגענומען טשוועקלעך פֿון מויל, אַ טשוועקל נאָך אַ טשוועקל און זיי אַרײַנגעקלאַפּט מיטן האַמער אין דער פּאָדעשווע פֿון שוך וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן זײַנע קני.

נישט קיין וואָרט און נישט קיין טשוואָק איז פֿאַרלוירן געגאַנגען.

אין איין מאַך מיט דער האַנט האָט ער איצט איינגעזאַמלט — אַזוי ווי פֿריער האַלב סיביר — צוואַנציק יאָר לעבן אין ירושלים.

אַ נייַ ווייַב.

צוויי טעכטער.

נאָכן אויסהערן וועגן סיביר האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט הערן וועגן ירושלים, האָב איך אויסגעטאָן אַ שוך און אים געוויזן:

״צו פֿאַרריכטן״.

דער שוסטער האָט זיך דווקא פֿאַרקוקט אויפֿן נייַלאָן-בייַטל אין מייַן האַנט.

״אַזעלכע קליינע פֿלוימען האָסטו געקויפֿט? פּיץ-פּיצלעך. שרעטלעך?״ האָט ער זיך אָנגערופֿן.

״איך האָב זיי נישט געקויפֿט. פֿון מייַן בוים אין הייפֿל״, האָב איך זיך ווי פֿאַרענטפֿערט.

דער שוסטער האָט זיך נאָך אַ מאָל אייַנגעבויגן און געפֿרעגט מיט אַ געביטן קול:

״אַזעלכע גרויסע פֿלוימען פֿון דייַן אייגענעם גאָרטן?״

און בעת ער האָט געשמייכלט האָבן צוויי לעצטע טשוועקלעך אַרויס-געשטאַרצט פֿון צווישן זייַנע פֿאַרמאַכטע ליפּן.

# דער פולער שמייכל

דער שוסטער אין הינטערגעסל האָט געקאַרגט אַ וואָרט ווען איך האָב אים געבראַכט אַ סאַנדאַל צו פֿאַרריכטן. ער איז געזעסן גאָר נידעריק און געהאַלטן זײַן פּנים געבויגן צו די קני. ער האָט פֿאַרנייט דעם זויל פֿון אַ דאַמסקע לעטשל. ער האָט אָנגעריבן די דראַטווע מיט זייף און די לעכלעך אין דער זויל האָט ער דורכגעשטאָכן מיט אַ לאַנגע, אונטערגעבויגענע נאָל. אויך זײַן האַלדז איז געווען דין און לאַנג און אונטערגעבויגן ווי די נאָל. מיט אַזאַ האַלדז וואָלט ער געמעגט אַ קוק טאָן אויף מיר אַ ביסל העכער נישט בלויז ביז צו די ליטקעס פֿון מײַנע פֿיס.

"זיץ", האָט ער זיך אָנגערופֿן.

ווּ צו זיצן איז נישט געווען אין זײַן שוסטערײַ — אַ נישע אויסגעהאַקט אין אַ באַרגיקער וואַנט. איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויפֿן פֿלאַכן שטיין וואָס האָט פֿאַרהאַלטן דעם צעעפֿנטן לאַדן פֿון זײַן וואַרשטאַט און זיך צוגעקוקט ווי ער אַרבעט. צום שפּיץ פֿון דער נאָל, ווען ער האָט דורכגעשטאָכן די זויל, האָט ער אונטערגעשטעלט דעם נאָגל פֿון אַ גראָבן פֿינגער. דער נאָגל איז געווען געל באַשטאָכן מיט שוואַרצע פּינטלען. ער האָט נישט באַמערקט דעם סאַנדאַל וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט אויפֿן טישל לעבן אים, אַזוי פֿאַרטאָן איז ער געווען אינעם דאַמסקן לעטשל צווישן זײַנע קני. ווען ער האָט דורכגעצויגן די דראַטווע, צו פֿאַרשטאַרקן די נעט האָט ער פֿון מאָל צו מאָל געטאָן אַן עקסטראַ ציִ. ער האָט אַ ציִ געטאָן צו שטאַרק און די דראַטווע האָט זיך צעריסן. ער האָט נישט געמאַכט קיין קנופּ. ס'וואָלט נישט אַדורך דאָס לעכל אין דער זויל. ער האָט אויפֿגעוויקלט איין עק וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון צווישן זיינע פֿינגער ווי אַ הונגעריק אַפֿרוח'ל שטעקט אַרויס פֿון דער נעסט אַ צעעפֿנטן שנאָבל, און אַזוי ווי די מאַמע פֿויגל שפּײַזט דאָס אַפֿרוח'ל, האָט ער אַרײַנגעשטעקט דעם צווייטן עק און אָנגעהויבן וויקלען צווישן די פֿינגער. ער האָט אויך מיטגעוויקלט מיטן שפּיץ פֿון זײַן צונג. ווען ער האָט אויפֿגעהערט וויקלען, צונג און פֿינגער, האָט ער צענומען די הענט, געצויגן איןביידע זײַטן, און די דראַטווע איז אַרויסגעקומען, אָן אַ קנופּ, גאַנץ און שטאַרק.

איך האָב אַראָפּגענומען מײַן סאַנדאַל פֿון זײַן טישל און געזען ווי ער האָט זיך ווידער פֿאַרנומען מיטן לעטשל וואָס האָט געצאַפּלט ווי אַ לעבעדיק באַשעפֿענישל אין זײַנע הענט.

„זיץ", האָט ער איבערגעחזרט כאָטש איך האָב נישט געהאַט בדעה אַוועקצוגיין. פֿאַרקערט, איך האָב זיך געמאַכט באַקוועמער אויפֿן שטיין און אָנגעלענט מײַן פּלייצע אינעם לאָדן.

„כ׳וועל אונטערוואַרטן", האָב איך געזאָגט.

ערשט איצט האָט דער שוסטער אויפֿגעהויבן זײַן פּנים. אָבער נישט צו מיר נאָר צו אַ יונגער פֿרוי אין די הויכע חדשים פֿון איר שוואַנגערשאַפֿט. נישט געוועזן קיין פּלאַץ אין וואַרשטאַטל איז זי געשטאַנען כמעט ווי צוגעשפּאַרט צו אים. מחמת זי איז געווען זייער הויך און דער שוסטער איז געזעסן זייער נידעריק איז זײַן קאָפּ אויסגעקומען אונטער איר בויך. ס׳האָט זיך אָנגעזען בולטער אין דער רגע ווען ער האָט איר אַרויפֿדערלאַנגט דאָס פֿאַראַכטענע לעטשל. זי האָט עס באַטראַכט גאַנץ לאַנג, מדקדק געווען די נעט ביז אַ שמייכל אויף אירע ליפּן האָט באַלויכטן איר פּנים. דער שוסטער האָט אַנידערגעלייגט די נאָל אויף זײַן טישל און אָנגעהויבן אַרויפֿוויקלען זײַן לאַנגן, דינעם האַלדז אַרום דעם געבויג פֿון איר אויפֿגעגאַנגענעם בויך. ווען זײַן גאָמבע האָט זיך אַרײַנגעפֿורעמט אַ גאַרנישט איבער איר בויך האָט ער אויך אַ שמייכל געטאָן און צווישן ביידע האָט אויף אַ רגע זיך באַוויזן אַ פֿולע לבנה.

# דער מענטש וואָס לאַכט נישט

פּרײַטיק נאָך מיטאָג, ווען רוב געשעפֿטן אין ירושלים זענען שוין געווען געשלאָסן, האָב איך געקלאַפּט אין דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿון דעם גלעזערס וואַרשטאַט, ער זאָל עפֿענען און מיך אַרײַנלאָזן אינעווייניק.

די שויב פֿון מײַן גרויסן פֿענצטער האָט זיך פּלוצלינג צעבראָכן און אַ גאַנצן שבת וועט זײַן אַ קעלט אין שטוב, אַ רעגן. דער ראַדיאָ האָט אָנגעזאָגט אויף שניי.

"ווינטער!" האָב איך געשריגן דורך דער גלעזערנער טיר און געזען ווי דער גלעזער קרײַציקט די הענט אַז ער וועט נישט עפֿענען. האָב איך אַראָפּגענומען מײַן היטל פֿון קאָפּ ער זאָל זען מײַן פּליך, אפֿשר וועט ער זיך דערמאָנען ווער איך בין.

ווײַל איך האָב אים געדענקט פֿון דער שמירה-נאַכט אין 'האַגאַ', די ציווילע מיליציע, ווען מיר האָבן ביידע געהיטן אויף רחוב נאַרקיס דעם גרויסן קהלהשן בנין. ער איז דעמאָלט געזעסן לעבן מיר אין דער טונקעלער וואַר-בודקע און אָפּגערעדט שעהען. ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען זײַן פּנים. אַ גאָמבע ווי אַ קנעפּל. ער האָט גאָרנישט אויסגעזען אַזוי דערשראָקן ווי עס איז אויסגעקומען פֿון זײַנע רייד. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געליטן פֿון שרעק, אַזוי האָט ער געזאָגט. ער האָט געלעבט אין שרעק פֿאַרן קאָמוניזם, פֿאַר זײַן עלטערן זון, פֿאַרן שטײַערן-אַמט.

איצט איז ער געווען מלא רוגז ווען ער האָט געעפֿנט אויף אַ שפּאַלט זײַן טיר און מיר געטאָן אַ צי אַרײַן אין זיין געשעפֿטל אויף רחוב בית-יעקב, לעבן דעם מאַרק מחנה-יהודה. ס'האָט אים פֿאַרדראָסן הלמאי איך בין געקומען אַזוי שפּעט ווען ס'איז שוין שבת אין שטאָט, און נאָך מער וואָס איך האָב נישט מיטגעבראַכט מיט זיך די רעם פֿון פֿענצטער. איך האָב אים דערלאַנגט דאָס צעטל אויף וועלכן איך האָב פֿאַרצייכנט די מאָס.

"אַקוראַט?", האָט ער געפֿרעגט.

קיין ברעקל שמייכל האָט זיך נישט אָנגעזען אויף זײַן פּנים. דער דאָזיקער מענטש האָב איך געטראַכט, איז גאָר נישט מסוגל צו טאָן אַ שמייכל, שוין

אָפּגערעדט פֿון לאַכן. נאָך דעמאָלט, אין דער פֿינצטערער בודקע, האָט ער זיך מתוודא געווען אַז ער געדענקט נישט די שעה ער זאָל האָבן ווען עס איז געלאַכט.

"אַקוראַט", האָב איך געענטפֿערט.

אויך מײַן ווײַב, ווען איך בין צוריק געקומען פֿון גלעזער און אַרײַנגעלייגט דאָס גלאָז אין דער רעם צי זען אויב עס פּאַסט, האָט מיר געפֿרעגט צי איך האָב אָפּגעמאָסטן אַקוראַט.

דאָס גלאָז איז געווען אַ דרײַ מילימעטער גרעסער. גוט וואָס נישט קלענער. בײַם מעסטן האָב איך צוגעלאָזן עפּעס לשם זיכערקייט. שנײַדן קען מען תמיד. איך האָב דאָך געזען ווי אַזוי דער גלעזער האָט אָפּגעמאָסטן און צוגעשניטן פֿאַר מיר דאָס גלאָז. אַנשטאָט אַ דימענט מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט האָב איך גענומען עפּעס בעסערס. דעם פֿלייש-מעסער. נאָך דעם ווי איך האָב דורכגעקריצט דעם שפּיץ פֿון מעסער אויפֿן גלאָז עטלעכע מאָל לענגאויס די ווירע, האָב איך זיך צוגעבויגן נאָענטער צום טיש און געזוכט אַ סימן פֿון קריץ. ס'מעסער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין סימן אויפֿן גלאָז. האָב איך אָנגעהויבן אויפֿסנײַ. נישט אַזוי איידל און לייכט ווי פֿריער, נאָר מיט כוח. ווען איך וואָלט אַזוי פֿיל מאָל געקריצט מיטן מעסער אויף אײַזן אָדער אויף שטאָל וואָלט זיך אָנגעזען עפּעס אַ סימן. ס'גלאָז איז געבליבן גלאַטיק. האָב איך זיך דערמאָנט אין חתונה-רינגל, פֿון דאָרט האָט אַרויסגעבליצלט אַ דימענט ווי אַן אויג פֿון אַ פֿליג.

מײַן ווײַב האָט אַראָפּגעצויגן דאָס רינגל פֿון איר פֿינגער און אויפֿן גלאָז האָט זיך אָנגעזען, אַזוי ווי בײַם צעשראָקענעם גלעזער, אַ גלײַכער שניט. האָב איך אײַנגעטונקען אַ פֿינגער אין בוימל, געטאָן אַ שמיר, אַ לײַכטן קלאַפּ מיטן האַמער און אַזוי ווי בײַם גלעזער אין וואַרשטאַט האָט זיך געהערט דער באַקאַנטער קלינג פֿון גלאָז וואָס שפּאַלט זיך. אָבער נישט דאָס פּאַסיקל מיט דרײַ מילימעטער אין וועלכן איך האָב אָנגעקלאַפּט האָט זיך אָפּגעבראָכן, נאָר אַ גאַנצער שפּיץ אויפֿן צווייטן עק, איז אַראָפּגעפֿאַלן און זיך צעשפּליטערט אויפֿן דיל.

נישט דער ווינט אין שטוב האָט מיר געשטערט. נישט די קעלט אַ גאַנצן שבת. דער פֿליישמעסער האָט מיר אַנטוישט.

אַ לעבן לאַנג האָב איך זיך אָנגעלענט מיט ביכער, זיך אויסגעלערנט פֿאַרשידענע לשונות, זיך אײַנגעגלויבט אַז איך פֿאַרשטיי דאָס געמיט פֿון אַ

מענטש, פֿיל זיך היימיש אין די געשיכטעס פֿון פֿעלקער, פֿילאָזאָפֿיע. און גלאָז? צוויי מילימעטער גלאָז?

איך האָב עס געזאָגט דעם גלעזער ווען איך האָב באַלד זונטיק אין דער פֿרי זיך אומגעקערט אין זײַן וואַרשטאַטל אַרײַן. אַז איך וועל אים דערציילן אַ טרויעריקע מעשה און דאָס מאָל וועט ער מסתמא אַ לאַך טאָן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים, זיך געמאַכט זײַן באַשעפֿטיקט אין דער אַרבעט, מיך גערופֿן "מײַן פֿרײַנד פֿון האַגאַ", און געזאָגט:

"איך האָב שוין אַ גאַנצן שבת פֿון דיר געלאַכט".

# אין קופת-חולים

און ווידער האָט מיך אָנגעיאָגט מײַן אייגן פּחדנות. ס'איז געשען אין אַ קליניק פֿון קופת-חולים אין ירושלים. ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין וואַרט-צימער איז מען שוין געזעסן אַרום די ווענט. אַן עלטערע פֿרוי, די לעצטע אין דער ריי, האָט געשפּרײַזט מיט אַ פֿינגער פֿון איינעם צום אַנדערן:

„נישט איינס, נישט צוויי".

איך, נאָך איר, בין געווען דער נישט-דרײַ-און-צוואַנציקסטער.

„וואָס איז דיר?" האָט זי געפֿרעגט און זיך אַ רוק געטאָן צו מאַכן פּלאַץ פֿאַר מיר, צו זיצן אויפֿן עק פֿון באַנק. איך האָב אָנגעשטעלט אַ רואיק פּנים מע זאָל נישט דערקענען אויף מיר די שטאַרקע ווייטיקן אין אָרעם. ס'האָט געהאַלטן אין איין שטעכן און דאָס וואַרטן אויפֿן דאָקטער, האָב איך געטראַכט, וועט זײַן אַ גיהנום.

„נישט אַזוי גוט", האָב איך געענטפֿערט און מיט אַ מינע געמאַכט פֿון ווייטיק אַ קלײניקייט. איך האָב זיך צוגעזעצט אויפֿן אָנגעוויזענעם אָרט, אַ ביסל אַנטוישט פֿון זיך, ווײַל איך האָב געמיינט אַז איך בין פֿאַרט מסוגל צו פֿאַרשטעלן ווייטיקן.

„און וועמען איז הײַנט יאָ גוט אויף דער וועלט?", האָט זי צוריק געפֿרעגט און אויפֿגעהויבן אַ ברעם, כ'זאָל כאַפּן אַ קוק פֿאַר זיך אַליין אַרום די ווענט. ס'איז שוין גאָרנישט געווען פֿרײלעך פֿאַר די אויגן, האָב איך זיך אָנגענומען מיט אָטעם אויף אַ לאַנג וואַרטעניש. כ'האָב אַ מאָל געלייענט ערגעץ ווו, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מען קען זיך איבערבעטן מיט ווייטיקן. מע רעדט צו אים, צום ווייטיק, ווי צו אַ פֿרײַנד, ווערט ער אָפּגעשוואַכט. אָבער דאָ אין וואַרט-צימער איז נישט געווען באַקוועם און אויך נישט פּאַסיק אויף אַזעלכע שמועסן. אויך די פֿרוי לעבן מיר האָט געשטערט. זי האָט זיך פּלוצלינג מישב געווען און באַשלאָסן פֿאַרט עפּעס טאָן פֿאַר מיר, דער דאָקטער זאָל מיך גלײַך אָננעמען. זי האָט זיך צונויפֿגעסודעט מיט דער קראַנקן-שוועסטער ווען יענע האָט אויף אַ מינוט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער קוים געעפֿנטער טיר, און מיך געלאָזט

וויסן נאָך דעם, אַז עס וועט זײַן בסדר. זאָל נאָר דער פּאַציענט אַרויס פֿון דאָקטערס צימער, וועל איך אַרײַן.

„מײַן שבנהס אַ טאָכטער", האָט די פֿרוי געזאָגט מיט אַ ווונק צו דער פֿאַרמאַכטער טיר, הינטער וועלכער די קראַנקן-שוועסטער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

איצט איז שוין אויך לײַכטער געווען אַ רעדט טאָן צום ווייטיק. איך האָב אויך צוגעגרייט אַ קורצע רעדע, זיך צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די איבעריקע קראַנקע אין וואַרט-צימער, טאָמער וועט עמעצער מיר פֿירוואַרפֿן אַז איך האָב פֿאַרכאַפּט זײַן ריי. און אויך עטלעכע לויב-ווערטער דער פֿרוי, האָב איך צוגעגרייט. זאָל זיך נאָר שוין אָן עפֿן טאָן די טיר.

די טיר האָט זיך געעפֿנט און אַ פֿרוי, דיק און ברייט האָט זיך אַרויס-געפּראַלט פֿון דאָרטן מיט טויטע קללות. איר מויל האָט געשוימט. דער דאָקטער אין ווײַסן, האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך איר מיט רציחה אין זײַנע אויגן. זײַן גאָמבע, לאַנג ווי דער נגב, איז געווען שאַרף און שפּיציק.

מען זאָל מיך נאָר נישט אַ רוף טאָן אַצינד, האָב איך געטראַכט, ווען דער דאָקטער איז צוריק אַרײַן אין זײַן צימער און פֿאַרקלאַפּט מיט געבראַזג הינטער זיך די טיר. נאָר נישט איצט, האָב איך געבעטן שטילער-הייט. און דעמאָלט האָט מען אויסגערופֿן מײַן נאָמען.

ווען איך בין אַרײַן אינעווייניק האָט דער דאָקטער געשפּאַנט הין און צוריק און זײַן פּנים איז געווען בלינד פֿון צאָרן.

„ווו ביסטו?" האָט ער געשריגן.

ווו איך בין געווען? זיך אַראָפּגערוקט פֿון שטול כמעט הינטערן טיש. ווײַל איך האָב נישט געוואָלט באַקומען פֿון אים איצט אַן אײַנשפּריץ. האָב איך זיך אונטערגעהויבן אַ ביסל און אַרויסגעשטאַמלט אַז אייגנטלעך בין איך אַצינד נישט געקומען נאָך קיין רפֿואה. פֿאַרקערט, איך בין אים געקומען דאַנקען פֿאַרן אײַנשפּריץ מיט אַ חודש צוריק. ס'האָט גלײַך געהאָלפֿן און קיין ווייטיק איז מער נישטאָ.

דער דאָקטער האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן מיר. אויך זײַן כעס האָט אָנגעהויבן אַראָפּפֿאַלן. נאָך אַ לענגערן קוק אויף מיר האָט ער צוגערופֿן די קראַנקן-שוועסטער, זי זאָל אויך הערן ווי אַזוי עס רעדט אַן איידעלער מענטש מיט קולטור.

„זאָג עס איבער!" האָט ער באַפֿוילן און נאָך דעם אַליין געעפֿנט פֿאַר מיר די טיר.

איך בין אַרויס פֿאַמעלעך אָבער באַלד האָב איך געטאָן אַ לויף, ווײַל די קראַנקן-שוועסטער האָט מיך נאָכגעיאָגט. זי האָט געדריידלט אַ פֿינגער לעבן איר שטערן און געוואָלט וויסן צי בין איך פּראָסט משוגע אָדער גאָר מטורף. אויך די פֿרוי וואָס בײַ איר בין איך געווען דער נישט-דרײַ-און-צוואַנציקסטער האָט זיך געיאָגט נאָך מיר און ביידע זייערע קולות האָבן מיר דערגרייכט ביז אין דרויסן אַרויס. דער דרויסן איז געווען פֿול מיט מענטשן און טייל האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אַ קוק טאָן וואָס עס קומט פֿאָר, ווײַל איך בין ווײַטער געלאָפֿן און גערופֿן:

„דאָקטער! עס טוט נישט וויי! דאָקטער!“

## נאַכטוועכטער וואַרעמען זיך אין דער זון

אינעם געסל "עיניים למשפט", האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַלטע נאַכט-שומרים וואָס האָבן געזוכט אין דער פֿרי אַביסל וואַרעמקייט אין דער זון. איך האָב זיי דערקענט אינעם הייסן טאָג לויט די ווינטערדיקע קליידער וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך. אַפֿילו שפּעטער-צו, ווען די היץ איז גרעסער געוואָרן, זענען זיי נאָך אַלץ געווען אָנגעטאָן ווער אין אַ סוועטער, אַ קורטקע און איבער דעם אַ לאַנגן שינעל.

"די קעלט, ברודער, איז אין די ביינער", האָט מיר געזאָגט איינער פֿון זיי וואָס אַ חוץ די אַלע בגדים האָט ער נאָך אויך געטראָגן אַן אָפּגענוצטע זעלנערשע היטל פֿון דער רויטער אַרמיי. ס'איז נישט געווען דער איינציקער חפֿץ וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון רוסלאַנד אַהער קיין ירושלים. אין זײַן פּלייצע זענען פֿאַרבליבן אַ האַלב טוץ שפּליטערס פֿון די שראַפּנעלן מיט וועלכע ער איז באַשאָסן געוואָרן ערגעץ אויף אַ שלאַכטפֿעלד אין אייראָפּע. "ס'שטעכט אַז מען בייגט זיך", האָט ער געזאָגט ווי אויף צו פֿאַרענטפֿערן זיך, ווען איך האָב זיך אונטערגעאײַלט און אויפֿגעהויבן דאָס שאַכטל שוועבעלעך וואָס איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט, בעת איך האָב אים מכבר געווען מיט אַ פּאַפּיראָס.

צוליב די זעלבע שטעך אין פּלייצע האָט ער אַרויפֿגעצויגן אויף זיך בלויז איין אַרבל פֿון דער קורטקע. אַן עק פֿון אַנדערן אַרבל האָט זיך אָנגעזען פֿון הינטן אונטערן לאַנגן שינעל. נאָכן פֿאַררויכערן האָט ער מיר פֿאַרגעלייגט איך זאָל מאַכן אַ שפּאַציר מיט מײַן פֿינגער איבער זײַן פּלייצע ווען ער מיר אָנווײַזן די ערטער ווו ער שפּירט דעם ווייטיק. זעקס אין צאָל.

אָבער ערגער פֿאַר די ווייטיקן אין פּלייצע האָט ער געשפּירט דעם באַליידיקטן כבוד זײַנעם דאָ אין לאַנד. אדרבא, זאָל איך אַ קוק טאָן אויפֿן רעוואָלווער וואָס מען האָט אים געגעבן צו היטן אין די נעכט. ווען ער שעמט זיך נישט וואָלט ער מיר געוויזן די צאַצקע, אַ שפּילכל פֿאַר אַ קינד און נישט פֿאַר אַן אויסגעדינטן זעלנער וואָס האָט זיך דערשלאָגן פֿון סטאַלינגראַד ביז בערלין. ער האָט פֿאַרלאַנגט אַ ביקס, אַן אויטאָמאַט,

אַנצולערנען דעם יאַלד וואָס וועט נאָר פּרובירן מאַכן אויף אים אַן אָנפֿאַל. ס'איז דען אַ וווּנדער וואָס מען האָט יענע וואָך ווידער געפֿונען אַ דער־מאָרדעטן נאַכט־וועכטער?

„און דעם מערדער", האָב איך געפֿרעגט, „האָט מען געכאַפּט?"

דער שומר האָט אַ פֿאָנפֿע געטאָן אונטער דער נאָז און געוואָרפֿן אויף מיר אַ קעסאָקע בליק. זאָל איך אים טאָן אַ גרויסע טובה און נישט שטעלן אין מיטן טאָג אַזעלכע אויסגעדראָשענע שאלות. דאָרט אין רוסלאַנד, למשל, איז נישט געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך. דאָרט האָט מען נישט געהערט אַז אַ רוצח זאָל זיך אַרומדרייען צווישן מענטשן פֿראַנק און פֿרײַ. ווי נאָר אַן עבירה — גלײַך אין פּאַוויאַק אַרײַן. דאָרטן שפּילט מען זיך נישט מיט גנבים, רויבערס און נאָך אַזעלכע לײַט. מאַכט זיך אַ מעשה, רופֿט מען די געהיים־פּאָליציי, זיי קומען מיט די שפּיר־הינט און יענער איז שוין אַזוי גוט ווי אַ בר־מינן.

„אַזוי פֿירט מען זיך דאָרט", האָט ער געזאָגט, „און דאָ?" האָט ער געפֿרעגט און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, איך זאָל זיך אַרומקוקן און זען פֿאַר זיך אַליין וואָס עס טוט זיך דאָ. דאָ האָט זיך כמעט ווי גאָרנישט געטאָן. ס'איז געווען שטיל אין דעם געסל פֿון דער אַלטער שכונה „נחלאות". ווי עפּעס אַ בענקל איז עס באַזעצט געווען מיט אַ זקן. אויף לינקס האָט זיך אַרויפֿגעהויבן דער גרויסער בנין „כלל" און בײַם סאַמע עק אויף רעכטס — האָט זיך געהויבן נאָך העכער דער וואָלקן־קראַצער „מגדל". איך האָב געמאַכט אַ האַלבן קרײַז דאָס אַלץ צו זען, אָבער ער, דער שומר, האָט מיט זײַנע קעסאָקע אויגן געזען אַלץ אויף איין מאָל.

„אויב אַזוי איז דאָך דאָרטן, אין רוסלאַנד, אַ גן־עדן", האָב איך זיך אָנגערופֿן, און זיך פֿאַרנומען אַוועק צו גיין. ווײַל אויך ער איז אַפּגעגאַנגען פֿון מיר אַ צען טריט און זיך פֿאַרקוקט אויף אַ חפֿץ וואָס האָט זיך פֿאַרוואַלגערט לעבן זײַנע פֿיס. ער איז געשטאַנען און זיך געישובט צי ער זאָל עס אויפֿהייבן אָדער נישט. זאָל ער זיך אײַנבייגן און לײַדן ווייטיק אָדער פֿאַרביי גיין גלײַך און איבערלאָזן פֿאַר אַ צווייטן די בלעכענע לייקע וואָס האָט אָפּגעגלאַנצט ווי נײַ אין דער זון. ער האָט זיך אַ וויג געטאָן און דער נאָכהענגענדיקער אַרבל פֿון דער קורטקע, אונטרן שינעל, האָט זיך מיטגעוויגט ווי אַ ווײדל.

איך האָב געמיינט אַז ער וועט זיך בייגן אָבער ער האָט בלויז אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיר צוגעוואָרפֿן איבערן אַקסל אַ בייזן ענטפֿער:

"וואָס פֿאַר אַ גן-עדן ביַי דיר?" — האָט ער זיך אָנגערופֿן, "זיי זענען דאָך דאָרטן, אין רוסלאַנד, אַלע גנבים!"



# אַ הלוואה ביז משיח וועט קומען

דער רבי פֿון קלויזנבורג, מען רופֿט אים דער צאַנזער רבי, איז געקומען פֿון ניו-יאָרק קיין ירושלים דרשהנען און איך בין געגאַנגען הערן זײַן דרשה. איידער איך בין אַרײַן אין זאַל, האָט מיך אָפּגעשטעלט אויפֿן רחבותדיקן פּלאַץ 'בניני-האומה', אַ ייד אין באָרד און פּיאות און געבעטן איך זאָל אים געבן אַ הלוואה ביז משיח וועט קומען. ער האָט איבערגע-ציילט דאָס געלט, אַרײַנגעשטופּט די באַנקנאָטן אין אַ קעשענע פֿון דער צעעפּנטער אונטערשטער קאַפּאָטע, זיך אויסגעדרייט צו זײַן קליין טעכטערל וואָס ער האָט געלאָזן שטיין עטלעכע טריט הינטער אים, אַ נעם געטאָן איר הענטל, און ביידע האָבן זיך אַוועקגעאײַלט צום צווייטן אַרײַנגאַנג אינעם בנין, דאָרט ווו מען האָט אויפֿגעהאַנגען אַ שילדל איבער די טירן: "ווײַבער". ער וועט דאָך נישט אַרײַננעמען די טאָכטער מיט זיך, אַ דער-וואַקסן מיידל, צווישן פֿרעמדע מענער.

"טאַטע, איך וויל נישט אַליין", האָט דאָס מיידל זיך געבעטן.

זי האָט נישט געוואָלט זיצן צווישן פֿרעמדע ווײַבער אָבער דער ייד האָט איר נישט געענטפֿערט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט לעבן צווייטן אַרײַנגאַנג און געוואַרט אַז ווער פֿון די ווײַבער וועט אָן אויסצורעדן אַ וואָרט פֿאַרשטיין זײַן לאַגע, מיטנעמען דאָס מיידל מיט זיך, און ער וועט זײַן פֿרײַ אויף אַרײַן צווישן די מענער. ווײַל ס'האָט זיך שוין אָנגעזען אַז אָט באַלד וועט דער זאַל ווערן פֿול און די טירן וועלן זיך פֿאַרמאַכן. געזעמלעך חסידים ווי שוואַרצע כוואַליעס האָבן זיך אָנגעיאָגט איבערן פּלאַץ. זיי זענען אָנגעקומען מיט אַ געלויף און זיך געאײַלט צום בנין מיט אַזאַ אימפּעט ווי אָנצופֿאַלן אויף אים, אים אײַננעמען און אָט באַלד וועט ווערן פֿון אים אַ חורבן.

אַזוי איילט מען זיך ווען מען הערט אַז משיח איז געקומען. אויך מײַן טאַטע וואָלט אַזוי געלאָפֿן אים מקבל זײַן ווען ער וואָלט נאָך געלעבט. איין מאָל, געדענק איך, אין אַ טרויעריקן טאָג, האָט דער טאַטע געטענהט אַז עס איז שוין נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, און אַז נאָר משיח מוז קומען.

אויך דער צאַנזער רבי האָט אַזוי געדרשנט. ער איז געגאַנגען נאָך ווײַטער און געזאָגט אַז מען הערט שוין משיחס טריט. אַ שאָד בלויז וואָס צוליבן טומל אין זאַל האָבן זיך נישט געהערט צו קלאָר זײַנע רייד. אַלע פּלעצער זענען געווען פאַרנומען, אַלע דורכגענג פאַרפּולט מיט אַלט און יונג, פון דעסטוועגן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דאָס אַרומלויפעניש. מע האָט זיך געשטופּט, זיך געאַמפּערט, און דאָ און דאָרט האָט איינער אַראָפּגעכאַפּט דעם אַנדערנס קאַפּעליוש און אַ שלײַדער געטאָן ווײַט אַוועק. אַ יונגער חסיד האָט געוואָלט מײַן פּלאַץ האָט ער אויך אַ כאַפּ געטאָן מײַן היטל און אַ וואָרף געטאָן ווײַט אין דער לופט. נישט טראָגנדיק קיין יאַרמלקע בין איך געבליבן אין גאָלן קאָפּ. און אַרום איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן ווײַל מען האָט אויסגערופן דורכן מיקראָפאָן מען זאָל נישט מאַכן קיין טומל כדי די צאַנזער חסידים אין ניו-יאָרק זאָלן אויך הערן וואָס דער רבי דרשנט אויפן ראַדיאָ.

לויפנדיק נאָך מײַן היטל האָב איך זיך דערזען צוריק אין דרויסן. אַלע טירן זענען שוין געשטאַנען ברייט צעעפנט. קיין שומרים זענען נישט געווען אָבער דער ייד האָט נאָך אַלץ נישט געפונען ווער עס זאָל אַרײַנ- נעמען זײַן טאָכטער אין עזרת-נשים. אויפן רחבותדיקן פּלאַץ איז שוין געווען פּוסט און טונקל. אויך זײַנעביידע קאַפּאָטעס זענען געווען רחבותדיק צעעפנט און די פיר פּאָלעס האָבן זיך געוויגט אינעם ווינט. איך האָב געדענקט ווי ער האָט פריער געקוקט אויפן געלט מיט קאַסאַקע אויגן און אויך זײַן לאַנגע באָרד, אַזוי ווי איצט די קאַפּאָטעס, האָט זיך דעמאָלט געשפּאָלטן אין ווינט און זיך פאַרריסן אויף ביידע זײַטן.

פון דער ווײַטנס האָבן געבליצלט די לאָמפּן פון רחוב יפו, די באַלויכטענע פענצטער פון אגד-בנין, און דאָ אויפן פּלאַץ האָט, צוזאַמען מיטן ווינט, אַרויסגעוויינט פון אַ הילכער די שטימע פון צאַנזער רבין; ער האָט גערופן משיחן ער זאָל שנעלער קומען און דער עולם האָט אים אָפּגעענטפערט:
„במהרה בימינו, אמן!"

# דאָס נאַרישע פּיקסל

נישט לאַנג צוריק בין איך אַוועק הערן אַ מגיד. ער האָט געדרשנט, אַז דער ספר איוב איז אַ משל אויף אַ מענטשנס לעבן. כי עירום נולד ועירום ימות, האָט ער אויסגערופֿן נוסח אשכנז, מיט אַ ציטעריק קול און פֿאַר-געשטעלט מיט די הענט, מען זאָל זען וואָס ער מיינט. אָבער איך האָב נישט געזען, ווײַל איך בין געשטאַנען ווײַט אַוועק פֿון אים. דאָס בית-הכנסת תפֿארת-צבי, אין מקור-ברוך, ירושלים, איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. אין דרויסן איז געווען פֿינצטער און ס'האָט גערעגנט. איך האָב אַרײַנ-געשטעקט מײַן קאָפּ פֿאַרנט אונטערן דעכל, כדי נישט צו ווערן נאַס, אָבער איך האָב געשפּירט אויף מײַן פּלייצע די קאַלטע טראָפּנס וואָס דער ווינט האָט אַרונטערגעיאָגט אונטערן דעכל. ווען איך האָב זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיץ פֿינגער און אויסגעשטרעקט דעם האַלדז איז מיר יאָ געלונגען צו כאַפּן אַ בליק אויפֿן מגיד. אָבער אויך דאָס איז מיר באַלד פֿאַרשטערט געוואָרן. ווייל אַ יונגער חסיד, אַ געלער, אין שוואַרצן, האָט מיר אָפּגעשטופּט אָן אַ זײַט און פֿאַרכאַפּט מײַן פּלאַץ. איצט בין איך שוין געשטאַנען אַ גאַנצער אין רעגן.

"זיך שטופּן גאָר"? האָב איך אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און זיך דערמאָנט וואָס מײַן טאַטע האָט געטאָן אין אַן ענלעכן פֿאַל, ווען איך בין געווען גאָר אַ קליינער. ער האָט מיך אַרויפֿגעזעצט אויף זײַנע אַקסלען און אַ לאָז געטאָן זײַנע עלנבויגנס אין גאַנג.

איך האָב זיך טאַקע געשטופּט. שוין האַלב אינעווייניק, האָב איך נישט ווילנדיק אָנגעטראָטן אויפֿן עלעקטרישן דראָט וואָס האָט זיך געצויגן פֿון אַ רעקאָרדירקע, האָב איך געכאַפּט פֿון דעם בעל-המכשיר אַ שטויס אין דער פּלייצע, אַז איך האָב זיך גלײַך דערזען שטיין לעבן באַלעמער.

דער מגיד, אַ נידעריקער, זײַנע ליפּן לעבן מיקראָפֿאָן, זײַן באָרד פֿאַררוקט אין אַ זײַט, ווי אַ האַלב-צעשאָטענער בעזעם, האָט צעשפּרייט זײַנע הענט און געוויזן אַז זײַנע דלאָניעס זענען פֿאַרמאַכט. ווײַל אַזוי ווערט אַ מענטש געבוירן. מיט פֿאַרמאַכטע הענט. פֿון זײַן ערשטער רגע אויף דער וועלט וויל דער מענטש אַלץ אַרײַנכאַפּן פֿאַר זיך. אָבער ווי אַזוי פֿאַרלאָזט ער

דעם עולם-הזה? מיט צעעפּנטע הענט. לײדיק. מיט גאָרנישט.

און דאָ האָט דער מגיד דערמאָנט דעם באַרימטן משל פֿון דער גמרא, װעגן דעם פֿוקס, די טרױבן, און די שמאָלע שפּאַרונע אין פּאַרקן מיט װעלכן דער װײַנגאָרטן איז געװען אַרומגערינגלט. דער פֿוקס איז געװען הונגעריק און די שפּאַרונע צו שמאָל. װאָס זשע האָט ער געטאָן? געפּאַסט דרײַ טעג, געװאָרן דאַר און אַרײַן אינעװײניק. ער האָט געגעסן און געגעסן, געװאָרן פֿעט און נישט געקענט צוריק אַרױס. װאָס זשע האָט ער געטאָן? געפּאַסט דרײַ טעג, געװאָרן דאַר און צוריק אַרױס. האָט דער פֿוקס דעמאָלט אַ זאָג געטאָן מיטן ציטעריקן קול פֿון דעם מגיד: רעב נכנסתי ורעב יצאתי — הונגעריק בין איך אַרײַן און הונגעריק בין איך אַרױס.

האָט דער מגיד געשטעלט דעם פֿוקס אַ שאלה. ער האָט גערעדט צו אים יידיש:

„נאַרישער, נאַרישער פֿיקסל, מע זאָגט דאָך אויף דיר אַז דו ביסט עפּעס אַ פּיקח, איז פֿאַרװאָס זשע װען דו ביסט געװען אינעװײניק, אין װײַנגאָרטן, האָסטו נישט געהאַט דעם שכל אַריבערצוװאַרפֿן איבערן פּאַרקן עטלעכע שטענגלעך מיט טרױבן, דו זאָלסט האָבן, נאָך דעם װי דו װעסט אַרױס פֿון דאָרטן, טרױבן צו עסן?"

די זעלבע עצה האָט דער מגיד געגעבן דעם פֿאַרזאַמלטן עולם אין שול. זאָל מען, בעת מ'איז אין װײַנגאָרטן, זיך אָנגרײטן דורך לערנען תורה, טרױבן אין גן-עדן.

דער מגיד האָט אָנגעצונדן הערצער בײַם עולם. אַ ײנגל פֿון אַ יאָר צען לעבן מיר האָט זיך צעשאָקלט מיט גרויס התלהבות. זײַנע תנועות האָבן אויפֿגעװעקט אין מיר אַ קנאה, װײַל אַ מאָל, גאָר לאַנג צוריק, בין איך געװען אַזוי װי ער. האָב איך זיך אויך אַ צעשאָקל געטאָן און דעמאָלט האָב איך דערזען לעבן מיר דעם זײַדענעם חסיד, דעם געלן, אין שװאַרצן, מיטן פֿרישן בערדל און פֿאַרװיקלטע פּיאות, װעלכער האָט מיך פֿריער פֿאַרשטופּט אונטערן רעגן. ער האָט זיך צוגעבויגן נענטער צו מיר און באַקוקט מײַן הילוך, אַז איך האָב זיך אַזש אַליין דערזען מיט זײַנע אויגן. אַלע דאָ אין שול זענען געװען אָנגעטאָן אין שװאַרצן. פּיאות, בערד, שטרײַמלעך און איך דער אײנציקער בין געװען אָנגעטאָן אין אַ געל פּעלצל מיט אַ פֿוטערנער טשופּע אויפֿן קאָפּ. נישט קײן באָרד און נישט קײן פּיאות.

„ביסט אַ פּויער?" האָט ער געפֿרעגט.

איך בין געוואָרן אויס יינגל פֿון אַמאָל און אַזוי ווי דער פֿוקס, זיך דערזען אין דרויסן פֿון ווייַנגאָרטן. איך בין נאָך אונטערגעשטאַנען לעבן באַלעמער און אויסגעהערט די רייד פֿונעם מגיד, אָבער דער דרויסן האָט שוין געיאָגט אויף מיר מיט ווינט און מיט רעגן. אָפּגעצערט, הונגעריק און קיין ווייַנטרויבן זענען מער נישטאָ.

# יידעלער פריש פון די אייעלער

דער מלמד, אַרומגערינגלט מיט זײַנע חדר־ייִנגלער, האָט מיך פֿאַרהאַלטן און געפֿרעגט פֿאַרוואָס איך מאַך חוזק פֿון הייליקן רבין. וואָס עפּעס האָב איך אויפֿגעהאָנגען אויף אַ קרומען שטעקן אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, אַזאַ וואָס עס טראָגן סאַטמאַרער חסידים. ער האָט אָנגעכאַפּט מײַן האַנט אין וועלכער איך האָב געהאַלטן דעם שטעקן און געוואָלט וויסן ווי עס קומט צו מיר, אַ גלוח, אַזאַ קאַפּעליוש.

דאָס וואָלט איך אים גערן דערציילט אַפֿילו ווען ער וואָלט זיך אויף מיר נישט געבייזערט. אַז אַזוי ווי אַ סך אַנדערע בין איך געקומען אַהער אָפּוואַרטן דעם סאַטמאַרער רבין, דעם הייליקן אורח פֿון אַמעריקע. די געסלעך אין מאה־שערים זענען פֿול געווען מיט חסידים וועלכע זענען געקומען מקבל־פּנים זײַן דעם גאַסט און כאַפּן אַ קוק אויף אים פֿון דער נאָענט. אָבער ווען דער רבי איז אָנגעפֿאָרן אינעם שיינעם אויטאָ זענען שומרים געלאָפֿן בײַ די זײַטן און נישט צוגעלאָזט קיינעם צו נאָענט. אַ יונגער חסיד איז פֿאַרט אַריבער דעם תחום פֿון דער שמירה, האָט אים איינער אַ שומר, אַ געלער אין שוואַרצן, אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעליוש פֿון קאָפּ און אים אַ שלײַדער געטאָן ווי אַ טעלער ווײַט, גאָר ווײַט אין דער לופֿט. דער יונגער חסיד אין אַ יאַרמלקע איז אָבער ווײַטער נאָכגעלאָפֿן דעם רבין און זײַן קאַפּעליוש איז אַרײַנגעפֿאַלן אין מײַנע הענט.

דער בייזער מלמד האָט געשוויצט. אויף זײַן ברייטן לײַבצודאַק איבערן ווײַסן העמד האָבן זיך אָנגעזען פֿײַכטע פֿלעקן. ער האָט נישט געוואָלט אויסהערן קיין וואָרט. סײַ ווי האָט מען נישט געקענט הערן וואָס איך זאָג צוליבן גרויסן גערודער אַרום אונדז. הילכערס אויף די דעכער האָבן פֿאַרטויבט די אויערן. אַן איין־און־איינציקער ניגון האָט זיך געחזרט אַן אָפּשטעל. אויף קיין רגע זענען די הילכערס נישט שטיל געוואָרן. ס׳האָט געשלאָגן מיט היץ און מיט ענגשאַפֿט. ווײַבער זענען געשטאַנען באַזונדער. אַרום זיך האָב איך נישט געזען דעם סוף פֿון שוואַרצע קאַפּעליושן, ענלעך אויפֿן קאַפּעליוש מיט וועלכן איך האָב זיך אַרומגעטראָגן אינעם גרויסן געדראַנג. מײַן כוונה איז געווען אַז דער יונגער חסיד זאָל אים דערזען

פֿון דער ווײַטנס און נישט מיינען אַז ער וואַלגערט זיך שוין ערגעץ אַ צעטראָטענער אונטער פֿיס.

דער מלמד האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט. אויך מײַן אַנטלויפן איז אים נישט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט מיך גערופֿן משומד און אָנגערייצט אויף מיר זײַנע חדר־ייִנגלעך. אין ווײַסע העמדער מיט פֿענדלעך אין די הענט זענען זיי אויך געבראַכט געוואָרן אַהער מקבל־פּנים צו זײַן דעם הייליקן רבין. שעהען זענען זיי געשטאַנען אויסגעשטעלט בײַ די זײַטן פֿון די געסלעך, חדרים, חדרים, און ווען איך בין זיי פֿריער פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָבן שורות פֿון ביאַליקס ליד "אונטער די גרינינקע ביימעלער", זיך אויפֿגעוועקט אין מײַן זכרון:

— — — ציצית, קאַפּאָטקעלער פּאהלער
ייִדעלער פֿריש פֿון די אייעלער — — —

איך האָב זיך געשטופּט צווישן זיי מיטן סאַטמאַרער קאַפּעליוש אויפֿגעהויבן אין דער הייך אויפֿן קרומען שטעקן און דאָ און דאָרטן האָבן ייִנגלעך מיך אָנגעקוקט מיט:

— — — אויגן וואָס פֿינקלען און טוקען זיך
עפּעס ווי נביאיש און װוּנדערלעך — — —

דאָס נביאישע פֿינקלען האָב איך באַמערקט אויך אין די אויגן פֿון די חדר־ייִנגלעך וואָס דער בייזער מלמד האָט אויף מיר אָנגערייצט. איינער פֿון זיי, אַ בחורל אין ברילן, האָט אַ פֿרעג געטאָן דעם מלמד צי מען קען שוין וואַרפֿן אויף מיר שטיינער. אויך די אַנדערע ייִנגלעך זענען שוין געשטאַנען גרייט מיט שטיינער אין די הענט. אָבער דעמאָלט האָט זיך אַ שטופּ געטאָן אויף אונדז אַ כוואַליע פֿון חסידים. דער שטעקן איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון מײַנע הענט. דער קאַפּעליוש האָט זיך פֿאַרקאָלערט. מע האָט געטראָטן אויף אים אין גרויס בהלה. דאָס ייִנגל האָט פֿאַרלוירן זײַנע ברילן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן נאָך זיי און מען האָט אויך אויף אים געטראָטן. ער האָט זיך מער נישט אָנגעזען. דאָס שטופּערײַ איז געוואָרן זייער ווילד. דאָס יאָגעניש האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. ס'האָט זיך געהערט אַ קוויטשיק געוויין. אויך ווײַבערשע קולות. אַ מאַמע האָט געשריגן מען זאָל זיך דערבאַרעמען אויף די קליינע קינדער.

דאָס זעלבע האָט נאָך פֿריער אויסגערופֿן דער געלער שומר פֿון הייליקן

רבין. שעהען פֿריער, איידער דער רבי פֿון אַמעריקע איז אָנגעפֿאָרן, און די גאַסן זענען שוין ענג געוואָרן מיט חסידים, איז דער שומר אַרומגעפֿאָרן אין אַ מאַשין מיט הילכערס אויפֿן דאַך, און מיט אַ בעטנדיק קול, ווי אַן אויסגעבאָרגטע תפֿילה פֿון תהילים, גערופֿן אין אַלע עקן פֿון שטאָט:

"יידן, האָטס רחמנות אויף די קליינע קינדער!"

# שטיל לעבן

נעכטן האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין דער שכונה נחלאות, ירושלים. כ׳בין געגאַנגען אַהין אַ קוק טאָן אויף אַ דירה צום פֿאַרקויפֿן. אין דער ברייט פֿון שמאָלן געסל האָט פֿאַרשטעלט דעם אַדורכגאַנג אַ וואָגן מיט מיסט. ס׳זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון אינעווייניק, זייער שטיל, איינע נאָך דער אַנדערער, דרײַ שווערע בײַכיקע קעץ. איינע, אַ באַפֿלעקטע, האָט זיך פֿאַרשטעקט אונטערן וואָגן און נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון מיר קיין אויג. אַ חוץ מיר האָט זיך קיין זאַך נישט גערירט. אַפֿילו די ציצית פֿון אַ טלית-קטן, אויף אַ שטריק אין דער ברייט פֿון געסל, האָבן זיך נישט באַוועגט אין דער שטאַרקער היץ פֿון שפּעטן זומערטאָג. ס׳איז מיר אַ שאָד געווען זיי אָנצו-רירן, האָב איך זיך אײַנגעבויגן בעתן דורכגיין. פֿינעף שטריק, איינער נאָכן אַנדערן, מיט וועש. אונטער אַ העמד מיט לאַנגע אַרבל, האָב איך באַמערקט, נידעריק לעבן מײַנע קני, אַ פֿענצטערל באַשלאָגן מיט גראַטעס און אינעם פֿענצטערל אַן אַלטע פֿרוי. זי האָט געקייט פּאַמעלעך און זיך פֿאַרקוקט אויפֿן דרויסן.

האָב איך זיך פֿאַרהאַלטן קניענדיק אויף איין פֿוס און גערעדט צו איר. איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף די צוויי ווײַבער וואָס איך בין נאָך וואָס פֿאַרבײַגעגאַנגען. סך-הכל אַ מהלך פֿון אַ מינוט גאַנג פֿון איר. צוויי ווראַנדעס, איינע קעגן דער אַנדערער, באַלכסוניש, ווי נאָז צו נאָז, און ביידע שכנות זענען זיך געזעסן יעדע אויף איר ווראַנדע און נישט גערירט מיט קיין אבר, אַזוי ווי דאָס וועש אויף די שטריק, נישט צו אָטעמען אַפֿילו. ערשט ווען איך האָב אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דער דירה צום פֿאַרקויפֿן, האָט איך דערפֿילט אַ קופּערנעם טאָפּ צווישן די פֿינגער, מיט אַ רמז איך זאָל אַריבערטראָגן די כלי דער שכנה קעגן איבער. ווען איך האָב אַזוי געטאָן האָט דער געשײַערטער קופּער אויפֿגעשפּיגלט מיט אַן אָפּשײַן פֿון דער זון. אויך די פּנימער פֿון די צוויי ווײַבער האָבן אויפֿגעלויכטן, ווי זיי וואָלטן פֿאַרפֿעדעמט איינער צו דער אַנדערער אַ פֿעדעמל שמייכל איבער מײַן קאָפּ.

די פֿרוי אין פֿענצטער באַשלאָגן מיט גראַטעס האָט ווײַטער געקייט.

זי האָט זיך נישט אָנגערופֿן מיט קיין וואָרט. האָב איך געטווישט אַ קני און איר דערציילט וועגן דער דירה קעגן איבער איר, וואָס מען האָט אַרויס־געשטעלט צום פֿאַרקויפֿן. אַז דער פּרייַז פֿון דער דירה איז שפּאָט ביליק. לעבערלער, אויב מען קען גלייבן דעם פֿאַרמיטלער. נישטיק אַפֿילו אין מייַנע אייגענע אויגן אָבער די סביבה איז נישט גינציק פֿאַר מייַנע נערוון. צופֿיל גערודער. איך האָב זיך אויפֿגעהאָדעוועט אין אַזאַ מין סביבה פֿון ענגשאַפֿט און רעש. אין מייַן זכרון זענען נאָך אייַנגעקריצט די פֿאַרמאַכטע לאַדנס אין די זומערדיקע אָוונטן כּדי צו פֿאַרטויבן כאָטש אויף אַ האָר די קולות פֿון דרויסן.

זי האָט נישט געהאַט קיין ציין, די קייַענדיקע זקנה, און ס'איז געווען אַ ביסל פֿינצטערלעך אין איר מויל. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אין מייַן קאָפּ אויך נאָך דעם ווי איך בין אַוועק פֿון פֿענצטערל מיט די גראַטעס. ווען איך האָב אַפּירגעקראָכן פֿון אונטערן וועש און זיך אויפֿגעהויבן, האָב איך זיך דערזען שטיין קעגן איבער דעם ליכטיקן הויף פֿון דער דירה צום פֿאַרקויפֿן. לעבן דעם אָפֿענעם טויער, אויף אַ רעדלשטול, אינגאַנצן אין ווייסן, איז געזעסן אַ מיידל פֿון אַ יאָר צען, בלינד און פּאַראַליזירט. אַפֿילו דער שלייף אויף איר קאָפּ האָט געבלאַנקט מיט ווייַסקייט. מיט אירע הענט פֿאַרלייגט אויף איר קליינעם שויס און איר קאָפּ אָנגעבויגן אָן אַ זייַט, האָט זי געכאַפּט דעם אָנבליק פֿון אַ מלאכל פֿון אוראַלטע צייַטן אויסגעקנאָטן פֿון ווייַסן ליים.

טיפֿער אַ ביסל אין הויף, אויף אַ הויך בענקל, איז געזעסן אַ שוואַרצער קאָטער און געפּירט זייַן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, הין און צוריק אָן אָפּשטעל. לעבן די פּיס פֿון הויכן צעריבענעם בענקל, אין אַ וואַנע מיט פֿלעקן פֿון זשאַווער, אינעם ביסל וואַסער אינעווייניק, איז זיך געשווומען הין און צוריק אַ פֿיש, און דאָס מויל פֿון פֿיש — די קייַענדיקע זקנה.

# מ'שלאָגט כפּרות

אין מאה-שערים האָט מען געשלאָגן כּפּרות אין דרויסן. דער ראָג פֿון צוויי גאַסן,ביידע אויף נעמען פֿון נביאים, יחזקאל און יואל, איז שוואַרץ געווען מיט מענטשן. דער אויטאָבוס, אין וועלכן איך בין אָנגעקומען, האָט נישט געקענט ווײַטער פֿאָרן. האָט דער שאָפֿער אָנגעצונדן די לאָמפּן, ווײַל ס'איז שוין געוואָרן פֿאַרנאַכט, אויפֿגעעפֿנט די טיר און אויפֿגעהויבן אומבאַהאָלפֿן זײַנע הענט אַז ווער עס וויל זאָל אַראָפּגיין.

ווען איך בין אַראָפּ פֿון אויטאָבוס און זיך אַרײַנגעשטופּט אין געטומל האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף מײַנע געוועזענע שכנים: אַ יונג פּאָרפֿאָלק, נײַן נפֿשות. זעקס קליינע מיידעלעך ווי פֿאַרפּוצטע קורטשיקלעך און אויך די מאַמע, קליין און דאַר ווי אַן אונטערגעפֿליקט הינדל. דער בן-יחיד, אַ זעקסיאָריקער, האָט געפֿירט די קאָמאַנדע. ער האָט געזאָגט דעם טאַטן וואָס צו טאָן. ווען דער טאַטע, אַ הויכער, אַ שווער-לײַביקער, באַבאָרדיקט שוואַרץ און געדיכט מיט אַן אַרויסגעשטאַרצטער נאָז, האָט פֿון צופֿיל לײַב, זיך נישט געקענט קיין עצה געבן בײַם דרייען דאָס עוף איבערן קאָפּ און דער קאַפּעליוש איז אים שיעור נישט אַראָפּגעפֿאַלן, האָט דער בן-יחיד אַרויפֿגעשריגן:

„טאַטע! העבער די כפּרה!"

דער בן-יחיד האָט געוואָלט אַליין זאָגן די תּפֿילה. נישט ווי זײַנע שוועסטערלעך, וואָס די מאַמע האָט זיך אײַנגעבויגן איבער זיי ווי איבער אַפֿרוחלעך אין אַ קיישל, און זיי האָבן איר נאָכגעזאָגט די פּסוקים. ער האָט געוואָלט אַלץ אַליין טאָן בײַט שלאָגן די כפּרות.

צוליב דעם צוועק האָבן זיך געעפֿנט אין מאה שערים געוועלבלעך אויף אויסצובאָרגן עופֿות, ווײַבער אין דער היים זאָלן זיך מער נישט דאַרפֿן פּאַטשקען מיט די אינגעווייִדן. פֿאַר אַ קליינעם אָפּצאָל האָט מען אויסגעבאָרגט הינער פֿאַר ווײַבער און הענער פֿאַר מענער, און אַ צוגאָב — אַ טאָוול מיט די תּפֿילות. נאָכן אָפּשלאָגן די כּפּרות האָט מען אַלץ צוריק-געגעבן, ווײַל אַנדערע האָבן געוואַרט אין דער ריי. גאַנצע משפּחות. מע האָט זיך געשטופּט און געשטויסן. דער שאָפֿער פֿון אויטאָבוס האָט גע-

פּאָכעט צו מיר מיט אַ האַנט, איך זאָל זיך אָפּרוקן אָן אַ זײַט און אויך מײַנע געװעזענע שכנים זאָלן מאַכן װעג, ער זאָל קענען װײַטער פּאָרן.

אָבער דער זעקס-יאָריקער בן-יחיד האָט שוין געהאַלטן אין דער האַנט אַ טאָװל מיט די פּסוקים און ער האָט געװאַרט אומגעדולדיק דער טאַטע זאָל פֿאַרענדיקן דאָס שלאָגן. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס עוף לעבן זיך און דערזען אַז עס איז געשען אַ טעות. אַנשטאָט דעם זכר האָט דער טאַטע געדרייט איבערן קאָפּ די הון. האָט דאָס ייִנגל אַרױסגעשריגן אין דער הייך:

„טאַטע ! ס'איז דאָך אַ נקבה !"

װען ס'איז געקומען זײַן ריי האָט דאָס ייִנגל אונטערגעװיינט אַז ער זעט נישט די אותיות אין דער פֿינצטער. ס'איז שוין טאַקע געװאָרן נאַכט. האָט דער טאַטע זיך אַרומגעקוקט נאָך עפּעס אַ ליכט און דערזעענדיק די שײַנענ-דיקע לאָמפּן פֿון אויטאָבוס, האָט ער אַ לויף געטאָן צו דער מאַשין און נאָכגעצױגן נאָך זיך זײַן גאַנצע משפּחה. אינעם ליכט פֿון די לאָמפּן האָט דאָס ייִנגל טאַקע געזען װאָס צו לייענען. האָט דער טאַטע אויפֿגעהויבן דעם האָן אין דער הייך, דאָס מאָל העכער װי פֿריער אַז די פֿיס פֿון עוף זאָלן זיך נישט פֿאַרטשעפּען אין קאַפּעליוש און װען דאָס ייִנגל האָט אָנגע-הויבן זאָגן, האָט דער שאָפֿער אין אויטאָבוס דערזען איבערן פֿענצטער אַ האָן װאָס דרייט זיך מיט צעשפּרייטע פֿליגל, האָט דאָס געדולד בײַם שאָפֿער געפּלאַצט. דער שאָפֿער האָט געטראָמבעט, דער האָן האָט געקרייט און אין די קולות האָט זיך אויך געהערט דאָס דינע לויטערע קײַלעכל פֿונעם ייִנגל. ער האָט אויפֿגעזונגען די טרויעריקסטע װערטער מיט גרויס גדולה:

**„בני-אדם יושבי חושך וצלמות".**

# דער פאָטאָגראַפיסט

אויך דער פאָטאָגראַפיסט האָט זיך געבייזערט, הלמאי ער האָט געפּטרט אומזיסט די צײַט אין גרויסן גאָרטן, אין צענטער פון ירושלים. באַהאָנגען מיט פאָטאָ־אַפּאַראַטן פון פאַרשיידענע גרייסן, האָט ער זיך אַרײַנגעשטופּט צווישן מיר און דעם גאַסן־הענדלער, מיט אַ טענה אַז נאָכן אַרומדרייען זיך שיינע שעהען, האָט ער נישט געפונען עפּעס רעבעס צו פאָטאָגראַפירן.

„אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב", האָט ער אויסגערופן און פאַרקרומט זײַן פּנים. ער האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז פון זײַן שטויסן זיך איז אַרויס־געפאַלן פון הענדלערס האַנט אַ קליין שפּיגעלע און געבליבן ליגן לעבן די פיס פון אַ יונג מיידל. דאָס מיידל האָט געקליבן אַ שנורל קרעלן און אַלע מאָל ווען זי האָט צוגעפּאַסט איינס אַרום איר האַלדז האָט דער הענדלער אויפגעהויבן לעבן איר פּנים דאָס קליינע שפּיגעלע וואָס ער האָט געהאַלטן מיט צוויי פינגער ווי מיט אַ צווענגל. די אַנדערע דרײַ פינגער פון זײַן האַנט זענען געווען אָפּגעהאַקט.

„שישליקעס און רעדעס", האָט דער פאָטאָגראַפיסט געשריגן, בלויז דאָס, האָט ער געהאַלטן, איז פאַרבליבן פון אונדזער רײַכער קולטור, און ער האָט אויפן אָרט מספּיד געווען דאָס פאָלק וואָס האָט זיך אויף ס'נײַ באַזעצט אין ציון.

דער ריח פון שישליק האָט זיך געשפּירט אין דער לופט און דעם טעם פון די רעדעס האָב איך געזען אויף דעם פאַרקרומטן פּנים פון פאָטאָ־גראַפיסט. אויך ער האָט פאַרהאַלטן זײַן בליק אויף מיר. עפּעס בין איך אים געווען קענטלעך, האָט ער מיך באַפוילן צו פאַרצייכענען אונדזער ביטערע צוקונפט. איך זאָל זיך נישט באַלעמוטשען, נעמען אַ פעדער און פאַרשרײַבן. איידער איך האָב עס געטאָן, האָט ער אָנגעשטעלט זײַן אַפּאַראַט, מיך געפרעגט וואָס איך זע און גערעדט. ער האָט געזאָגט, אַז אָט דער צירונג־הענדלער סימבאָליזירט דעם ריח פון שישליק און דאָס מיידל אין די אָפּגעריסענע קליידער האָט פאַרגעשטעלט אין זײַנע אויגן דעם ווידערטעם פון די רעדעס.

„וואָס וועלן איר שוין העלפן די קרעלן?" האָט ער געפרעגט און מיר

אַ צי געטאָן צו אים איך זאָל אַ קוק טאָן דורך זײַן אַפּאַראַט וואָס ער האָט אָנגעשטעלט אויף אַ דרײַפּיסיקן שטענדער.

אַ גאַנץ געשעפּט מיט צירונג איז געווען אָנגעלייגט אויף דעם קעסטל, אָנגעהאַנגען אויף דעם הענדלערס ברוסט מיט אַ קייט איבער זײַן קאַרק, און דאָס מיידל האָט נאָך אַלץ נישט געפֿונען פֿאַר זיך אַ פּאַסיק שנורל קרעלן. דער פֿאָטאָגראַפֿיסט האָט אַ פֿייף געטאָן צו איר און געוואָלט וויסן וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן אירע קליידער.

"נישט די נײַעסטע מאָדע", האָב איך געזאָגט.

אויף איר פּנים איז אין זײַנע אויגן נישט געווען די לעצטע מאָדע: אַ גרויס מויל. פּעטע ליפּן. יאַסלעס. גרויסע אַרויסשטאַרצנדיקע ציין. דער פֿאָטאָגראַפֿיסט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזען אין דעם מיידל די זעלבע אילוזיעס וואָס ער האָט געפֿונען אין יידישן פֿאָלק. ער האָט געשריגן צום מיידל זי זאָל בעסער גיין צו זיך אַ היים און באַלד האָב איך געהערט דעם קליק פֿון זײַן אַפּאַראַט.

"איך האָב איר געפּאַקט!" האָט ער אויסגערופֿן און ער איז בלייך געוואָרן.

איך האָב געזען ווי דער הענדלער האָט זיך אײַנגעבויגן אויפֿצוהייבן דאָס שפּיגעלע, און דאָס מיידל, נישט האָבנדיק אין וואָס זיך צו שפּיגלען, האָט אָנגעבויגן איר קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן, אַ קוק צו טאָן אויפֿן בײַטשל קרעלן וואָס זי האָט אָנגעהאַנגען איבערן האַלדז, און אַ שמייכל וואָס האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און זיך אַרײַנגעפּאַסט אינעם בויגן פֿון שנורל קרעלן אויף איר ברוסט.

"שיין!" האָט דער פֿאָטאָגראַפֿיסט אויסגערופֿן. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם אַפּאַראַט מיטן שטענדער און פֿאַרשווונדן געוואָרן צווישן עולם.

# דאָס מיידל און דער ישיבה-בחור

נאָך דער אומגעראָטענער דעמאָנסטראַציע, האָב איך זיך ווידער אָנגע-טראָפֿן אויף ביידן — דעם ישיבה-בחור פֿון סאַטמאַרער קלויז און אויף דער קאָרעספּאָנדענטקע פֿון דער טאָג-צײַטונג "הארץ". איך בין געגאַנגען הינטער איר אויף דעם שמאָלן טראָטואַרל לענג-אויס דער מאה-שערים-גאַס און איר צאָפּ פֿון הינטן, בלאָנד און צעשאָטן, האָט מיר אונטערגע-שפּרונגען אין די אויגן. אויך דער ישיבה-בחור האָט זיך אָנגעיאָגט פֿון הינטן אין אַ געלער טאַקסי. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן אָפֿענעם פֿענצטער און גערופֿן דעם מיידל נוסח אַשכנזיש:

"ח י ת י ס !"

פֿריער נאָך, אויפֿן פּלעצל מיטן נאָמען "שומרי-אמונים", בעת מיר האָבן דאָרטן געוואַרט, דאָס מיידל און איך, דער עולם זאָל זיך צונויפֿקומען און מען זאָל אָנהייבן שרײַען, האָט דער זעלבער בחור איר אָנגערופֿן מיט אַן ענלעכן נאָמען פֿון דער תורה. אויסגעזען האָט עס ווי ער וואָלט זיך גע-חנפֿעט און דאָס מיידל אַליין, פֿון אָרט ווו מיר זענען געשטאַנען, אין שאָטן פֿון אַן עלעקטרישן סלופּ, האָט קאָקעטיש געווונקען מיט עטלעכע פֿינגער צום בחור אויף אַ צונויפֿגעקלאַפּטער בינע. זײַן שוואַרצער קאַפּעליוש מיטן ברייטן ראַנד האָט בולטער געמאַכט זײַנע געל-בלאָנדע פּיאות וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָקט ביז צו זײַנע אַקסלען און אַפֿילו נידעריקער, און די פֿאַרגייענדיקע זון האָט זיי דורכגעשטראַלט מיט שפּינוועבס פֿון גאָלד. דער בחור האָט אויפֿגעהויבן דעם מיקראָפֿאָן העכער צו זײַנע ליפּן אויף אויסצופּרובירן די הילכערס וואָס מען האָט אָנגעשטעלט אויף די דער-בײַאיקע דעכער, און גערופֿן דעם מיידל, אַזש די הײַזער אַרום האָבן אונטערגעציטערט:

"י ב ו ס י ס !"

די קאָרעספּאָנדענטקע, אַנטבלויזט דאָ און דאָרטן, האָט זיך אַ וויג געטאָן אין איר קורץ קליידל און איר בלאָנדער צאָפּ פֿון הינטן האָט זיך אַריבער-געוואָרפֿן פֿאָרויס, פֿאָרנט, און זיך געגלאַשטשעט אַרום איר הויכן דינעם האַלדז. זי איז געקומען אַהער באַשרײַבן פֿאַר איר צײַטונג דעם שרײַענדיקן

עולם אָבער קיינער איז נישט געקומען דעמאָנסטרירן קעגן דער פאַר-שוועכונג פֿון אויפֿגעגראָבענע פּאַרציַיטיקע ביינער. די שווערע היץ האָט זיך אָנגעלייגט אויך אין פֿאַרנאַכט אַריַין און אויפֿן פּלאַץ שומרי-אמונים האָט זיך נישט אָנגעזען קיין דערוואַקסענער מענטש. עטלעכע חדר-יינגלעך האָבן זיך געזאַמלט אַרום דער בינע און איינער פֿון זיי, אין ברילן, האָט אַ פֿרעג געטאָן דעם ישיבה-בחור צי מען מעג שוין וואַרפֿן שטיינער אויף דער נקבה.

דאָס מיידל איז אַריבער דעם שאָטן פֿון סלופּ, צוגעוואָרפֿן דעם בחור אַ צעטומלטן שמייכל און זיך געלאָזן גיין צום אַרויסגאַנג פֿון פּלעצל אויף אירע דינע, הויכע אָפּצאַסן. דער ישיבה-בחור האָט זיך געבענטשט וואָס מ'האָט נישט געבראַכט די פּלאַקאַטלעך; וואָס אַפֿילו קיין מנין אויף צו דאַוונען מינחה איז נישט געווען בנמצא; כאָטש איינער וואָס זאָל אַרויף דער בינע זאָגן תהילים. ער האָט צענומען מיט צאָרן דעם מיקראָפֿאָן, פֿאַר-וויקלט די דראָטן, אַריַין אינעווייניק אין אַ בנין, און אַ פֿערטל שעה שפּעטער זיך ווידער באַוויזן, און דאָס מאָל, נאָכיאָגנדיק אין דער געלער טאַקסי, דעם מיידל אויף רחוב מאה-שערים. ווען ער האָט זיך אויסגעגליַיכט מיט איר, זי אויפֿן טראָטואַרל און ער אויף דער גאַס, האָט ער באַפֿוילן דעם שאָפֿער פֿאָרן פּאַמעלעך און ווידער אויסגערופֿן:

"פּריציס!"

דאָס מיידל האָט זיך נישט אומגעקוקט. ווי מען וואָלט נישט איר געמיינט. זי איז וויַיטער געגאַנגען און בלויז איר צאָפּ פֿון הינטן האָט זיך צעוויגט אַביסל מער די ברייט פֿון טראָטואַרל. זי איז אַרויס פֿון ישיבה-בחורס בליק צוליב אַ הויכן, שוואַרצן טענדער, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זיַיט, און ווען זי האָט זיך ווידער באַוויזן, האָט די געלע טאַקסי זיך פֿאַרהאַלטן, דער בחור איז אַרויס פֿון דאָרט איבערלאָזנדיק הינטער זיך די טיר ברייט צעעפֿנט, און זיך אַ שטעל געטאָן פֿאַרן מיידל אין זיַין גאַנצער פּראַכט, מיטן טלית-קטן ווי אַ פּאַנצער איבער זיַין וויַיס גלאַנציק העמד.

"זונה!" האָט ער אַריַינגעשריגן אין איר פּנים אַריַין.

"דו פֿרומער שמאָק!" האָט דאָס מיידל אים אָפּגעענטפֿערט.

דער בחור האָט אָנגעכאַפּט איר בלאָנדן צאָפּ און געצויגן אַזש איר קאָפּ האָט זיך פֿאַרוואָרפֿן אויף הינטן. דאָס מיידל האָט מיט ביידע הענט אָנ-געכאַפּט זיַינע לאַנגע פּיאות און אויך געצויגן. דער גאַנצער אייבערשטער טייל פֿון איר גוף האָט זיך געבויגן אויף אַהינטער און ציענדיק די פּיאות,

האָט זי אויך דעם בחור געבויגן איבער זיך. אויסגעזען האָט עס ווי זיי וואָלטן ביידע אויסגעפֿירט אַ טאַנץ פֿון ליבע.

צעשיידט האָט זיי אַ יונגער חסיד אין אַ ווײַסער יאַרמלקע. אַ געלער אין שוואַרצן. פֿון דעם צערײַס אַזוי ראַפּטעס זענען בײַ דער מיידל אַראָפּ־געפֿאַלן די ברילן און אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעזען אַ שטאַרקע בהלה. אַרומגערינגלט פֿון נאָך בחורים אין שוואַרצן, האָט זי דערזען אַ שטעקן איבער איר קאָפּ. האָט זי אַ שפּרונג געטאָן הינטערווײַלעכץ, ביז צו דער וואַנט, און מיט ביידע הענט אויפֿגעהויבן איר קורץ קליידל, די מענער זאָלן כאַפּן אַ קוק צווישן אירע פֿיס און אויך פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון עפּעס אַ בהלה.

„לויפּטס!‟ האָט זי געשריגן.

די בחורים זענען נישט נבהל־געוואָרן און זיך נישט צעלאָפֿן. קלעפּ זענען געפֿאַלן אויף איר פֿון אַלע זײַטן, האָט זי זיך פּלוצים אײַנגעבויגן, אַרויס פֿון אירע שיך, געקראָכן צווישן בחורישע פֿיס, און דערזעענדיק די טיר פֿון דער טאַקסי ברייט צעעפֿנט, איז זי אַרײַן און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אינעווייניק. דער בחור האָט פֿאַרלייגט זײַנע בלאָנדע פּיאות אונטער זײַן קאַפּעליוש, געזוכט מיט אַ מערדערישן בליק די נקבה, און נישט ווייסנדיק ווו זי איז אים פּלוצלינג אַהינגעקומען, איז ער אויך אַרײַנגעשפּרונגען אין דער טאַקסי און פֿאַרקלאַפּט האַסטיק הינטער זיך די טיר. די טאַקסי האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ פֿײַפֿערײַ איבער דער שמאָלער גאַס און די ציצית פֿון ישיבה־בחור׳ס טלית־קטן, וואָס זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן אין דער פֿאַרמאַכטער טיר, האָבן זיך נאָכגעוויגט פֿלאַטערנדיק אין ווינט. און ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען זענען פֿאַרבליבן אויפֿן שמאָלן טראָ־טואַרל, אַ פּאָר דאַמסקע שיכלעך אויף דינע, הויכע אַפּצאַסן.

# ח. באַגעגענישן

די נײַע דירה

אַ טובה

גלות אין ישׂראל

דער טײַך אַרום ירושלים

ווער איז אַ "נאָבאָדי"?

נאָר נישט אײַלן זיך

געדולד

דאַרווין איז נישט גערעכט

אַ נײַע לאַטע

די מלכּה איז נאַקעט

# די נייע דירה

צוליב אַ טעות אין די ביכער האָט מען אונדז צוגעטיילט אַ דירה, וואָס האָט גאָרנישט עקזיסטירט. דער באַאַמטער, אַ פֿרײַנדלעכער מענטש, האָט אויפֿגעהויבן זײַנע הענט אויף אַ סימן, אַז ער איז אומבאַהאָלפֿן, אַז מען קען שוין גאָרנישט מער טאָן, און איך, בלית-ברירה, בין מסכים געווען מיט אים. נישט קיין וווּנדער. צופֿיל אינסטיטוציעס זענען געווען פֿאַרמישט אין דער זאַך. בייגנדיק זײַנע איידעלע פֿינגער, האָט דער באַאַמטער זיי אויסגערעכנט פֿאַר מיר. אַ חוץ דעם בוי-אַפּטייל, אויך די מיטלשול אין נצרת-עלית, די געזעלשאַפֿט 'עמידר' און דאָס מיניסטעריום פֿאַר בילדונג און קולטור.

פֿון די אַלע האָבן מיר באַקומען דעם אַדרעס פֿון דער דירה, וואָס מען האָט צוגעטיילט מײַן ווײַב, דער לערערין, און כאָטש אַלע האָבן אָנגעגעבן דעם זעלבן סימן מובהק, אַ דירה אין דעם קליינעם טורעם לעבן הויכן טורעם, האָט אָבער יעדער אָנגעוויזן אויף אַן אַנדערער געגנט אין שטאָט.

"אויך דאָס איז לטובה", האָט מײַן ווײַב זיך אָנגערופֿן און זיך אונטער-געשמייכלט. מיר וועלן אויסנוצן דעם טעות און אויסקלײַבן פֿאַר אונדז דעם פּאַסיקסטן פּלאַץ פֿון אַלע פֿיר געגנטן אין שטאָט. אָבער נאָכן אויסגיין אַלע געגנטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אויפֿגעבויט טורעמס אין פּאָרן, נידעריקע באַזונדער, הויכע באַזונדער, אָבער אַזאַ מין פּאָרל, הויך און נידעריק, האָבן מיר נישט געפֿונען.

דער באַאַמטער, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צו אים, האָט באַוויליקט אַ קוק טאָן נאָך אַ מאָל אין די ביכער, און ער האָט באַשטעטיקט דעם פּאַקט: "נישטאָ".

דאָס מאָל האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט און צוגעגעבן נאָך אַ וואָרט: "פֿאַרפֿאַלן".

אויך אויסערלעך האָט ער אויסגעזען אַ האַרציקער מענטש: ברילן. וואָנצעס. אַ חתונה-רינגל. אַ האַנט-זייגערל די גרייס פֿון אַ קאָמפּאַס. אַ שרונט וואָס האָט זיך אַ שניט געטאָן באַלד איבערן אויער. מע האָט געזען אויף אים, אַז ער האָט אויף אונדז רחמנות. ער האָט פֿאַררייכערט אַ

סיגאַרעט און גרייט געווען אויסהערן אַן עצה. מײַן עצה האָט זיך אַרויס־געוויזן גאַנץ שכלדיק. איך האָב אים געזאָגט, אַז אויב מ׳האָט צוגעטיילט אַ דירה וואָס עקזיסטירט נישט, זאָל מען געבן אַ דירה וואָס עקזיסטירט יאָ.

דער באַאַמטער האָט געזוכט די דירה, אויף אַ מאַפּע פֿון נצרת־עלית וואָס האָט פֿאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט הינטער זײַן טיש. אַ מאַפּע באַשטעקט מיט שפּילקעס פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן. ער האָט איבערגעשטעלט אַ רויטע שפּילקע אויפֿן אָרט פֿון אַ גרינע און אַלע דרײַ זענען מיר אַרויס אין דרויסן.

ס׳האָט זיך אָפּגעפֿונען בלויז איין דירה פֿאַרטיק זיך אַרײַנצוציען אַהין אין דער זעלבער וואָך ווען עס הויבט זיך אָן דאָס שוליאָר. דער באַאַמטער האָט געזען אין דעם אַ מזל־זאַך און גאַנץ צופֿרידן האָב מיר זיך אומ־געקערט אין זײַן ביוראָ דורכצופֿירן די לאָטעריע. ווען ער האָט באַמערקט אונדזער מורא, טאָמער מיר וועלן נישט זוכה זײַן, טאָמער מיר וועלן נישט אַרויסציען דעם ריכטיקן נומער, האָט ער אונדז באַרואיקט, אַז אין אונדזער פֿאַל איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן, ווײַל ס׳איז דאָ בלויז איין דירה און מיר זענען דער איינציקער קונה. אָבער אַ ציאונג דאַרף מען דורכפֿירן, ווײַל מע טאָר נישט אָפּווייכן פֿון אָנגענומענעם מינהג.

בעת ער האָט אונדז אָנגעוווּנטשן מזל־טוב און געדריקט די הענט, האָט ער זיך דערמאָנט אַז די נײַע דירה, וואָס מיר האָבן איצט זוכה געווען, ווערט צעמישן דעם סדר אין דעם מיניסטעריום פֿאַר קולטור און דערציאונג, ווײַל דאָרט איז דאָך פֿאַרשריבן אַז מען האָט אונדז צוגעטיילט אַ דירה אינעם קליינעם טורעם לעבן הויכן טורעם. דעריבער האָט ער אונדז פֿאַרגעלייגט מיר זאָלן אַ שפּרונג טאָן אַהינצו און בעטן דער סעקרעטאַרין זי זאָל אויסגלייכן דעם ענין. ער וועט אויף אונדז אונטערוואַרטן ביז מיר וועלן צוריק קומען, האָט ער געזאָגט, נאָכן כאַפּן אַ קוק אויף זײַן גרויסן האַנטזייגער. און כדי עס זאָל קלאָר זײַן אין וואָס עס גייט, האָט ער פֿאַרצייכנט אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר דעם אינהאַלט פֿון דער בקשה.

אין דרויסן האָט מײַן ווײַב געוואָלט וויסן וואָס אייגנטלעך מיר דאַרפֿן בעטן בײַ דעם מיידל אין דער מיניסטעריום־ביוראָ. האָב איך אָנגעטאָן מײַנע ברילן, זיך צוגעזעצט אויפֿן בענקל אין דער אגד־סטאַנציע, און איך האָב איבערגעלייענט וואָס דער באַאַמטער האָט פֿאַרצייכנט: אַז אין שייכות מיט דער דירה פֿאַר דער לערערין מאַרגאַניט, זאָל דער מיניסטעריום מבטל מאַכן וואָס איז שוין במילא בטול געוואָרן און וואָס האָט באַלד פֿון אָנהויב אָן גאָרנישט עקזיסטירט.

# אַ טובה

צוויי באַגעגענישן: מיט אַ סוחר אין ירושלים. מיט אַ בעטלער אין חיפה.

דער סוחר איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען, ווען איך בין אַרײַן אין זײַן געוועלב, מיט אַ פֿריילעך פּנים און מיט שיטערע ציין. ער האָט מיר אָפּגעגעבן שלום-עליכם, זיך אויסגעפֿרעגט וועגן מיר און וועגן מײַן משפּחה און געוועין צופֿרידן וואָס איך בין געקומען. ער האָט געדריקט מײַן האַנט מיט אַ וואַרעמקייט, ווי מיר וואָלטן זיך געוועין גוטע פֿרײַנד פֿון יאָרן און זיך נישט געזען אַ לאַנגע צײַט. אויך זײַנע פֿינגער, האָט זיך אויסגעדאַכט, זענען שיטער. איך האָב נישט אָנגעהויבן צו געדענקען פֿון וואַנען מיר קענען זיך. ס'האָט נישט געהאָלפֿן דאָס טאָן זיך אַ צעיאָג אין זכרון איבער צײַטן און לענדער. האָב איך זיך אײַנגעקוקט אין אים אויף אַ רגע. ער איז געווען קליין-געוויקסיק. לויטן אָנטועכץ — אַ חסיד. באָרד. פּיאות. ציצית אין דרויסן. ער האָט באַדאַרפֿט עפּעס זייער נייטיק דער-לײדיקן אין באַנק דאָ נישט ווײַט, צי וואָלט מיך געאַרט אונטערשטיין עטלעכע רגעס אין געשעפֿט, ער וויל עס נישט פֿאַרמאַכן, טאָמער מאַכט זיך אַ קונה. אַט לויפֿט ער אַהין און אָט איז ער דאָ צוריק. און ער האָט נישט געוואַרט אויף מײַן הסכמה. איך בין אים נאָכגעגאַנגען עטלעכע טריט ביז דער טיר און געזען ווי ער איז טאַקע געגאַנגען לויפֿנדיק, אַרויף-צו צו רחוב יפֿו, ציצית און פּיאות צעוויגט און צעיאָכמערט.

איך האָב זיך צוריקגעקערט טיפֿער אין געשעפֿט אַרײַן, אַ ביסל צעמישט און אומזיכער, און זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך מיט חשד. ס'איז געווען נאָך אַ הינטערשטער צימער און דאָרטן האָב איך טאַקע געזען שטיין געפּרעסטע ברעטער, וואָס איך בין געקומען קויפֿן. איך האָב באַטאַפּט אַ שאַרסטקע ברעט, ווען דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צום קאָנטאָר אויפֿצוהייבן דאָס טרײַבל, נישט ווויסנדיק וואָס איך וועל זאָגן. ווען איך האָב אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל האָט דער טעלעפֿאָן זיך פֿאַרהאַקט. זאָל זיך נאָר נישט באַווײַזן מיט אַ מאָל אַ קונה. וואָס עפּעס האָט מיך דער ייד איבערגעלאָזט אַליין אין זײַן געשעפֿט? עס האָט זיך

נישט אָנגעזען ער זאָל אַזוי שנעל צוריקקומען. אויך דער זייגער האָט זיך עפּעס נישט גערירט.

כ'האָב זיך שוין איין מאָל געהאַט אָנגעטראָפֿן אויף אַן ענלעכן פֿאַל, מיט אַ בעטלער אין חיפֿה. זײַן פּלאַץ איז געווען אין אַ דורכגאַנג-טונעל, צווישן רחוב הערצל און באַלפֿור. איך פֿלעג אים אַרײַנוואַרפֿן אַ מטבע אין זײַן פּושקע, אויף מײַן וועג, טאָג-איין טאָג-אויס צו דער אַרבעט. איין מאָל האָב איך אים געגעבן אַ פּאַפּירענעם הונדערטער און געבעטן אַ רעשט. ביז ער וועט אויסציילן, וועל איך כאַפּן מיט אים אַ שמועס, האָב איך געטראַכט. איך האָב שוין פֿון לאַנג חשק געהאַט אים אַ צי טאָן בײַ דער צונג. אָבער אַנדערש ווי דער סוחר אין ירושלים — איז דער בעטלער געווען אַ פֿינצטערער שווײַגער. אַ חוץ דעם האָט ער אַרום די באַקן געהאַט אַרומגעוויקלט אַ רויטע פֿאַטשיילע און דער גראָבער קנופּ איז געווען פֿאַרשטעקט אונטער זײַן גאָמבע. אַפֿילו ער וואָלט חשק געהאַט זאָגן אַ וואָרט, וואָלט ער אויך נישט געקענט עפּענען ס'מויל.

דער בעטלער האָט אויסגעציילט די מטבעות ווי אַ קאַסירער אין אַ באַנק און ווען איך האָב זיך פֿאַרנומען צו גיין ווײַטער האָט ער מיך פֿאַרהאַלטן און מער מיט סימנים ווי מיט ווערטער מיר אײַנגערוימט אין אויער אַ בקשה, אַז ער דאַרף משתין-זײַן, זאָל איך אָפּהיטן אַ מינוט אָדער צוויי זײַן פּושקע מיט נדבות. ער וועט באַלד צוריקקומען.

ביידע, ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן מיר געשטעלט די זעלבע שאלה. דער סוחר אין ירושלים האָט זיך אַרײַנגעיאָגט מיט צעעפֿנטע פּאָלעס, מיט אַן אָפֿן מויל און געוואָלט וויסן צי אין דער צײַט וואָס ער איז אַפּגעווען פֿון געשעפֿט האָט זיך נישט געמאַכט עפּעס אַ קונה. און דער בעטלער האָט אַ מורמל געטאָן מיט פֿאַרמאַכטע ליפּן:

„מע האָט עפּעס אַרײַנגעוואָרפֿן אין צווישנצײַט?"

# גלות אין ישראל

איך בין געקומען צום אַלטן רוס, לודוויג קוטאָף אין שטוב אַרײַן ווײַטער אַ שמועס טאָן וועגן די מורא פֿאַרן טויט אָבער צערעדט האָבן מיר זיך גאָר וועגן אַ מקום-קבורה דאָ אין לאַנד, פֿאַר אים און פֿאַר זײַן ווײַב. די זאָרג פֿון אַ גוי וואָס לעבט דאָ צווישן יידן.

ער און זײַן ווײַב זענען געווען יונגע סטודענטן אין פּעטערבורג ווען די באָלשעוויקעס האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט. זענען זיי געלאָפֿן פֿון רוסלאַנד קיין דײַטשלאַנד. נאָך דעם זענען זיי אַנטלאָפֿן פֿון היטלערן. געווען נע-ונד אַ שטיקל צײַט ביז זיי האָבן זיך מיט יאָרן צוריק באַזעצט אין ירושלים. מיט קוטאָפֿן האָב איך זיך באַקענט בעת מיר זענען געווען שכנים אין שפּיטאָל, בעטל צו בעטל, און דאָרטן טאַקע האָט ער מיר אָנגעהויבן לערנען אויסהאַלטן ווייטיק און נישט מורא האָבן פֿאַרן טויט. ער אַליין איז געווען פֿרײַ פֿון דער דאָזיקער מורא אָבער ער איז געבליבן באַזאָרגט וועגן דעם ענין קבורה. אויך זײַן ווײַב האָט געפֿרעגט די אויסגעלייגטע קאָרטן אויפֿן טיש :

„ווו וועלן מיר ווערן באַגראָבן ?"

די פֿראַגע האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט נאָך דעם ווי מען האָט גענומען קוטאָפֿן אין שפּיטאָל אַרײַן. ביידע זענען שוין געווען קרוב צו די נײַנציק, האָבן זיי געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער היגער רוסישער קירכע און ס'האָט שוין אַפֿילו געהאַלטן בײַם אונטערשרײַבן דעם קאָנטראַקט : די קירכע וועט געבן קרקע און קוטאָף — זײַנע זאַמלונגען. און ער האָט געעפֿנט די סקריפּענדיקע טיר פֿון זײַן שאַפֿע איך זאָל זען : ספֿרים און שטיוול. אַלטע פֿאַרשטויבטע ספֿרים אין קירילישער שריפֿט. אויך אין גאָטישן אלף-בית. ביכער אין סאַנסקריט. אַלט-לאַטיין. אָבער די שטיוול, אויך אַנטיקוואַריש, זענען געווען אָפּגעפּוצט און גלאַנציק. אַ פּאָר שטיוול פֿון אַלעקסאַנדער נעווסקיס צײַטן. קוטאָפֿס אייגענע רײַט-שטיוול ווען ער איז געווען אַ יונגער אָפֿיציר אין דער קאַוואַלעריע און נישט איין מאָל געריטן אין דער סוויטע פֿון לעצטן צאַר.

אָבער דער קאָנטראַקט מיט דער רוסישער קירכע איז בוטל געוואָרן מחמת ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַלע פּאָפּן אין ישראל זענען פֿאַרקויפֿטע נשמות. אַגענטן פֿון קרעמלין, און נישט קוטאָפּן און נישט זײַן ווײַב איז געווען ניחא, נאָך דעם ווי זיי האָבן מיט זעכציק יאָר צוריק אַנטלאָפֿן פֿון די באָלשעוויקעס, ווידער אַרײַנפֿאַלן אין זייערע הענט.

אויך זייער משא-ומתן מיטן עוואַנגעלישן פּריסטער אין ירושלים האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. קוטאָפּס זאַמלונגען, די ביכער און די שיך, האָבן דוקא נושא-חן געווען בײַם עוואַנגעליקער אָבער זײַן תנאי איז געווען אַז ביידע זאָלן קומען, כל זמן זיי לעבן, איין מאָל אַ וואָך צו אים אין קלויסטער אַרײַן מתפּלל זײַן.

״קרקע פֿאַר אמונה אין גאָט״.

אויף אַזאַ מין אויסבײַט איז קוטאָף נישט אײַנגעגאַנגען. דער גאַנצער ענין פֿון אַ גלויבן אין אַ גאָט האָט אויסגעזען אין קוטאָפּס אויגן ווי עפּעס אַ זײַטיקער עפּיזאָד וואָס וועט פֿאַרשווונדן ווערן אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. ווער אין דער ווײַטער צוקונפֿט, האָט ער מיר געפֿרעגט, וועט זיך לאָזן פֿאַרדרייען אַ קאָפּ מיט דעם ענין גאָטהייט? און ער האָט מיר פֿאַרזיכערט אַז עס איז נישטאָ אַזאַ באַגריף ווי השארת-הנפֿש.

״אָבער דער גוף בלײַבט״, האָט זײַן ווײַב זיך אַרײַנגעמישט אין אונדזערע רייד. זי האָט זיך געבויגן איבער די קאָרטן וואָס זי האָט אויסגעלייגט אויפֿן קליינעם טישל. און ביז איצט קיין קלאָרן ענטפֿער פֿון זיי נישט אַרויס-געלייענט. זי האָט זיי געשטעלט צוויי מעגליכקייטן אין שייכות מיט אַ מקום-קבורה. אַ קיבוץ, וואָס אַ מאָל מאַכט זיך און ער טוט אַ חסד-של-אמת מיט אַ גוי, אָדער אין ״הדסה״-שפּיטאָל וואָס נויטיקט זיך אין מתים פֿאַר דער וויסנשאַפֿט. אָבער דער שפּיטאָל הייסט זיך פֿאַר דעם זייער טײַער באַצאָלן און די קוטאָפּס וואָס האָבן פֿאַרלוירן אַ פֿאַרמעגן אין רוסלאַנד האָבן דאָ אין ישראל קיין געלט נישט אָנגעזאַמלט.

ערנעסטינאַ האָט נישט אויפֿגעגעבן איר האָפֿנונג אין די קאָרטן. זי האָט זיך אַרויסגעהאָלפֿן מיט אַ דיקן ספֿר פֿול מיט רמזים. אויף די קאָרטן גופֿא זענען געווען אָנגעמאָלט מכשפֿות, שדים, מנורות, מלאכים און צלמים. אַלטע זקנים מיט לאַנגע ווײַסע בערד. איינער פֿון זיי האָט אויסגעזען ווי אברהם אבינו.

״אויך ער האָט געהאַט צרות מיט קויפֿן אַ קרקע פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן

ווײַב", האָב איך זיך אָנגערופֿן צו קוטאָפֿן ווען ער האָט מיר אַרויסבאַגלייט פֿון שטוב. ער האָט געעפֿנט די טיר און געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל:
"יאָ, אָבער ער איז דאָך געווען אַ ייד מיט אַ סך געלט און געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן".



# דער טייך אַרום ירושלים

דער שרײַבער א. מ. פֿוקס איז שוין געווען אַ זקן ווען איך האָב זיך געטראָפֿן מיט אים אויף אַ שפּאַציר איבערן לאַנד. ווען מיר זענען אַרויס פֿון קיבוץ צרעה האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן שטעקן, געטײַטלט אויף דער סביבה וואָס האָט זיך צעעפֿנט פֿאַר אונדזערע אויגן און געשטעלט דעם וועג-ווײַזער אַ שאלה וואָס איך אַליין האָב אויך חשק געהאַט צו פֿרעגן.

אונדזער וועג-ווײַזער איז געווען יוסף ווײַץ, דער וועלכער איז געשטאַנען אין די פֿופֿציקער יאָרן בראש פֿון הקרן הקיימת, און דאָס האָט ער טאַקע אונטערגענומען און אָרגאַניזירט דעם שפּאַציר פֿון יידישע שרײַבער איבערן לאַנד. יוסף ווײַץ האָט דערציילט, וואָס די מדינה טוט אויף, וואָס זי וועט אויפֿטאָן אין דער צוקונפֿט און ער האָט אויך דערמאָנט דעם אַמאָל. אין באר-שבע — אברהם אבינו. אין סדום האָט ער איבערדערציילט אַ וויץ וועגן לוט און זײַנע טעכטער כדי אַרויסצורופֿן אַ שמייכל בײַ די יידישע שרײַבער.

אָבער א. מ. פֿוקס איז פֿאַרבליבן אין אַ פֿאַרפֿינצטערטער שטימונג. די באַציאונג פֿון קרן הקיימת צו אים אויפֿן שפּאַציר, איז אים פֿאַרגעקומען נישט צו בכבודיק. אַ העברעישן שרײַבער, האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פֿאַר מיר פֿון האַרץ, וואָלט מען אַזוי נישט אַרומגעפֿירט. מע וואָלט אים פֿאַרבעטן אין אַ גרויסאַרטיקן האָטעל אין תל-אביב, מע וואָלט געשטעלט אַ טיש פֿון כל-טוב, און מע וואָלט אויך געלאָזט הערן עפּעס אַ פֿײַערדיקע רעדע. אַפֿילו צוויי. און קיין קורצע ברכות וואָלטן אויך נישט געפֿעלט. אָבער יידישע שרײַבער — נאָר געשאָקלט און געטרייסלט אַזוי אַ גאַנצן טאָג. כאָטש דער אויטאָבוס פֿון „אגד" איז געווען צו דערלײַדן און די געזעסן גאַנץ באַקוועם, אָבער וווּהין האָט מען זיי דאָס פֿאַרפֿירט די יידישע שרײַבער? קיין סדום. זאַמד און מדבר. נישט קיין פֿויגל, נישט קיין מענטש און מען זאָגט אַפֿילו אַז אַן איינציקער פֿיש אויף אַ רפֿואה איז אויך נישט בנמצע אין ים-המלח.

„מען שעמט זיך מיט אונדז, מיט די יידישע שרײַבער", האָט א. מ. פֿוקס טרויעריק געזאָגט.

דעם גאַנצן וועג אין נגב איז מיר נישט געלונגען אָפּשוואַכן זײַן פֿאַרשעמט געפּיל. און איך האָב געפּרוּווט אויפֿאײַטערן זײַן געמיט אויף פֿאַרשידענע דרכים. איך האָב אים געזאָגט אַז איך האָב געלייענט אַלע זײַנע ביכער. אויך די מעשיות וואָס ער האָט אויף דער עלטער איבער־געשריבן אויף ס׳נײַ. ווען ער איז עולה געווען קיין ישראל און זיך באַזעצט אין חולון, האָט ער זיך גענומען איבערמאַכן די געמיינע געשטאַלטן אין זײַנע ביכער אויף גאָטספּאַרכטיקע לײַט כדי צופֿרידן שטעלן די קריטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור וועלכע האָבן אים פֿאַרוואָרפֿן אַלע יאָרן מיט טענות הלמאי ער שטעלט פֿאַר פֿאַר די גויים יידן פֿון דער אונטערוועלט. אַ פּראָסטיטוטקע וואָס כאַפּט אַרײַן אַ קליענט אויפֿן וועג צו איר חופּה. אַ חתן, שוין אונטער דער חופּה, גנבהט אַראָפּ בײַ זײַן שוויגער אַ גאָלדן קייטל פֿון איר האַלדז. א. מ. פּוקס האָט דעם גנב געמאַכט פֿאַר אַ שופֿר־בלאָזער און די זונה האָט ער געמאַכט זי זאָל טראָגן די פֿאָן פֿון סאָציאַליזם און גלײַכהייט.

די שטימונג בײַ פּוקסן האָט נאָכגעלאָזט און זײַן געמיט האָט זיך געהויבן נאָך דער געשמאַקער סעודה אין חדר־האוכל פֿון קיבוץ צרעה. ווען מיר זענען אַרויס פֿון דאָרטן האָט יוסף ווײַץ פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אונדז די בערג פֿון יהודה אין ווײַטן האָריזאָנט. דאָס געפּיל פֿון פֿרעמדקייט וואָס האָט אונדז באַהערשט אין מדבר האָט זיך אויסגעוועפּט בײַ פּוקסן און בײַ מיר און מיר האָבן זיךביידע דערשפּירט ווי אין דער היים. איטלעכס בערגל אין דער געגנט האָט אויפֿגעלעבט פֿאַר אונדזערע אויגן אַן אַנדערן העלד פֿון דער תורה. שמשון הגיבור. דוד המלך. און ווער נישט?

מיר האָבן זיך אויך דערמאָנט אין די העלדן פֿון שמ״ר׳ס אַ דראַמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָ אין די בערג פֿון ירושלים. דער אַלטער שמ״ר וואָס אין זײַן צײַט איז ער געווען זייער באַרימט און הײַנט איז ער זייער פֿאַרגעסן געוואָרן. מיר האָבן זיך דערמאָנט, א. מ. פּוקס און איך, ווי אַזוי בר־כוכבא אין דער דראַמע שפּאַצירט געאָרעמט מיט זײַן אויסדערוויילטער לענג אויס דעם טײַך וואָס שלענגלט זיך צווישן די בערג פֿון יהודה. ווי בר־כוכבא דערקלערט זיך אויף דײַטשמעריש אין אייביקער ליבע דער טאָכטער פֿון רבי עקיבא, דער וווּנדער־שיינער שולמית, און אַן עדות איז די פֿולע לבנה וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די שטילע כוואַליעס פֿון טײַך.

א. מ. פּוקס האָט זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ מיר וועגן דעם טײַך אַרום ירושלים וואָס זעט זיך עפּעס נישט אָן צווישן די בערג, אָבער איך האָב אויך נישט

געוווסט וואָס צו ענטפֿערן, האָט ער פֿאַרהאַלטן דעם שטעקן אויף אונדזער וועג-ווײַזער, אָנרירנדיק מיטן עק זיין פּאַסיק פֿון די הויזן און געזאָגט אַז אַלץ איז טאַקע זייער פֿײַן און וויל וואָס יוסף ווײַץ דערציילט, אַז אויף יעדן בערגל אַרום ירושלים שטעלט מען זיך פֿאַר אַ געשטאַלט פֿון אַ מאָל און אַ יישוב אין דער צוקונפֿט, אָבער ווו איז דאָ אַרום ירושלים, האָט פֿוקס געפֿרעגט:

"דער טײַך אדון ווײַץ, ווו איז דער טײַך?"

# ווער איז אַ "נאָבאָדי" ?

ווען איך בין געקומען צום שרײַבער א. מ. פֿוקס אין שטוב אַרײַן, אָפּנעמען זײַן אַרכיוו, האָט ער זיך ווידער צערעדט וועגן זײַן לאַנגן משא-ומתן מיט אונדזער ביבליאָטעק, און געוואָלט וויסן צי איך האָב סוף-סוף געבראַכט מיט זיך דעם צוגעזאָגטן דאָקומענט. ער האָט אַראָפּגעדרייט דאָס קול פֿון דער אָנגעשטעלטער רעקאָרדירקע, און צום וויפֿלטן מאָל געלייענט פֿאַר מיר דעם אויסשניט פֿון אַ צײַטונג, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ שופֿלאָד, איך זאָל הערן וואָס דער באַרימטער קריטיקער יעקב גלאַטשטיין האָט געשריבן וועגן אים אין ניו-יאָרק. לויט יעקב גלאַטשטיינס מיינונג איז אויסגעקומען אַז א. מ. פֿוקס איז אויף דער עלטער געוואָרן אויס שרײַבער. ער האָט אים אָנגערופֿן:

"אַ נאָבאָדי".

דאָס האָט פֿוקסן פֿאַרשאַפֿט עגמת-נפֿש און גרויס צער און ער האָט זיך פּשוט געשראָקן טאָמער די ווערטער וועלן דערגיין צו דער ממשלה אין ירושלים, און זיי וועלן צושיקן אַן אָנווײַזונג דעם ביטוח לאומי מען זאָל אים אויפֿהערן אויסצאָלן די חודשלעכע פּענסיע. נאָך דאָס האָט אים געפֿעלט. ס׳וועט אים אויסקומען אויסגיין פֿון הונגער.

"אַ נאָבאָדי? אַ נול?!"

ווי ער וואָלט נישט געהאַט גענוג צרות אין זײַן לעבן. עולה געווען קיין ישראל נאַקעט און באָרוועס. אַ פּענסיאָנער אָן פּענסיע. אַ שרײַבער אָן לייענער. אַלע זײַנע געטרײַע לייענער זענען דאָך אומגעקומען אין די דײַטשע לאַגערן. פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין די רוסישע סטעפּעס. און די וועלכע זענען יאָ געבליבן לעבן, האָבן זיך צעשפּרייט און צעזייט איבער דער גאָרער וועלט. ווער אויף דער וועלט האָט נישט געוווּסט אַז ער איז פֿאַר-רעכנט געוואָרן צווישן די גדולי-הדור, און איצט ווייסן נישט אַפֿילו זײַנע שכנים ווער עס וווינט צווישן זיי.

דאָס איז נישט געווען איבערגעטריבן. ווען איך בין געקומען צו אים צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך קוים דערפֿרעגט צו זײַן שטיבל אין פֿאַרוואָרפֿענעם הינטערגעסל מיט פֿאַרלאָזטע הײַזלעך, אָפּגעשיילטע ווענט

און אַרײַנגעגנג אָן נומערן. די לאָדנס פֿון זײַן דירה זענען געװען צוגעמאַכט אין מיטן העלן טאָג, און ער אַלײן האָט אױסגעזען װי זײַן טיר, אָפּגעשלאָגן און אָן אַ הענטל.

די עלטער האָט זיך אָנגעזעצט אױף אים זינט זײַן װײַב איז געשטאָרבן. זי האָט אים זײער שטאַרק געפֿעלט און ער האָט געבענקט נאָכן װײכן באַריר פֿון אַ װײַבלעכער האַנט. דערפֿאַר האָט ער נישט אָנגענומען מײַן הילף, װען איך האָב אים אײן מאָל אָנגעטראָפֿן אין צענטער פֿון שטאָט, װו ער איז געשטאַנען מיטן שטעקן אין דער האַנט, אין טונקעלע ברילן, און געװאַרט װי אַ בלינדער, אַז עמיצער זאָל אים העלפֿן אַריבערגײן די רױשיקע גאַס. מיר האָט ער אָפּגעשטױסן װען איך האָב אים אָנגענומען בײַם אָרעם, אָבער דעם מײדל װעלכע האָט אים אַריבערגעפֿירט אױף דער צװײטער זײַט, האָט ער נישט אױפֿגעהערט גלעטן איר האַנט.

„איך — אַ נאָבאָדי?" האָט ער איבערגעפֿרעגט מיט װײטיק אין זײַן קול, און אָנגעװיזן אױף די װענט אין זײַן שטיבל. די װענט באַהאַנגען מיט ליטעראַרישע פּרעמיעס, געראַמטע הינטער גלאָז, האָבן דערצײלט װעגן זײַן חשיבות און גלאַנץ. אױף אַ גרױס בילד האָט א. מ. פֿוקס געדריקט די האַנט פֿון שז"ר, דעם נשיא פֿון מדינת-ישראל. דאָס איז טאַקע געװען שז"רס קול װאָס איך האָב געהערט אױף דער רעקאָרדירקע, װען איך האָב געעפֿנט די טיר. פֿוקס האָט איצט צוריק אַרױפֿגעדרײט דאָס קנעפּל און איך האָב געהערט װאָס שז"ר האָט נאָך מיט יאָרן צוריק און מיט גרױס ה״ן אין זײַן שטימע, עדות געזאָגט אױף דעם װאָס די װענט האָבן איצט דערצײלט. און צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען דער דאָקומענט װאָס איך האָב מיט זיך געבראַכט: אַ באַשטעטיקונג אַז עס איז אים צוגעטײלט געװאָרן אַ קרקע אױפֿן אַלטן בית-עולם, װעלכער איז שױן לאַנג געשלאָסן פֿאַר פּשוטע לײַט אָבער נישט פֿאַר יחידי-סגולה דאָרטן באַערדיקט צו װערן.

איך האָב אױך געבראַכט אַ קאָפּיע פֿון דעם דאָקומענט אױף צו שיקן צו יעקב גלאַטשטײנען אין אַמעריקע. זאָל ער לײענען און אײַנזען זײַן גרױסן טעות. זאָל ער װיסן װו דער נאָבאָדי װעט באַגראָבן װערן. און די זאַך װעט װערן אױסגעפֿירט װײַל דרײַ חתימות זענען געװען אױפֿן דאָקו-מענט. אַזױ האָט א. מ. פֿוקס פֿאַרלאַנגט פֿאַרן איבערגעבן אונדז זײַן אַרכיװ, כדי צו פֿאַרזיכערן זיך אַז מען װעט אים נישט אָפּנאַרן נאָכן טױט.

„נקמה איז דאָך זײער זיס", האָט ער געזאָגט און געלײענט פֿאַר זיך מיט אַן אונטערניגון די נעמען פֿון די אונטערשרײַבער: ראש-העיר, דעקאַן פֿון

אוניווערסיטעט, הויפּט-קברן פֿון דער היגער חברה-קדישא.

מיט אַ פֿײַכטן בליק האָט ער אַרײַנגעלייגט דעם דאָקומענט אין שופֿלאָד און געזאָגט, אַז איך בין געוואָרן אין זײַנע אויגן דער זיסער שליח פֿון מלאך-המוות.

"נאָך דיר — ער".

## נאָר נישט איילן זיך

מיט אַ כוסע ווײַן אין דער האַנט האָב איך זיך אויך אַרומגעדרייט צווישן די געסט אינעם גרויסן סאַלאָן און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו געזע-גענען זיך מיט דוד דאַרפֿזאָנען צו זיין פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און צוריק פֿאָרן קיין אויסטראַליע. אַ נידעריקער און אַ בײַכיקער האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין איינעם פֿון די געסט אַז דאָס פֿאָרט ער צוריק קיין אויסטראַליע כדי ווידער עולה צו זײַן קיין ישראל. דעם אמת געזאָגט האָט ער זייער אַ סך וועגן דעם געטראַכט און אין אָנהויב האָט עס אים פֿאַרשאַפֿט גרויס עגמת-נפֿש און צעטומלעניש. ווײַל אַלע יאָרן וואָס ער האָט געלעבט אין מעלבורן האָט ער געחלומט וועגן זיצן אין ציון און לערנען תורה און ווען ער איז געקומען און זיך באַזעצט אין ירושלים, האָט זיך דער חשק צו לערנען תורה פֿון אים אָפּגעטאָן.

אין מעלבורן איז אָט דער חשק נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים אַפֿילו אויף קײַן רגע. אויך אין אַ מיטן טאָג, פֿאַרטומלט מיט ביזנעס-ענינים, פֿלעגט ער זיך געבן אַ כאַפּ אַרויס פֿון געשעפֿט, זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן אויטאָ און זיך אַוועקגעיאָגט ערגעץ הינטערן שטאָט, צו פֿאַרטיפֿן זיך אין אַ ספֿר, זיך אַרײַנטראַכטן אין אַ ליד און פֿאַרגעסן אויף אַ ווײַלע דעם הבל-הבלים פֿון דער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום.

און דווקא דאָ אין ישראל ווו ער איז געווען פֿרײַ צו טאָן וואָס ער וויל, איז ווי נאָר ער האָט געעפֿנט אַ ספֿר האָבן אים אָנגעהויבן קריכן אין קאָפּ אַרײַן מחשבות וועגן מיסחר וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אויסטראַליע.

אוי האָט ער זיך געמיט אָפּצוגעפֿונען דעם פֿאַרלוירענעם חשק. ער איז אים נאָכגעלאָפֿן ווי מען לויפֿט נאָך אַ שיין ווײַב. ס׳איז אים אַפֿילו אײַנ-געפֿאַלן זיך אָנטאָן עינויים, אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צײַטן. נעמען אַ בײַטש און זיך שלאָגן מלקות:

זיץ און לערן! אַ געדאַנק האָט אים געגעבערט טאָמער שטראָפֿט מען אים מן השמים מחמת ער האָט זיך נישט ריכטיק צוגעגרייט צו דער עליה קיין ישראל.

אין מעלבורן איז ער געווען זיכער אַז ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין

אײן פּרט. ערשטנס, געלט. ער האָט זיך פֿאַרזיכערט אַז דאָס אויספּעלן פֿון אַ גראָשן זאָל נישט ווערן אַ מיכשול צו פֿאַרבלײַבן אין לאַנד. ער האָט אויך צוגעזען אַז די שטוב אין ירושלים זאָל זײַן אַ פּערפֿעקטע קאָפּיע פֿון דער ווילע וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין מעלבורן, כּדי זײַן ווײַב זאָל זיך נישט אָנכאַפּן אין אומזיסטע טענות אַז מען איז אַראָפּ פֿון מעמד צוליב דער עליה קיין ישראל. אַפֿילו זייערע גרויסע בעטן האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך כאָטש ער איז געווען נידעריק און פֿעטלעך און אַזוי אויך זײַן ווײַב. זײַן ווײַב דווקא האָט זיך אַרײַנגעמישט אינעם שמועס און דערקלערט די סיבה פֿון דורכפֿאַל:

"אײַלעניש".

דוד דאַרפֿזאָן האָט זיך צופֿיל געאײַלט מיט דער נסיעה קיין ישראל. און אַרײַנמישנדיק ענגלישע ווערטער האָט זי ציטירט וואָס מען זאָגט וועגן דעם אין יידיש: אַז פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן דאָס מאָל נישט מאַכן דעם זעלבן טעות. נאָכן צוריק קומען קיין אויסטראַליע וועלן זיי אָנהויבן אויף ס'נײַ זיך גרייטן עולה זײַן קיין ישראל אָבער געלאָסן. דאָס מאָל נישט געאײַלט. קודם וועט דוד דאַרפֿזאָן דאָרט אין מעלבורן זיך מיען אָפּגעפֿונען זײַן בענקשאַפֿט צו זיצן אין ציון און לערנען תורה.

דאָס האָב איך אים טאָקע אָנגעווונטשן, דרוקנדיק זײַן האַנט. אַ ווייכע האַנט, מיט פֿעטלעכע קורצע פֿינגער. מיט אָט דער האַנט האָט ער דאָך געזאָלט — ווען ער וואָלט געלעבט אין די אַלטימליכע צײַטן — נעמען אַ בײַטש און זיך שלאָגן מלקות, האָב איך אים געווונטשן ער זאָל נישט דאַרפֿן אָנקומען צו די באַרבאַרישע מיטלען פֿון דער אַמאָליקער מענטש-הייט, עס זאָל אים אָנקומען לײַכט דאָס אָפּגעפֿונען דעם פֿאַרלוירענעם חשק און מען זאָל הערן אַז ער איז אינגיכן ווידער פֿול געוואָרן — — —

אָבער דאָ האָט דוד דאַרפֿזאָן אויסגעכאַפּט די ווערטער פֿון מײַן מויל, און שמייכלענדיק, מיט אַ געלעכטערל, קליין און דיק ווי אַ פֿעסל גרייט זיך אָנצופֿילן, האָט ער צוגעגעבן:

"יאָ, זיך ווידער אָנפֿילן מיט בענקשאַפֿט נאָך ישראל".

# גערולד

געזען אַז עס נעמט נישט קיין סוף צו דעם, האָב איך צוריק גענומען פֿון פֿאַרלאַג מײַן כתב-יד. פֿיר יאָר איז ער דאָרטן אָפּגעלעגן, אין דער ביבליאָ-טעק אויפֿן נאָמען פֿון א. מ. דיק, אין תל-אביב, און מען האָט אים אַפֿילו נישט אויפֿגעעפֿנט אַ קוק צו טאָן אויפֿן שער-בלאַט. ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס דער פֿאַרוואַלטער פֿון פֿאַרלאַג, שלום קעזלאַנד, פֿלעגט מיר פֿון צײַט צו צײַט אָנקלינגען און זיך נאָכפֿרעגן אויפֿן נאָמען פֿון ראָמאַן.

אויך אַ חודש נאָך דעם ווי איך האָב שוין געהאַט צוריק גענומען דעם כתב-יד, האָט ער נישט באַמערקט אַז עפּעס פֿעלט אים און זיך ווידער אָנגעפֿרעגט אין טעלעפֿאָן אויפֿן נאָמען און אויף די לענג פֿון דער זאַך. ער האָט מיר געהייסן זײַן רואיק און טאָמער עס איז מיר ביז איצט נישט געלונגען צונויפֿקלײַבן די הוצאות אויף אַרויסצוגעבן דאָס בוך, וועט ער עס טאָן. אויף זײַן אַחריות. ער וועט זיך פֿאַרבונדן מיט די פֿאָנדן געשאַפֿן פֿאַר דעם צוועק, ער וועט אַ שמועס טאָן מיט די פֿאַרטיילער פֿון ליטע-ראַרישע פּרײַזן אין לאַנד. ער פֿירט שוין פֿון לאַנג אַ משא-ומתן מיט אַ ייד פֿון אורוגוויי, אַ ליבהאָבער פֿון יידיש, יענער זאָל אַרײַנשרײַבן אין זײַן צוואה דאָלאַרן פֿאַרן בוך.

„ער איז שוין אַלט צוויי און נײַנציק יאָר!" האָט שלום קעזמאַן אַרײַנ-געשריגן אין טרײַבל אַרײַן. וועגן דעם אורוגווייערס צוואה האָב איך גע-הערט ווען יענער איז נאָך געווען אַ ביסל יונגער. נײַן און אַכציק. אַלע מאָל ווען קעזלאַנד האָט מיר געקלונגען זענען זײַנע שאלות און מײַנע תשובות געווען די זעלבע: וואָס איז דער נאָמען, לענג פֿון ראָמאַן וויפֿל זײַטן האַלט ער. בלויז די עלטער פֿון אורוגווייער תושב האָט זיך געענדערט פֿון יאָר צו יאָר. געוואָרן נײַנציק. איין און נײַנציק. צוויי און נײַנציק.

איידער יענער איז געוואָרן דרײַ און נײַנציק בין איך אַרײַנגעפֿאָרן קיין תל-אביב זיך אַ שטעל טאָן פּנים צו פּנים מיט שלום קעזלאַנד און אים זאָגן אַז מען דאַרף נישט מער. דער כתב-יד איז בײַ מיר. אַ שאָד דאָס געלט אויף טעלעפֿאָנען. אַ שאָד אויך דאָלאַרן אויף צו דרוקן אַ בוך אין

יידיש. ס׳זענען דאָך נישטאָ מער קיין לייענער. און פֿאַרוואָס זאָל איך עפּעס וואַרטן אויפֿן טויט פֿון אַ ייִד וואָס האָט ליב יידיש. זאָל ער ווײַטער לעבן אין אורוגוויי ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

ווײַל יענער ליבהאָבער איבערן גרויסן ים איז מיר אַרײַן אין קאָפּ און איך האָב אים נישט געקענט אַרויסטרײַבן פֿון געדאַנק. אין דער פֿרי ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף. אין מיטן דער אַרבעט. פֿאַרנדיק אין אויטאָבוס. איך האָב אָנגעהויבן רעדן מיט אים. איך האָב אים געפֿרעגט וואָס וועט זײַן? אויף וואָס וואַרט מען? און צי די דאָלאַרן זענען שוין אין זײַן צוואה? ס׳האָבן מיר אָנגעהויבן באַפֿאַלן ספֿקות צי ס׳איז גאָר פֿאַראַן אַזאַ איינער אין יענעם לאַנד. קען זײַן אַז שלום קעזלאַנד האָט אים אויסגעטראַכט. קעזלאַנד האָט ווײַסע האָר, פֿעטע ליפּן, ער קושט זיך הויך און רעדט שטיל. ער איז אפֿשר מסוגל צו טאָן אַזאַ זאַך.

איך האָב אים אָנגעטראָפֿן אויף אַ גאַס אין תל-אביב. איך בין געווען אויפֿן וועג צום פֿאַרלאַג און קעזלאַנד איז געשטאַנען אין אַ ריי און געוואַרט אויף אַן אויטאָבוס. ער האָט געפּאָכעט צו מיר איך זאָל שנעלער אונטערלויפֿן איידער דער אויטאָבוס קומט אָן. לויפֿנדיק האָב איך געטראַכט אַז דאָס מאָל וועל איך אים זאָגן: גענוג. גענוג מיט טעלעפֿאָנען. אַז איך וויל נישט מער טראָגן קיין כעס נישט אויפֿן פֿאַרלאַג אין תל-אביב און נישט אויפֿן ייִד אין אורוגוויי.

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. קעזלאַנד האָט מיך געקושט האָב איך צוריק געקושט. הויך און רעשיק אַזוי ווי ער. אַרומגענומענע האָבן מיר זיך גערוקט פֿאַרויס צום אויטאָבוס ווײַל פֿון הינטער אונדז האָט מען געשטופּט. ווען ער איז אַרײַן אינעווייניק האָט ער פֿאַרראָכטן די היטל אויפֿן קאָפּ וואָס האָט זיך פֿאַררוקט אָן אַ זײַט און געפֿרעגט אויפֿן נאָמען פֿון מײַן ראָמאַן:

"דער זאַמלער", האָב איך אויסגערופֿן.

"און וויפֿל זײַטלעך פֿאַרמאָגט ער?" האָט ער אַרויסגעפֿרעגט פֿון אויטאָבוס.

"דרײַ הונדערט!" האָב איך אַרײַנגעשריגן אינעווייניק.

דער אויטאָבוס האָט זיך אַ ריר געטאָן פֿון אָרט, אָבער קעזלאַנד האָט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אַרויסגעשטעקט אַ האַנט מיט אַ האַלבן קאָפּ און געשריגן קלאָר אָבער זייער שטיל:

"דרײַ און נײַנציק יאָר! געדולד, יאָסל, האָב געדולד!"

# דאַרווין איז נישט גערעכט

אין דער וואָר פֿון ביכער-יריד האָב איך זיך אַרומגעדרייט צווישן די טישן אָנגעלייגט מיט ספֿרים און זיך אָנגעטראָפֿן אויף איינעם פֿון די פּאַרקויפֿער, אַן עלטערער בחור פֿון רומעניע, וואָס אַ מאָל איז אונדז אויסגעקומען דינען צוזאַמען עטלעכע וואָכן אין דער רעזערוו-אַרמיי. אין איינעם אַ טאָג איז ער אַראָפּ פֿון זײַן פֿעלדבעטל און צוקומענדיק צו מיר געפֿרעגט צי איך רעכן טאַקע אויסלייענען דאָס גאַנצע בוך מיט וועלכן איך טראָג זיך שוין אַרום, האָט ער באַמערקט אַ שפּאָר ביסל טעג. ס׳איז אים געווען טשיקאַווע דאָס צו וויסן ווײַל אים אַליין איז ביז איצט נישט אויסגעקומען זיך אָנטרעפֿן אויף אַ מענטש וואָס לייענט און לייענט אַ בוך און עס נעמט נישט קיין סוף צום לייענען. איך האָב אים געגעבן דאָס בוך, האָט ער עס געוויגן אין זײַנע הענט און נישט געגלויבט אַז עס געפֿינט זיך אויף דער וועלט אַ בר-דעת וואָס זאָל האָבן דאָס געדולד אָנצושרײַבן אַזוי פֿיל ווערטער. אפֿשר אַנדערהאַלבן קילאָ.

גאַנץ פּאַמעלעך האָט ער איבערגעלייענט דעם מחבר פֿון ווערק: טשאַרלז דאַרווין, און נישט פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס ס׳איז דאָ אַזוי פֿיל צו שרײַבן.

„אַז מענטשן שטאַמען פֿון מאַלפּעס״, האָב איך זיך אָנגערופֿן.

ס׳האָט אים געקלינגען ווי אַ פֿריש געבאַקענער וויץ. צו וואָס אַ גע-לערנטער גוי קען זיך דערטראַכטן, דאָרט אין ענגלאַנד. אין רומעניע, דאָרט ווי ער אַליין איז געבוירן געוואָרן, אַ קליין פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל, האָט מען וועגן דעם נישט געהערט רעדן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט רחמנות. ווײַל איך האָב אים אויסגעזען צו זײַן אַ גאַנץ ערנסטער חברה-מאַן און נאָדיר פּלוצלינג, פּטרן צײַט אויף גאָר אַזעלכע נאַרישקייטן.

„אויך יידן?״ האָט ער געפֿרעגט.

גויים, מילא, וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען.

ער האָט מיר צוריק געגעבן דאָס בוך גאַנץ אַנטוישט און אויך אין מיר איז ער געבליבן אַן אַנטוישטער. זײַן עצה איז געווען אַז מען זאָל פֿון אונדזער איצטיקן שמועס נישט מאַכן קיין רעש. זאָל עס פֿאַרגעסן ווערן צווישן אונדז ביידן. גוט וואָס די אַנדערע זעלנער זענען אין צריך נישט

געוועז. באַלד וועלן זיי צוריק קומען פֿון דער שמירה, און דאָס האָט נאָך געפֿעלט זיי זאָלן הערן וואָס מען האָט גערעדט.

„זיי וועלן לאַכן פֿון דיר", האָט ער געזאָגט.

אָבער ער איז נישט געבליבן רואיק. געבלאָזן. געאָטעמט. געווישט די פֿײַכט געוואָרענע וואַנצעס זײַנע וואָס האָבן זיך מיט אַ מאָל געטאָן אַ שטעל אויף. ער האָט אַ גיי געטאָן צום דרויסן אַרויס, זיך פֿאַרהאַלטן און געפֿרעגט:

„און חוה? אונדזער שיינע מוטער חוה פֿון דער תורה? אויך זי?"

דורך דער אָפֿענער טיר פֿון צריף האָב איך אים געזען אָפּגיין מיטן שמאָלן שטעגל ביז ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער. מיר זענען קוואַטירט געווען אין ביריה, אַ פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל צווישן די הויכע בערג פֿון גליל, איבער צפֿת. דער אויסבליק דורך דער אָפֿענער טיר האָט זיך אַוועקגעצויגן גאַנץ ווײַט, גרין און גרוי מיט פֿלעקן און טרוקענע רוקנס פֿון בערג.

איך האָב פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. די שטילקייט האָט אויסגעזען צו קומען פֿון גאָר ווײַט. באַלד איז אויך דער זעלנער אָנגעקומען מיטן שמאָלן שטעגל. ער איז נישט געווען אַליין. נאָך אַ זעלנער האָט אים באַגלייט. ער איז געבליבן אין דרויסן און בלויז דער רומענער איז אַרײַנגעקומען אין צריף. ער האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און געוואָלט וויסן צי איך האַלט זיך נאָך אַלץ בײַ מײַנס. ס'האָט זיך אָנגעזען אויף אים אַז ער האָט עס נישט געטאָן מיט גרויס חשק אָבער עס איז אים נישט געבליבן קיין ברירה, האָט ער אַרײַנגערופֿן דעם אַנדערן זעלנער, דוד הכהן, און די אויספֿאָרשונג האָט זיך אָנגעהויבן. פֿון וואַנען ער שטאַמט, צי זײַן נאָמען איז בלויז אַ נאָמען אָדער ער איז טאַקע אַן אמתער כהן. פֿון וואַנען ער ווייסט דאָס, פֿון טאַטן, און דער טאַטע פֿון זיידן, דער זיידע פֿון עלטערזיידן און אַזוי זענען זיי אַריבער פֿון דור צו דור ביז זיי זענען דערגאַנגען צו די ערשטע אָבות.

דערווײַל איז געקומען מײַן ריי איך זאָל אַרויס אויף שמירה. ווען איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון פֿעלדבעטל און גענומען מײַן מאַנטל, האָט דער זעלנער מיך פֿאַרהאַלטן איך זאָל אונטערוואַרטן ביזן סוף פֿון דער אויס-פֿאָרשונג. ער האָט זיך געשטעלט אין דער טיר און מיר נאָכגעשריגן, ווען איך בין שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען מיטן שטעגל אַ שטיק וועג, אַז יידן, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, שטאַמען נישט פֿון מאַלפּעס:

„פֿון כהנים! כהנים!"

# אַ נייע לאַטע

ס'טרעפֿט אַז איך שמועס זיך אַ מאָל אַדורך מיט אַ מענטש וואָס איז שוין פֿון לאַנג נישטאָ. איך האָב געבעטן אברהם רייזענען ער זאָל מיר אויסבאַרגן זיַין קורצע מעשה וועגן דעם קליינעם חדר-ייִנגל מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַ הונדערט יאָר צוריק אין זיַין שטעטל אין רוסלאַנד.

"יאַנקעלע", האָט ער געהייסן, און אַזוי האָב איך אים גערופֿן דעם לעצטן חג-העצמאות אינעם גאָרטן פֿון די גלעקער, ירושלים. גאָר הויך איבער די קעפּ פֿון פֿאַרזאַמלטן עולם האָט געפֿלאַטערט אונדזער פֿאָן אויף אַ דינעם שטעקן אין די הענט פֿון אַ ייִנגל לעבן מיר, נישט העכער פֿאַר מיַינע קני.

"וואָס עפּעס אַזוי הויך?" האָב איך אים געפֿרעגט.

"מע זאָל מיך זען", האָט יאַנקעלע געענטפֿערט.

אויך אברהם רייזענס יאַנקעלע האָט געוואָלט מען זאָל אויף אים קוקן. ס'איז געווען ערב פּסח און רייַזען איז אַרויס פֿאַרנאַכט פֿון שטוב אַ קוק טאָן אויפֿן דרויסן און חלומען פֿון דעם טאָג ווען ער וועט ווערן באַרימט אויף דער וועלט. דערוויַיל האָט ער זיך צוגעהערט ווי קליינע קינדער האָבן זיך באַרימט אין גאַס, יעדעס מיט עפּעס אַ ניַי בגד אויף יום-טוב.

אַ העמדל. שיך. אַ היטל. אַ קליין מיידל האָט אויפֿגעשפּיליעט די הויזן פֿון אירס אַ קלענער ברודערל און אַרויסגעצויגן זיַינע ניַיע ציצית פֿון טלית-קטן. יאַנקעלע האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַרימען איז ער אַהיימגעלאָפֿן וויינען.

אָט די מעשה האָב איך נישט לאַנג צוריק איבערגעלייענט שטייענדיק אויף אַ לייטער אינעם גאָר נידעריקסטן קעלער פֿון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים. אויף דער הויכער פּאָליצע זענען געשטאַנען רייַזענס פּופּצן דיקע בענד און אַ קליין ביכעלע, פּערצן זיַיטלעך אין העברעיש, איז זיך געשטאַנען אָנגעלענט שוואַכלעך אינעם לעצטן באַנד. ווען איך האָב עס געעפֿנט האָבן די גרויסע אותיות אויפֿן געלבלעכן פּאַפּיר אַ לייַכט געטאָן פֿאַר די אויגן.

יאַנקעלע, האָט זיך דערציילט אין דער מעשה, האָט זיך אויך געוואָלט

באַוויַיזן מיט עפּעס אַ נייַעם בגד אָבער די מאַמע האָט אים נישט געהאַט מיט וואָס צו באַנייַען אויף יום-טוב. זי האָט באַמערקט אין זיַין הויז אַ ריס ביַי דער קני האָט זי פֿאַרנייט די לאָך מיט אַ רויט שטיקל ליַיוונט.

ס׳איז שוין געווען פֿינצטער ווען יאַנקעלע איז צוריק אַרויס אין דרויסן. די אַנדערע קינדער זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען און בלויז ריַיזען איז נאָך געשטאַנען לעבן זיַין טויער, האָט יאַנקעלע אויפֿגעהויבן אַ פֿוס צו וויַיזן אַז ער האָט אויך מיט וואָס זיך צו באַרימען. אַזוי ווי דאָס יינגל לעבן מיר אין לעצטן חג-העצמאות, מיט דער פֿאָן אויפֿן לאַנגן שטעקן, האָט אויך ריַיזענס יאַנקעלע געוואָלט מען זאָל אים זען, און זיַין רוף גייט מיר נאָך אַלע יאָרן:

„און איך האָב אַ נייַע לאַטע!״

# די מלכה איז נאַקעט

אין מײַנע אויגן איז דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָטוס פֿאַרבליבן אַ מעשה-דערציילער. ער האָט נישט איין מאָל אָפּגעשטעלט די מלחמה וואָס ער האָט באַשריבן אין זײַנע ביכער און דערציילט אַ מעשה-שהיה.

איין מאָל אין מצרים, שטייענדיק לעבן אַ גרויסער פּיראַמידע האָט ער באַמערקט אַ גאָר קליין פּיראַמידעלע דערלעבן, אין אַ זײַט. האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט און מ'האָט אים דערקלערט אַז דאָס האָט זיך אויפֿגעבויט פּרעהס אַ טאָכטער. די פּרינצעסין האָט געזען אַז איר טאַטע בויט פֿאַר זיך אַ גראַנדיעזע זאַך, האָט זי אים געוואָלט נאָכטאָן. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין געלט איז זי אַרויס אין דרויסן און געוואָרן אַ זונה. איר שכר — שטיינער. ווער עס איז געקומען צו איר האָט מיטגעבראַכט אַ גרויסן פּירקאַנטיקן געהאַקטן שטיין. פֿאַרוואָס די פּיראַמידע איז געבליבן אַזוי קליין? קיין סך זענען נישט געקומען.

ווען איך האָב די וואָך אַ שמועס געטאָן מיט מײַן חבר דעם שרײַבער חיים באָר, האָט ער מיר געפֿרעגט פֿאַרוואָס איך דערצייל נישט עפּעס מער וועגן דעם גריך.

„דערציילן וועגן העראָדאָטוס?"

ער האָט אַליין געקענט די מלאכה. אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך אַרומ-געטראָגן מיט אַ חשק צו הערן און צו דערציילן. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין פּסוק. אַפֿילו ווען ער האָט זיך געאײַלט און ס'איז אים נישט געבליבן קיין צײַט האָט ער פֿאַרט עפּעס אַרײַנגעכאַפּט. אַזוי האָט ער איין מאָל אין איין פּסוק אָפּגעשילדערט אַ גאַנץ פֿאָלק אין דער אַמאָליקער אינדיע — אַ מדינה די גרייס פֿון אַ דרײַ חדשים גאַנג צו פֿוס: אַז די דאָרטיקע מענער און ווײַבער גאָלן זייערע קעפּ, פֿאָרן זיך אין די גאַסן, און טאָמער כאַפּט ווער אַ וואַנץ אויף זײַנע לאַנגע קליידער צאָלט ער אים אָפּ ביס פֿאַר ביס.

העראָדאָטוס האָט אויך געוווּסט ווי אַזוי צו באַפּעפּערן אַ מעשה וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין די אַמאָליקע צײַטן. מען זאָל אויך איצט וועלן וויסן וואָס עס איז געשען. דרײַ טויזנט יאָר שפּעטער האָב איך נאָך אַלץ געוואָלט וויסן וואָס עס איז געוואָרן פֿון דעם אָפֿיציר וואָס האָט שפּעט בײַ נאַכט

זיך אַרײַנגעגנבעט אינעם קעניגליכן שלאָפֿצימער און געכאַפּט אַ קוק אויף דער מלכּה — הויל נאַקעט. ער איז געװען דער שומר-ראש פֿון דעם מלך און ער האָט גאָרנישט געװאָלט אָפּטאָן אַזאַ מעשה, אָבער דער מלך האָט געבעטן איז דעם שומר-ראש קײן ברירה נישט געבליבן.

דער מלך, דערצײלט העראָדאָטוס, איז פֿאַרכאַפּט געװאָרן פֿון אַ גװאַל-דיקער ליבע צו זײַן מלכּה, און ער האָט געצװוּנגען גײַגיסן זײַן שומר-ראָש, קומען אַ קוק טאָן און זיך איבערצײַגן, אַז קײן שענערע פֿאַר איר איז גאָר אויף דער װעלט נישט פֿאַראַן. דער אָפֿיציר האָט זיך געבעטן רחמים. ער האָט זיך געשװוירן אַז ער גלויבט דעם מלך אויפֿן װאָרט און חלילה ער זאָל טאָן אַזאַ זאַך. ער האָט צוגעגעבן אַז זי איז טאַקע די שענסטע אויף דער װעלט און ס׳איז נישט נויטיק צו קוקן. זיך צוקוקן װי די מלכּה טוט אויס אירע קלײדער און גײט אַ נאַקעטע צום קעניגס בעט? נײן, און נאָך אַ מאָל נײן. אָבער דער מלך האָט זיך אײַנגעשפּאַרט.

אויף צו מאָרגנס האָט די מלכּה פֿאַרבעטן גײַגיסן אויף אַ סעודה און דאָרטן אים געשטעלט פֿאַר אַ ברירה: אָדער-אָדער. זאָל ער טײטן דעם קעניג און ירשענען זײַן מלוכה מיט דער מלכּה צוזאַמען אָדער ער אַלײן װעט געטײט װערן. אַװדאי האָט זי באַמערקט, אַז ער האָט זיך באַהאַלטן אין דער נאַכט הינטער אַ שטול און זיך צוגעקוקט װאָס עס קומט פֿאָר. איצט קען שוין דאָס לעבן נישט בלײַבן אַזױ װי פֿריער.

מיט דער דאָזיקער מעשה הױבט אָן הערָאדאָטוס זײַן געשיכטע פֿון דער לאַנגער מלחמה צװישן צװײ פֿעלקער פֿון די אור-אַלטע צײַטן: פּערסיע און גריכנלאַנד, און ער זאָגט אויך אויס װאָס דער אָפֿיציר גײַגיס האָט אויסגעקליבן צו טאָן.

# ט. געלט ענינים

דאָס לעצטע וואָרט

דער נדבן

עליות און ירידות

האָפֿנונג

דאָס אייביקע לעבן

אַמביציע

אַ שיינע האַנטשריפֿט

דער טעות אין חשבון

גאָלד

# דאָס לעצטע וואָרט

ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, פֿונדעסטוועגן בין איך נישט געשטאַנען איינער אַליין לעבן דער באַנק אויף בן-יהודה גאַס, ירושלים. דער גאַסן-קערער, אַ וואַלענע היטל אויף זײַן קאָפּ, האָט דורכגעצויגן דעם שטעקן פֿון זײַן בעזעם דורכן אויער פֿון מיסט-קײַשל, און עס נאָכגעשלעפּט הינטער זיך ווי אַ הונט, ביז צום פֿענצטער פֿון דער באַנק. דאָרט זענען געווען אויסגעשטעלט, אינעם שוואַכן ליכט פֿון באַנאַכטיקן לעמפּל, די לעצטע רעזולטאַטן פֿון דעם מסחר מיט אַקציעס אויף דער בערזע אין תל-אביב.

דער קוק וואָס ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף מיר איבער זײַן אַקסל, איידער ער האָט זיך גענומען צום לייענען, איז נישט געווען איבעריק פֿרײַנטלעך. דער קאַלטער רמז איז געווען קלאָר: בעסער וואָלט געווען איך זאָל זיך אָפּרוקן פֿון דאַנען. איך זאָל זיך אינגאַנצן אָפּטראָגן פֿון אָרט, אים איבערגעבן מײַן פּלאַץ, ער זאָל זיך קענען מתייחד זײַן אומגעשטערט מיט די עליות און די ירידות פֿון די פּאַפּירן. און אַז איך האָב עס נישט געטאָן, האָט ער מיך מבטל געמאַכט מיט אַ צי פֿון דער נאָז און זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם געשריפֿט.

ער האָט געלייענט מיט די ליפּן. דינע און איידעלע ליפּן. איך האָב געוואָרט ער זאָל מאַכן אַן הפסקה ווּעל איך אים דערציילן אַז איך בין אויך געווען לאַנגע יאָרן אַרײַנגעטאָן אין דעם האַנדל מיט אַקציעס. אַז איך האָב אַ מאָל געאַרבעט אין אַ באַנק און פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת געאָטעמט די אָנגעצויגענע לופֿט אויף דער בערזע. נאָך מײַן חתונה האָט אויך מײַן ווײַב געאָטעמט די זעלבע לופֿט. מיט מיר איז געשען נאָך מער. איך האָב נישט געקענט אָטעמען און די בערזע איז נישט אַרויס פֿון מײַן קאָפּ. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט איין מאָל אין אַ באַגינען און געשפּירט אַז איך שטאַרב אַוועק. אַ ווייטיק אין די ביינער. דער האַלדז — געשוואָלן. דער קאָפּ האָט געברענט. פֿערציק גראַד היץ.

איך האָב געקלונגען נאָך אַ דאָקטער?

וואָס עפּעס?

אין באַנק אַרײַן.

מען האָט קוים געהערט וואָס איך האָב אַרײַנגערעדט אין טרײַבל אַרײַן. אָבער מײַנע אַקציעס זענען אַרויף און איך בין אַוועקגעפֿאַלן אַ פֿאַר־חלשטער מיט פֿרייד.

איין מאָל האָט אונדזערס אַ קליענט געהערט אַז זײַנע אַקציעס האָבן זיך געהויבן האָט ער זיך צעלאַכט און געשטאָרבן.

איך בין געפֿאָרן אים מבקר חולה זײַן אין הדסה שפּיטאָל, עין כּרם, ירושלים. ער האָט שוין געהאַלטן גאַנץ שמאָל און ווען די משפּחה אַרום זײַן בעט האָט מיך דערזען, האָבן זיי געוווּנקען איך זאָל זיך דערנענטערן צום בעט און איינער פֿון זיי האָט זיך אָנגעבויגן און אַרײַנגערעדט אינעם אויער פֿון קראַנקן גביר:

"טאַטע, אדון יוסף פֿון באַנק איז געקומען דיך זען!"

און דער קראַנקער, וואָס צו שאַצן לויט די בליקן פֿון די אַרומיקע, איז שוין געווען ווײַט אַוועק פֿון דער וועלט, האָט פּלוצלינג אויפֿגעוואַכט, זיך אָנגעשטרענגט זיך איבערצודרייען פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער, אויפֿגעהויבן אַ נאַקעטן פּוס און געפֿרעגט מיט אַ קול דין און צעצויגן ווי מען וויינט אין אַ חלום:

"אדון יוסף, וואָס הערט זיך עפּעס מיט מײַנע אַקציעס?"

נאָך דעם ווי איך האָב אים געענטפֿערט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם נאַקעטן פּוס און געשטאָרבן.

דאָס אַלץ און נאָך עפּעס וואָלט איך דערציילט דעם גאַסן־קערער, ווען ער וואָלט מיך מזכּה געווען מיט אַ בליק. אָבער ער איז געווען אַרײַנגעטאָן אין פֿאַרגלײַכן די פּרײַזן פֿון די אַקציעס. זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אָן אַ קול ווי בײַ אַ שטילער תּפֿילה. צום סוף האָט ער אַ צי געטאָן דעם שטעקן פֿון זײַן בעזעם, דאָס מיסטקיישל — נאָך זיך, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער נאַכט אַרײַן.

איך בין נאָך אונטערגעשטאַנען אַ ביסל לעבן דעם באַלויכטענעם פֿענצטער, און דערציילט דעם אַוועקגעגאַנגענעם גאַסן קערער וועגן דעם בריוו וואָס איך האָב דעמאָלט באַקומען פֿון דעם נפֿטרס משפּחה. מען האָט מיר געדאַנקט פֿאַרן וויזיט און מען איז געווען צופֿרידן מיט מײַנע ווערטער וואָס האָבן באַגלייט זייער טאַטן פֿון דער וועלט אויף יענער וועלט. איך האָב אים דעמאָלט געענטפֿערט:

"טוב מאוד, טוב מאוד!"

# דער נדבן

אין קרית טבעון האָב איך געקענט אַ ייִד פֿון אַמעריקע וואָס האָט מנדב געווען פֿאַרן קרן היסוד אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַרן. ער האָט מיך פֿאַרבעטן צו דער מסיבה וואָס מען האָט אָפּגעריכט לכבוד אים אויף אַ פֿעלד. אויף אַ באַרג צווישן טאָלן וועט מען אויפֿבויען מיט זײַן הילף אַ נײַעם ישוב. מען איז אָנגעקומען אַהין מיט פּריוואַטע מאַשינען, מיט אויטאָבוסן און מ׳איז אויך געגאַנגען צו פֿוס. אויף אַ לאַסט-וואָגן האָט מען געבראַכט צופֿירן פֿעלד-טישן, בענק, אַ פֿאַרטיקן מיטאָג אײַנגעוויקלט אין זילבער-פּאַפּיר, אויך כלים צום עסן געמאַכט פֿון פּלאַסטיק.

ס׳איז געווען אַן אָנגענעמער טומל אויף דער פֿרישער לופֿט. מען האָט זיך געדריקט די הענט, אַנדערע האָבן געקושט דעם נדבנס ווײַב. איינער האָט זיך געמאַכט תמימותדיק און געוואָלט וויסן ווי מען שפּירט זיך ווען מען שיידט זיך אָפּ פֿון אַזאַ גרויסע סומע געלט. איך אַליין וואָלט אפֿשר אויך געפֿרעגט דאָס זעלבע. ווי אַזוי ציילט מען עס? בײַ טאַטע מאַמע אין שטוב האָט מען געציילט איטלעכע פּרוטה. מײַנס אַ מומע, אָרעמער פֿאַר אונדז האָט געציילט איטלעכע פּרוטה צוויי מאָל.

איך האָב זיך געהאַלטן נאָענט לעבן נדבן. ער האָט צוגעזאָגט רעדן וועגן דעם אין זײַן רעדע. בײַם טיש בין איך געזעסן לעבן זײַן ווײַב. זי האָט אויסגעזען לײַכט און לופֿטיק מיט אַ טורעם האָר אויף איר קאָפּ, ווײַס געפֿאַרבט אויף בלוי. ער האָט זיך באַוועגט שווערלער. צעוואַקסענע ברעמען, דיקע ליפּן, אַ ציגאַר.

דאָס גיין אויפֿן פֿעלד, די באַרגיקע לופֿט האָט פֿאַרשאַרפֿט דעם אַפּעטיט. איידער מען האָט מברך געווען דעם בעל-מסיבה האָט מען געמאַכט אַ ברכה איבערן עסן. ס׳איז מיר אַ שאָד געווען אַרויסוואַרפֿן נאָכן עסן דאָס פּלאַסטישע געשיר: לעפֿל-גאָפּל-מעסער. אויך דעם נדבנס ווײַב, האָב איך באַמערקט, האָט געשפּירט דאָס זעלבע און זי האָט עס אַרײַנ-געלייגט אין איר בײַטל. איך וואָלט איר נאָכגעטאָן. אפֿשר באַפּוצן מיט דעם עפּעס אין שטוב. מײַן אָרעמע מומע, די וועלכע פֿלעגט ציילן איטלעכע פּרוטה צוויי מאָל, פֿלעגט זאַמלען ליידיקע פּושקעס פֿון סאַרדינען. זי האָט

גערייניקט און געריבן דאָס בלעך ס׳זאָל שײַנען און נאָך דעם אויפֿגעבויט פֿון די פּושקעס, איבער דעם משופּעדיקן װענטל פֿון קוימען איבער איר קיך, אויסגעפּוצטע פּיראַמידעס.

װען דער נדבן האָט דערלאַנגט זײַן װײַב אויך זײַן אייגן געשיר, האָב איך איר געשענקט אויך מײַנס. איך האָב איר אויך צוגערוקט אַ מעסער מיט אַ גאָפּל — מײַן שכנס פֿון דער לינקער זײַט. ער האָט געװאָרפֿן אויף מיר, דער שכן, אַ בייזן בליק, מחמת ער האָט געהאַלטן אינמיטן עסן.

ביז דער נדבן האָט אָנגעהויבן רעדן האָב איך באַװיזן אַ שאַר טאָן צו זײַן װײַב לעפֿל און גאָפּלען אויך פֿון װײַטערע שכנים. דער נדבן האָט געװאָרפֿן מיט די הענט בעתן רעדן. פּלוצלינג האָט ער אַ שמיץ געטאָן דעם אָנגעשטאָפּטן בײַטל פֿון זײַן װײַב. דאָס שלעסל האָט זיך געעפֿנט און דאָס געשיר האָט זיך פֿון דאָרטן אַרויסגעשאָטן מיט אַ טרוקענעם אָפּקלאַנג. איך האָב זיך נישט צעמישט. אַלץ צונויפֿגעזאַמלט. אויך דאָס װאָס איז אַראָפּגעפֿאַלן הינטערן טיש. און נאָך דעם האָב איך זיך צוריק געזעצט אויף מײַן פּלאַץ, הערן װאָס דער נדבן האָט צו זאָגן װי מען שפּירט זיך װען מען שיידט זיך אָפּ פֿון אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַרן.

# עליות און ירידות

פּנחסיק דער קצב איז געקומען צו אונדז אין באַנק אַרײַן קויפֿן אַקציעס און פֿאַרלירן געלט. ער האָט אונדז אויסגעזאָגט די סיבה. זײַן ווײַב. זי איז אַנטלאָפֿן מיט אַ געליבטן און איבערגעלאָזט אין דער יאַטקע די שוויגער. די שוויגער וועט שוין אָנזאָגן דער טאָכטער וועגן די אבידות אויף דער בערזע. ס׳ווײַב וועט הערן אַז דאָס פֿאַרמעגן גייט פֿאַרלוירן וועט זי אַוועקוואַרפֿן די ליבע און צוריקקומען צו די געשאָכטענע עופֿות.

אָבער פּנחסיקס אַקציעס האָבן זיך גאָר געהויבן און ער האָט פֿאַרדינט אַ סך געלט. ער האָט זיך געפֿריידט און זיך אויך געערגערט. ער איז דאָך נישט געקומען צו אונדז אָנטאָן זײַן ווײַב הנאהס. מײַן עצה איז געווען ער זאָל ווײַטער האַנדלען און ער וועט סוף-סוף אָנהויבן פֿאַרלירן. ער האָט אײַנגעקויפֿט פּאַפּירן וואָס זייער קורס איז געשטאַנען זייער הויך אָבער זייער ווערט איז געווען זייער קליין. אַקציעס — פּוסטע חלומות.

מיר האָבן זיך צעשמועסט וועגן דעם בעת איך בין איין מאָל געקומען צו אים קויפֿן אַ געשאָכטענע הון. דאָרט האָב איך געזען די שוויגער. זי איז געווען קליין ווי אַ הינדל און זי איז נישט אײַנגעשטאַנען אויף אַן אָרט אין דער יאַטקע. דאָס האָט פּנחסיק אַזוי איר אַרומגעשיקט זי זאָל אים נישט שטיין פֿאַר די אויגן. ער האָט זי געשיקט אויף רעכטס און אויף לינקס, ער זאָל נישט דאַרפֿן קוקן אויף איר. ווען איך בין אַרײַנגעקומען האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, זי זאָל הערן, וויפֿל געלט ער האָט שוין פֿאַרלוירן. באַלד וועט זײַן ווײַב קומען צו לויפֿן מיט איר צונג אין דרויסן.

גאַנץ צופֿרידן האָט ער געהאַלטן די געשאָכטענע הון איבערן פֿלעמל פֿון אַ ספּירט-מאַשינקע. ער האָט אָפּגעברענט די בלויע שטעקעלער-פֿעדערן וואָס זענען פֿאַרבליבן אויפֿן עוף.

„ס׳זאָל ווערן גלאַטיק", האָט ער געזאָגט.

אויך זײַן פּנים איז געווען בלוילער גלאַטיק, ווי דורכגעברענט פֿון זעלבן פֿלעמל.

ער האָט אײַנגעפּאַקט די הון, אַוועקגעשיקט די שוויגער הינטער זיך, און

מיר נאָכגעשריגן ווען איך בין אַרויס פֿון געשעפֿט, איך זאָל אים קלינגען ווען די אַקציעס וועלן פֿאַלן.

אָבער די אַקציעס האָבן זיך געהויבן. זייער ווערט האָט זיך פֿאַרטאָפּלט און פֿאַרדרייפֿאַכט. פּנחסיק האָט אַלץ פֿאַרקויפֿט און מער נישט געוואָלט הערן פֿון דער בערזע. זײַן ווײַב האָט געהערט אַז ער איז פּלוצלינג געוואָרן באַגליקט האָט זי פֿאַרלאָזט איר געליבטן און געקומען צו לויפֿן אַ היים. זי האָט אַנטדעקט אַ געהיימען כוח אין פּנחסיקן. אַלץ וואָס ער האָט געקויפֿט אויף דער בערזע האָט זיך געהויבן און ערשט נאָך דעם ווי ער האָט די אַקציעס פֿאַרקויפֿט, זענען זיי געפֿאַלן אין ווערט. ס'איז געווען פֿאַר איר אַ סימן אַז עס שטעקט אין אים אַ זעקסטער חוש צו מאַכן גוטע געשעפֿטן אויף דער בערזע. האָט זי אָנגערעדט איר מאַן זיי זאָלן פֿאַרקויפֿן די יאַטקע און לעבן פֿון רווחים. נאָך וואָס געשאָכטענע הינער, האָט זי געטענהט, ווען די בערזע לייגט גאָלדענע אייער. ביידע זענען זיי געקומען צו אונדז אין באַנק אַרײַן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָר גרויסער האַנדל.

אינעם לעצטן בראָך אויף דער בערזע האָב איך זיי געטראָפֿן שטיין בײַ די טויערן פֿון פּאַסאַזש, אויף רחוב אַלענבי אין תל-אביב. ער און זײַן ווײַב און אויך זײַן שוויגער האָבן געהאַלטן פּלאַקאַטן און גערופֿן דער הסתדרות זי זאָל זיך אָננעמען פֿאַר דער עוולה וואָס ווערט אָפּגעטאָן אין לאַנד. זיי האָבן אויך געשריגן אַז די רעגירונג טויג נישט. זיי זענען נישט געווען די איינציקע. נאָך גרופּעס זענען דאָרטן געשטאַנען און פֿון מאָל צו מאָל האָט ווער גערופֿן אַז מען טאָר נישט פֿאַרקויפֿן געפֿאַלענע אַקציעס:

„ניין! ניין!“

# האָפֿנונג

איין מאָל האָט אין באַנק זיך באַוויזן פֿאַר מיר אליהו הנביא, נישט ווי אַ פּשוטער ייד נאָר ווי אַ הלוואה-צעטל אויף צו געווינען געלט. געבראַכט האָט עס אַ בייזער בייגל-פֿאַרקויפֿער אין דעם זעלבן טאָג, נאָך אַזאַ ענלעך צעטל, האָט געבראַכט צו מיר אַן אַלמנה אין באַבלימטע קליידער.

דער בייגל-פֿאַרקויפֿער איז געווען אין כעס אויף דער מדינה הלמאי מיט פֿינעף און צוואָנציק יאָר צוריק האָט מען מיט גוואַלד אַרויסגענומען פֿון זײַן באַנק-קאָנטע צוואָנציק לירות און אים געגעבן אַ בלוי צעטל וואָס האָט זיך גערופֿן "מילווה עממי נושא פרסים תשי"ד". איצט צאָלט מען אים אָפּ דעם חוב וואָס אַ מאָל איז די סומע ווערט געווען אַ מאַיאָנטעק און איצט איז עס נישט ווערט קיין איינציקן בייגל.

ער האָט זיך ווייטער באַקלאָגט און איך האָב דערווײַל געזוכט דעם נומער פֿון זײַן צעטל אין פּנקס פֿון די זכיות און דערזען אַז נאָך מיט אַ צײַט צוריק איז עס אַרויס מיטן גרויסן געווינס וואָס אַפֿילו הײַנט איז עס ווערט אַ שיינע דירה. דער בייגל-פֿאַרקויפֿער איז בלאַס געוואָרן ווען איך האָב עס אים אָנגעזאָגט און מער נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט. ער האָט אויסגעהערט מײַנע עצות וואָס צו טאָן מיטן געלט און מיר געזאָגט אַז ער וועט זיך שוין צו עפּעס דערטראַכטן. ער האָט זיך דערטראַכט צו באַהאַלטן דאָס געלט צווישן אַ טאָפּל דעקל פֿון זײַן קיישל מיט בייגל. פֿון דאָרט וועט עס די רעגירונג בײַ אים מער נישט צונעמען. ער האָט נאָך אַלץ געצאָרנט אויף דער מדינה און מיר געבראַכט נאָך אַ צעטל איך זאָל נאָכקוקן אויב עס איז אויך אַרויס מיט אַ געווינס.

ס'איז געווען די שעה ווען אויך די אַלמנה האָט געבראַכט איר צעטל. דרײַ מאָל אין יאָר, נאָך יעדער ציאונג פֿלעגט זי אַרײַנקומען אין טונקעלע קליידער נאָכקוקן אויב איר צעטל איז אַרויס מיטן געווינס. זי האָט זיך געהאַלטן צוריקגעצויגן און זי פֿלעגט שמייכלען מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים. זי האָט געדולד, האָט זי מיר געזאָגט, און אַפֿילו ווען דאָס גרויסע געווינס וועט זיך פֿאַרשפּעטיקן, וועט זי ווײַטער וואַרטן אויף דעם. זי האָט געגלויבט אַז אליהו הנביא וועט אַ מאָל אַריבערטרעטן איר שוועל.

נאָך דער לעצטער ציאונג איז זי געקומען אין באַבלימטע קליידער, אַוועקגעלייגט דאָס צעטל אויף מײַן טיש, אויסגעשטרעקט אירע הענט און זיך געהייסן געבן דאָס גרויסע געווינס. זי האָט געזען אין חלום ברענענדיקע ציפֿערן. אליהו הנביא אַליין האָט איר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה.

„אַזאַ קלאָרער חלום", האָט זי גערעדט צו זיך און מיר געבעטן איך זאָל נאָך אַ מאָל נאָכקוקן אין פּנקס פֿון די זכיות טאָמער האָב איך פֿאַרזען איר נומער. זי האָט זיך אויך דאָס מאָל נישט מייאש געווען און געזאָגט אַז זי וועט ווײַטער וואַרטן. ווען איך האָב איר דערקלערט אַז פֿון איצט אָן און ווײַטער האָט שוין דאָס וואַרטן נישט קיין טעם, ס'וועט זײַן אַן אומזיסט וואַרטעניש, ווײַל די רעגירונג לייזט אויס די צעטלען און ס'וועלן שוין מער קיין ציאונגען נישט זײַן, האָט זי אַרײַנגעלייגט דאָס צעטל אין איר טאַש און געזאָגט אַז זי וועט נישט אויפֿגעבן איר חלום נאָך אַזוי פֿיל יאָרן. זי וועט נישט פֿאַרקויפֿן איר אליהו הנביא פֿאַר צוואַנציק נעבעכדיקע לירות. די ממשלה האָט טאַקע באַשלאָסן אָבער אליהו הנביא שטייט איבער אַלע ממשלות.

„מען קען גאָרנישט וויסן", האָט זי אַ זאָג געטאָן צו מיר און אויך צום בייזן צייגל-פֿאַרקויפֿער. איך האָב אים געזאָגט, אָנווײַזנדיק אויף דער אַוועקגעגאַנגענער אלמנה אַז ער מעג זיך אָפּלערנען פֿון איר אַ מוסר-השכל און נישט פֿאַרשעלטן אַזוי פֿיל די מדינה. אליהו הנביא האָט דאָך אים שוין איין מאָל אונטערגעלייגט אַן אוצר אונטער די בייגל פֿון זײַן קיישל, איז וואָס זשע וויל ער ווײַטער געוווּנען געלט?

דער בייגל-פֿאַרקויפֿער האָט זיך צעבייזערט אויך אויף מיר. ער האָט נאָכגעקרומט מײַנע רייד און זיך צעשריגן די באַנק זאָל הערן:

„אליהו הנביא! ער איז שוין בײַ מיר נישט קיין נאָווענע".

# דאָס אייביקע לעבן

אויף דער טעלעוויזיע האָב איך געזען אַ פֿילם פֿון אַמעריקע וועגן אַ מענטש וואָס האָט זיך פֿאַרזיכערט דאָס אייביקע לעבן. בין איך אַוועק אָפּזוכן מײַנס אַ פֿרײַנד, מאָריס בערקאָוויטש, וועלכער האָט געשלאָסן אַ דרײַפּאַכיקן אָפּמאַך: מיט זײַן ווײַב, מיטן 'קרן היסוד' און מיט גאָט.

אינעם פֿילם האָט זיך דערציילט וועגן אַ רײַכן קצב, וואָס גלײַך נאָך זײַן טויט האָט מען אים פֿאַרפֿרוירן ביז די וויסנשאַפֿט וועט אויסגעפֿינען אַ מיטל צום אייביקן לעבן. ווען דער טאָג וועט קומען וועט מען אים אויפֿוועקן, דערציילן אַז עס זענען דערווײַל פֿאַרבײַ אפֿשר טויזנט יאָר, און מען וועט אים זאָגן, האָסט באַצאָלט גוט געלט, טאָ גיי און לעב ווײַטער.

מיט מײַן פֿרײַנד בערקאָוויטש האָב איך זיך באַקענט נאָך אין קרית-טבעון, ווו איך האָב געאַרבעט אין אַ באַנק און ער איז געווען אונדזער קליענט. נאָך דעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונג מיידל האָט ער געגעבן דעם קרן היסוד אַ מיליאָן דאָלאַרן אויפֿצובויען אַ יתומים-הויז אין ירושלים. נאָך זײַן טויט וועט דאָס געלט ווערן אַ מתנה אָבער כל זמן ער וועט לעבן וועט עס זײַן אַ הלוואה פֿאַר וועלכן זײַן ווײַב וועט יעדן חודש באַקומען הויכע פּראָצענטער.

ווען איך האָב געפֿרעגט דעם באַאַמטן, וועלכער איז ספּעציעל אַראָפּ-געקומען קיין טבעון, דורכפֿירן דאָס געשעפֿט, ווי קען דער קרן היסוד זיך אונטערנעמען אַזאַ עסק, האָט ער מיר אָפּגעענטפֿערט מיט אַ קלוגן שמייכל אונטער זײַנע דינע וואָנצעס, איך זאָל אים זאָגן ווי לאַנג קען דאָס אַ מענטש לעבן אויף דער וועלט. מאָריס בערקאָוויטש איז שוין אַלט געווען אַכט און אַכציק יאָר.

אָבער בערקאָוויטש האָט זיך געמאַכט זײַן אייגענעם חשבון. לעבן מײַן טיש אין באַנק האָט ער אָנגעטאָן אַ קאַפּל אויף צו מאַכן אַ ברכה איבער אַ פּעניצל שאָקאָלאַד, און געזאָגט אַז אין הימל וועט מען זען וואָס ער האָט געטאָן און מען וועט אים שענקען יאָרן. אַ יתומים-הויז אין ירושלים איז נישט עפּעס אַ קלייניקייט. און וואָס שײַך זײַן יונג ווײַב, וועט זי דאָך

וועלן אַז ער זאָל לעבן לאַנג און זי וועט טאָן אַלץ ער זאָל נישט שטאַרבן. ווײַל מיט זײַן טויט וועט איר קאָנטע אין באַנק אויפֿהערן וואַקסן.

״ס׳וועט זײַן גוט״, האָט ער מיר געזאָגט. ער האָט פֿאַרגעסן אַפּווישן אַ קרישקע אויף זײַן גאָמבע און ער איז אַוועק וווינען אין ירושלים.

נאָכן זען דעם פֿילם וועגן פֿאַרפֿרוירענעם קצב, האָב איך אין רחביה אָנגעקלאַפּט אין בערקאָוויטשעס טיר. זײַן ווײַב האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אינעווייניק אין צווייטן צימער אַרײַן און געצווייפֿלט אויב ער וועט מיך דערקענען.

איך האָב אים אויך נישט דערקענט. פֿון זײַן קײַלאַכדיק פּנים איז געוואָרן אַ דרײַעק. ער איז געזעסן ווי אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ טיפֿער שטול פֿון ברוינלעכן האָלץ, איך בין אים פֿאַרבײַגעגאַנגען ער זאָל אַ ווינק טאָן מיטן ברייטן צעעפֿנטן אויג, וועט עס זײַן אַ סימן אַז ער האָט עפּעס דערזען. אין די נעכט, האָט זײַן יונג ווײַב געזאָגט, וויינט ער. אַ געיאָמער גלײַך פֿון די געדערעם אַרויס ווי פֿון אַ פֿאַרווונדעטער חיה. שוין אַוועק אַ יאָר זינט ער האָט עפּעס געזאָגט:

״ער האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט״.

# אַמביציע

ווען יהודה בראַמבערגן וואָלט איך געזאָגט אַז ער האָט זײַן קאַריערע אויף דער בערזע אָנגעהויבן אונטער דער ערד. בײַם רייניקן די קאַנאַליזאַציע האָט ער געפֿונען אַ פֿאַרעיפּושטן בויגן פּאַפּיר מיט אַ געקיצלטע שריפֿט און ער איז גלײַך פֿון דאָרט געקומען צו לויפֿן אין באַנק אַרײַן פֿרעגן וואָס דאָס איז. ער האָט געהאַט אַ חשד אַז עפּעס איז עס ווערט אָבער נישט אַז ער איז מיט אַמאָל געוואָרן אַן אייגנטימער פֿון הונדערט נאָמינאַלע למוב״ז-אַקציעס פֿון דער באַרימטער וואָלפֿסאָן-פֿירמע; אַקציעס וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַ שטענדיקן טומל מיט זייערע ירידות און עליות אויף דער בערזע אין תּל-אָביב, אָבער צו יהודה בראַמבערגן אונטער דער ערד צווישן די אָפּפּיר-רערן איז זייער קלאַנג נישט דערגאַנגען. זײַן מראה האָט זיך געביטן פֿון חידוש צו חשד, ווען איך האָב אים דאָס אַלץ דערציילט, און ער איז אַוועק אַהיים זיך איבערטראַכטן.

ס׳האָט געדויערט עטלעכע וואָכן ביז ער איז צוריק געקומען מיך אויס-פּרוּוון און זען צי ס׳איז אמת וואָס איך האָב אים געזאָגט. ער וועט פֿאַרקויפֿן די אַקציעס און שפּירן צי די באַנקנאָטן קנאַקן צווישן זײַנע פֿינגער. דאָס מאָל איז ער געווען אָפּגעגאָלט, אָנגעטאָן שבתדיק און אויך אויפֿן בויגן פּאַפּיר זענען געווען ווייניקער פֿלעקן. דורך דער צײַט איז אויך דער קורס פֿון די אַקציעס געשטיגן, זיך פֿאַרטאָפּלט אין ווערט, און ווען בראַמבערג האָט געציילט דאָס געלט האָט אַ שײַן געפֿינקלט אין זײַנע אויגן. די זאַך איז אים אַרײַן קאָפּ און ער האָט געמאַכט אַ קײַלאַכדיקן חשבון, פֿאַרגלײַכנדיק דעם רווח פֿון סך-הכּל איין חודש מיט די שכירות פֿון אַ גאַנץ יאָר וואָס ער האָט אָפּגענומען בײַם רייניקן די קאַנאַלן. אַפֿילו זײַן איינציקער צאָן וואָס האָט אויסגעזען ווי מע וואָלט אים נאָר וואָס אַרויסגעצויגן פֿון זאַמד, האָט עטלעכע מאָל אויפֿגעבליצלט אין בראַמבערגס צעעפֿנט מויל, און אַ געלעכטערל האָט זיך אַרויסגעקאָלערט פֿון דאָרט ווי פֿון אַ טונקעלע הייל.

פֿון דעמאָלט אָן איז בראַמבערג געקומען כּמעט טאָג-טעגלעך צו אונדז אין באַנק אַרײַן זיך אויסשמועסן מיט אַ צווייטן קליענט און זיך אונטערהערן

וואָס אַנדערע זאָגן. נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן זאָגן פּאַרוואַלטונגען פֿון אַקציע־פֿירמעס ווי אַזוי זיי זאָלן פֿירן זייערע געשעפֿטן. ער איז געקומען אויף די יערלעכע אסיפֿות, און מע האָט אים געמוזט אַרײַנלאָזן מחמת ער איז געווען אַ בעל־אַקציעס פֿון דער פֿירמע, געבעטן אַ וואָרט אין די וויכוחים, געהאַלטן רעדעס קורץ און לאַנג און אַלץ אויף דעם איין און איינציקן צאָן אין זײַן מויל.

"ווער האָט צײַט זיך צו דאָקטערן?" האָט ער מיר איין מאָל געזאָגט. אין סעזאָן פֿון די יערלעכע אסיפֿות האָט יהודה בראָמבערג אויפֿגעלעבט אָבער מען האָט זיך אָנגעהויבן היטן פֿאַר אים ווײַל מע האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. איין פֿירמע האָט צוליב אים מבטל געמאַכט אַן אסיפֿה.

נאָך דער לעצטער מפּלה אויף דער בערזע האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף יהודה בראָמבערגן אין צפֿון תל־אביב. פֿאַרשמוציקט, נישט ראַזירט, האָט ער זיך געאײַלט צום הויף פֿון די שטאָטישע לוויות אויף דער איבילאָוו גאַס. יאָרן ווי מיר האָבן זיך נישט געזען. ווײַל איך האָב פֿאַרלאָזט די באַנק און ער האָט געביטן די שטאָט.

"ווי גייט עס מיט די געשעפֿטן?" האָבן מיר ביידע געפֿרעגט מיט איין מאָל און ער האָט מיר געענטפֿערט:

"מע גיט זיך אַן עצה".

ער האָט פֿאַרשפּילט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אויף דער בערזע. אויך זײַן דירה. זײַן משפּחה האָט אים שוין פֿון לאַנג אויפֿגעגעבן און דערפֿאַר האָט ער זיך געדונגען אַ צימערל לעבן שטאָטישן בית־עולם כדי צו שפּאָרן געלט. ער האָט נישט באַדאַרפֿט קויפֿן קיין בילעטן אויף די אגד אויטאָבוסן. ער האָט זיך מיטגעכאַפּט מיט די לוויות הין און צוריק. בחינם. מע וואָלט געקאָנט זאָגן אויף אים אַז ער איז דער איינציקער פֿרײַלעכער פּאַסאַזשיר אויף דעם וועג.

"מע אַרבעט?" האָב איך אים געפֿרעגט.

בראָמבערג האָט אַ טײַטל געטאָן זײַן גראָבן פֿינגער צו דער ערד. אַ סימן אַז ער האָט צוריק אַראָפּגענידערט רייניקן די קאַנאַלן.

"וואָס זשע וועט זײַן?" האָב איך געפֿרעגט.

בראָמבערג האָט איבערגעקערט דעם גראָבן פֿינגער צום הימל און אַ געלעכטערל האָט זיך אַרויסגעקאָלערט פֿון זײַן פֿינצטער מויל:

"איך וועל נאָך צוריק אַרויף".

# אַ שיינע האַנטשריפט

כ׳בין געקומען נישט אין ריכטיקן טאָג דערליידיקן מײַנע ענינים אין באַנק. אויך דער באַאַמטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויפן טומל. ער האָט אָנגעוויזן אויף די פּענסיאָנערן וואָס האָבן אָנגעפּילט דעם זאַל, אויף דער לאַנגער ריי וואָס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, אויף אַ זקן אין עק וואָס האָט שטייענדיק אונטערגעטענצלט, און געזאָגט אַז יענער לאָזט אים נישט אַרבעטן. אַנשטאָט טאָן עפּעס קוקט ער ווי יענער שפּרינגט, וואַרפט זיך, ציטערט מיט אַלע אברים. איז אים אײַנגעפאַלן דעם באַאַמטן אַז איידער איך וועל זיך צוזעצן אַרומרעדן מײַן זאַך, זאָל איך צופירן דעם פּענסיאָנער צו זײַן טיש, ער וועט שוין מאַכן יענער זאָל וואָס שנעלער באַקומען זײַן פּענסיע און זאָל ער אַרויס פון באַנק.

פון דער נאָענט האָב איך באַמערקט אַז אויך דער שטעקן מיטן געבוי־גענעם הענטל, וואָס דער פּענסיאָנער האָט אָנגעהאָנגען אויף זײַן קאַרק, האָט מיטגעציטערט ווי אַ לעבעדיקער אבר. הינטער זײַנע ברילן האָט איין אויג אויסגעפּילט דאָס גאַנצע שײַבל און געשמייכלט צו מיר ווייך און וואָסערדיק. איך האָב אים דערמאָנט, גייענדיק צום באַאַמטן, אַז פריער אין דרויסן, וואַרטנדיק ביז די טירן פון דער באַנק וועלן זיך עפענען, האָבן מיר געבאַפּט אַ שמועס און זיך דערציילט עפּעס איינער וועגן אַנדערן. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז איך בין געווען אַ מאָל אַ שומר־לילה אין זײַן מושב־זקנים. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף נאָך עטלעכע וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געוואַרט אין דרויסן בײַ דער פאַרמאַכטער באַנק; אַן אַלטיטשקע אין באַבלימטע קליידער. אַ זקן, הויך און דאַר, נאַכט־העמד און באָרד, ביידע ווײַס און לאַנג.

איך האָב צוגעפירט דעם פּענסיאָנער צום טיש און דער באַאַמטער האָט אים אויסגעצאָלט דאָס געלט. ער האָט עס אים אַרײַנגערוקט אין אַ טיפער קעשענע און פאַרזיכערט מיט אַ שפּילקע ס׳זאָל נישט פאַרלוירן גיין. מיטן אונטערשרײַבן דעם נאָמען איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי לײַכט. די פינגער איז אים עטלעכע מאָל אַרויסגעפאַלן פון די הענט. דער באַאַמטער האָט אים אונטערגערוקט דאָס קישעלע מיט טינט, אַ רמז אויף צו חתמענען

מיט אַ פֿינגער, אָבער דער פּענסיאָנער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט דווקא צו חתמענען זײַן פֿולן נאָמען: בן-ציון צעמאַכאָוויצקי. צום ערשט האָט ער געשפּרונגען מיט איין האַנט און באַלד האָבן זיך ביידע הענט אָנגעכאַפּט און צוזאַמען געשפּרונגען מיט דער פּענע צו דער קבלה אויפֿן טיש.

ערשט ווען דער פּענסיאָנער איז שוין געווען אויפֿן וועג אין דרויסן אַרויס האָט דער באַאַמטער פֿרײַער אָפּגעאָטעמט. ער איז גרייט געווען, האָט ער מיר געזאָגט, מוותר זײַן אויף דער חתימה, אַבי נישט צוזען אַזאַ מין אָפּקומעניש. איך האָב אים געזאָגט אַז דאָס אָפּנעמען די קיצבה, דער טאָג ווען די פּענסיאָנערן פֿאַרזאַמלען זיך אין די בענק פֿון לאַנד, איז דווקא אַ געשעעניש. פֿון מײַן אייגענער דערפֿאַרונג, האָט דער טומל, אין מושב-זקנים ווו איך האָב געאַרבעט, זיך געשטעלט שוין אַ פֿאַרנאַכט פֿריער. מע האָט זיך געסודעט, געבייזערט, איבערגעלייגט צעטלען אין די קעשענעס, געזוכט דעם ריכטיקן דאָקומענט. מען איז אויפֿגעשטאַנען פֿריער ווי גע-ווײנטלעך און מ׳איז געלאָפֿן אַלע מאָל פּישן.

איך האָב שוין געהאַט אַרויסגענומען מײַנע דאָקומענטן און אָנגעהויבן אויסלייגן פֿאַרן באַאַמטן מײַן ענין ווען דער פּענסיאָנער איז ווידער גע-שטאַנען לעבן אונדז און געשמייכלט מיט זײַן וואַסערדיק אויג. אויפֿן וועג איז אים אײַנגעפֿאַלן אַז זײַן חתימה איז נישט אַרויסגעקומען צו קלאָר. ער האָט געהאַט אַ מאָל אַ שיינע קאַליגראַפֿישע האַנטשריפֿט. ער האָט געוואָלט נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אויף דער קבלה.

דער באַאַמטער האָט זיך אויפֿגערעגט. געהאָלפֿן האָט עס אים נישט און ער איז אַוועק צו דער קאַסע צוריקבברענגען דאָס קוויטל. דער טומל אין זאַל האָט זיך נישט אײַנגעשטילט. די באַבלימטע זקנה איז געזעסן אין אַ ווינקל אויף דער פּאַדלאָגע און אַרויסגעציילט פֿון איר שויס פּאַפּירן געלט. דער דאַרער זקן אין העמד און אין באָרד האָט געציילט זײַן געלט מיטן פּנים האַרט צו דער וואַנט. דער באַאַמטער איז צוריק געקומען מיט אַ געבאָרגטן שמייכל אויף זײַנע ליפּן און דער פּענסיאָנער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעבויגן זײַן קאָפּ צום גרינעם שטיקל פּאַפּיר ביז זײַן פֿאַרגרעסערט אויג איז געבליבן ליגן, לײַכט און ווייך, אויף זײַן פֿולן נאָמען.

# דער טעות אין חשבון

אַ מעשה פֿון אַ גלאַנציקן שנאַל אויף אַ פּילצענעם הוט וואָס אונדזערס אַ קליענטין האָט געטראָגן, בעת זי פֿלעגט קומען איין מאָל אַ וואָך אין באַנק אַריַין, צוזאַמען מיט איר מאַן, זוכן אַ טעות אין זייער חשבון. זיי האָבן געהערט אַז אין קרית-טבעון איז שטיל און רואיק, האָבן זיי פֿאַר-שלאָסן זייער דירה אין ירושלים, אַ צווייטע וווינונג אין נהריה און זיך געדונגען דאָ אַ קליינעם צימער אין אַ פּריוואַטן מושב-זקנים.

דער טעות אין זייער חשבון איז אַריַינגעפֿאַלן מיט יאָרן צוריק אין אַ צווייטער באַנק, אין אַן אַנדערן ישוב. אויב איך וועל אים געפֿונען, האָבן זיי געזאָגט, וועלן זיי אַריבערפֿירן צו אונדז אַ סך געלט. דעם דירעקטאָר איז עס זייער געפֿעלן געוואָרן און ער האָט מיך געמונטערט איך זאָל זיך אַ נעם טאָן מיט ענערגיע צו דעם ענין.

איך האָב געזוכט אין אַ קליין פּנקסל פֿאַרשריבן מיט ציפֿערן. און זיי זענען געזעסן קעגן איבער. ער — מיט זיַין פּנים צו מיר, און זי — מיט איר פּנים צו אים. דער פּילצערנער הוט איז געווען אַראָפּגערוקט איבער אירע אויערן און דער שנאַל האָט פֿון מאָל צו מאָל אויפֿגעגלאַנצט אין מיַינע אויגן. איך האָב דורכקאָנטראָלירט אַ האַלב פּנקסל און דעם טעות נישט געפֿונען.

"ער איז דאָ", האָט מיך פֿאַרזיכערט פֿריץ באום, אַזוי איז זיַין נאָמען געווען פֿאַרשריבן, און זיַין וויַיב, ראָזאַלין, האָט צוגעזאָגט קומען די צווייטע וואָך.

אויך פֿון דערוויַיטנס האָט זיך אָנגעזען דער מעשענער שנאַל אויפֿן פּילצערנעם הוט, אַ מאָדע פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ווען זיי זענען געקומען די צווייטע וואָך איז ראָזאַלין געגאַנגען פֿאַרויס און געהאַלטן די טיר פֿון אונדזער באַנק ברייט צעעפֿנט פֿאַר איר מאַן אַדורכצוגיין. ווען נישט זיַין לאַנגער מאַנטל וואָלט איך אים גאָרנישט באַמערקט. אויך די קעשענעס דאָרטן זענען געווען זייער טיף. ראָזאַלינס האַנט האָט זיך אַראָפּ-געלאָזט אַהין ביז צו איר עלנבויגן, אויף אַרויסצוציען נאָך אַ פּנקסל, ווען איך האָב דאָס ערשטע פֿאַרענדיקט, און דעם טעות נישט געפֿונען.

„ס'זענען דאָ נאָך פּנקסלעך", האָט פריץ באום געזאָגט, און געקייט אַ צאָן שאָקאָלאַדע, וואָס ראָזאַלין האָט אַריינגעשטופּט צווישן זיינע ליפּן — אַ סגולה אויף געזונטע יאָרן. און איך האָב געזוכט דעם טעות, פּנקס נאָך פּנקס, וואָך נאָך וואָך, און ווען איך האָב זיך געפילט אָפּגעשוואַכט, האָט ראָזאַלין אויך מיר מכבד געווען מיט אַ צאָן שאָקאָלאַדע, זיך צו שטאַרקן.

איין מאָל האָט ראָזאַלין אַרויסגעצויגן פון איר מאַנס קעשענע אַ גאָלדענע מטבע פון ביסמאַרקס צייטן, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגע-קריצט דער פּאָרטרעט פון ווילהעלם דעם ערשטן, און געזאָגט אַז דאָס וועט זיין אַ מתנה פאַר מיר ווען איך וועל געפינען דעם טעות. דאָס גאָלד האָט געררייצט מיין אַמביציע. דער קייסער איז מיר אַריין אין קאָפּ. אַכצן קאַראַט גאָלד, האָב איך געדענקט ראָזאַלינס ווערטער. מיין דירעקטאָר האָט אינזינען געהאַט דעם באַלאַנס ווען זיי וועלן איבערוויזן צו אונדז אַלע זייערע חשבונות פון אַנדערע בענק. ער האָט פאַרלאַנגט פון מיר דעם טעות. אָבער זיי זענען מער נישט געקומען. אין איינעם אַ פרימאָרגן, אויפן וועג אין באַנק אַריין, האָב איך געזען דעם פילצענעם הוט מיטן מעשענעם שנאָל, ליגן אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט-קאַסטן לעבן מושב-זקנים. פריץ באום איז פּלוצלינג געשטאָרבן און ראָזאַלין איז אים נאָכגעשטאָרבן אַ וואָך שפּעטער. אַ טאָג נאָך דעם איז אויך דער הוט נעלם געוואָרן. איך האָב אים ווידער דערזען אויפן קאָפּ פון אַן אַנדערער קליענטן.

# גאָלד

אין קרית-טבעון, אַ הויף איבערן פּאַרקן, האָט געוווינט מײַנס אַ שכן — אַ פֿורמאַן. זומער האָט ער געהאַנדלט מיט אויפּס, ווינטער — מיט נאַפּט. אַ גאַנץ יאָר האָט ער געזאַמלט אַלטע זאַכן. געקומען אַ שבת פֿלעגט ער אַרויסרופֿן דאָס ווײַב אין הויף אַרײַן זי זאָל זיך אויסקלייבן וואָס איר האַרץ גלוסט. איין מאָל האָב איך איר געזען אָנמעסטן דעם פּילצענעם הוט מיטן גלאַנציקן שנאָל. דער פֿורמאַן האָט זיך צוגעקוקט ווי זי פּוצט זיך פֿאַרן שפּיגל אָנגעהאַנגען אויף אַ בוים, האָט ער מיך צוגערופֿן איך זאָל איר אָנווינטשן טראָגן דעם בגד געזונטערהייט.

"מײַן קראַסאַוויצע", האָט ער געזאָגט.

ער האָט זי געפֿונען אין רוסלאַנד אין די מלחמה-יאָרן — אַ יידיש מיידל אין אַ ווײַטן דאָרף — און ער האָט זי געבראַכט מיט זיך קיין ישראל. דאָ אין לאַנד וואָלט ער לײַכט געקענט פּטור ווערן פֿון איר. דער דין איז געווען מיט אים.

"אַן עקרה".

אָבער דערווײַל האָט ער געהאַט פֿון איר אַ נוצן. אַ געלערנטע מיט אַ גוטן זכרון. זי האָט יעדע וואָך אויסגעלייענט אַ יידיש בלאַט און זי האָט געדענקט פֿון אויסנווייניק די ערטער אין שטוב ווו ער האָט געהאַלטן פֿאַרשטעקט גאָלד, בריליאַנטלער, דאָלאַרן. ער האָט נישט געוואָלט קיין רשימות טאָמער וועט זיך מאַכן אַ גנב אין שטוב זאָל ער נישט האָבן קיין לײַכטע מלאכה. ער אַליין איז געווען ווײַט פֿון למדנות, געשטאַמט פֿון טרעגערס און פֿערד-הענדלער. אינטעליגנטן האָבן זיך נישט געהאַלטן אין זײַן משפּחה — נישט געווען דאָרט צו געפֿונען אַ שנײַדער, אַ שוסטער.

דאָס ווײַב איז געווען זײַן באַנק. האָט ער געוואָלט אַז עפּעס זאָל אַ שײַן טאָן פֿאַר זײַנע אויגן, האָט ער געמאַכט אַ צייכן און ס'ווײַב האָט אַרויס-געצויגן פֿון ערגעץ ווו אַ רינגל. אַ בריליאַנט. ס'האָט זיך אויך געמאַכט אַז זי האָט אויסגעלייגט פֿאַר אים דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן.

ווען זי איז איין מאָל קראַנק געוואָרן און ס'האָט אויסגעזען אַז דאָס איז עס, זי וועט שוין פֿון בעט נישט אויפֿשטיין, האָט ער אײַנגעשפּאַנט פֿערד

און וואָגן און זי אַוועקגעפּירט צום רב ער זאָל פֿאַרשרײַבן פֿון איר מויל די געהיימע ערטער. דער פֿורמאַן האָט געפֿרעגט, דאָס ווײַב האָט גע-ענטפֿערט און דער רב האָט פֿאַרשריבן. אויפֿן וועג אַהיים איז זי געשטאָרבן.

"אַ זעלטענער זיכרון", האָט דער פֿורמאַן געזאָגט און באַלד נאָך דער לוויה מיך אַרײַנגערופֿן צו אים אין שטוב אַרײַן, איך זאָל פֿאַרלייענען פֿאַר אים די רשימה און ער וועט אויפֿזאַמלען זײַן פֿאַרמעגן. איך האָב אַרויס-געלייענט די פֿאַרצייכנטע ערטער און ער איז אַרומגעגאַנגען מיטן פּילצענעם הוט אין דער האַנט און אַרײַנגעוואָרפֿן אַהין געלט און צירונג.

נאָך דעמאָלט ווען ראָזאַלין האָט געטראָגן דעם הוט, האָט זיך שוין אָנגעזען ווי טיף ער איז. די טיף האָט זיך אַנטדעקט אויף ס'נײַ ווען דער פֿורמאַן האָט אָנגעהויבן אַרויסציִען גאָלדענע מטבעות פֿון זײַן פּערענע. ער האָט אַרײַנגערוקט זײַן האַנט ביז איבערן עלנבויגן און אַרויסגענומען פֿון דאָרטן רינגלעך, קייטלעך, אַ מטבע, אַ שנורל פּערל. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער אַראָפּגעבלאָזן אַ פֿעדערל פֿון אַ גאָלדשטיק און זיך אונטער-געפֿאָנפֿעט מיט אַ געלעכטערל אַז די פּערענע וועט אים אָנפֿילן:

"אַ פֿולן הוט מיט גאָלד".

# י. וועגן זיך אַליין

אורוגוויַ

צרות בײַם שרײַבן

אַלטמאָדיש

# אורוגוויי

ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם תוכן פֿון דער מעשה, ווי אַזוי איך האָב געוואָלט אַ מאָל ווערן באַרימט און איך פֿלעג זיך יאָגן זען מײַן נאָמען אין אַ זשורנאַל אָדער אין אַ צײַטונג, איז מיר געקומען אויפֿן זינען דער פּויער וואָס וועגן אים האָט לעוו טאָלסטאָי דערציילט אַז ער האָט געוואָלט פֿאַרנעמען וואָס מער ערד ביז די זון וועט אונטערגיין. דערפֿאַר איז ער געלאָפֿן און געלאָפֿן צו באַקומען וואָס מערער פֿאַרן זעלבן פּרײַז. ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און דער פּויער איז אָנגעקומען, איז ער געפֿאַלן און געשטאָרבן.

נאָך אין קעפּל פֿון דער מעשה האָט טאָלסטאָי געפֿרעגט וויפֿל ערד דאַרף אַ מענטש?

"וואָס פֿאַר אַ מענטש — האָב איך זיך געפֿרעגט — ווען ער איז טויט אָדער לעבעדיק?"

איין מאָל האָט מיך דאָס לויפֿעניש פֿאַריאָגט אין אַ ספֿרים-געשעפֿט אויף דער בן-יהודה גאַס אין ירושלים. דאָרט האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף משה סטאַווסקי, וועלכער האָט געשריבן אין צוויי לשונות, יידיש און העברעיש. ער איז דאָרט געשטאַנען אַ געבויגענער פֿון עלטער און גע-בלעטערט אַ יידישן זשורנאַל א.נ. "דאָ", וועלכער איז דערשינען אין אורוגווײַ. מען האָט אים געזאָגט אַז זײַן נאָמען איז געוואָרן דאָרטן דערמאָנט, איז ער געקומען צופֿאָרן פֿון באר-טוביה, זען וואָס מען האָט וועגן אים געשריבן.

"און דו?" האָט ער מיר געפֿרעגט.

"אויך דאָס זעלבע", האָב איך געענטפֿערט.

האָט ער זיך געחידושט אויף מיר, וואָס איך האָב זיך נישט געפֿוילט אין אַ גרויען ווינטערדיקן טאָג, אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן אויפֿן גאַס, און געקומען פֿון אַזוי ווײַט, פֿון קיבוץ גבת, אַ מהלך פֿון אַ האַלבן טאָג פֿאָרן מיטן אויטאָבוס, און צוליב וואָס? זען מײַן נאָמען אָפּגעדרוקט אין אַ בלאַט?

איך האָב אויסגעטאָן דעם מאַנטל און דאָס היטל מחמת ס'איז געווען

הייס אין געשעפֿט, און איך האָב אָנטערגעוואַרט ער זאָל געפֿונען זײַן נאָמען און נאָך דעם מיר געבן דעם זשורנאַל צו זוכן דאָרט מײַנעם. ער האָט געבלעטערט און געבלעטערט. געאָטעמט שווער. דערגאַנגען צום סוף, אָנגעהויבן אויף ס'נײַ. אומזיסט האָט ער דורכגעקוקט יעדעס זײַטל. זײַן נאָמען האָט ער דאָרט נישט געפֿונען. האָט ער זיך זייער געבייזערט אויף מיר. הלמאי יונגע-לײַט זענען זוכה אַז זייערע נעמען זאָלן דערגיין אַזוי ווײַט, אַזש ביז אורוגווײַ, און ער — אַ באַרימטער שרײַבער, געווען צײַטן וואָס מען האָט דערמאָנט זײַן נאָמען אין איין אָטעם מיט י. ל. פּרץ און שלום-עליכם — אין אים האָט מען פֿאַרגעסן.

"אין 'די גאָלדענע קייט' וועלן זײַן צוואַנציק זײַטלעך וועגן אײַך", האָב איך זיך אָנגערופֿן. "איך האָב עס נישט אויסגעטראַכט. אַזוי איז געווען געמאָלדן אין אַ צײַטונג".

"אויף דעם וואַרט איך שוין אַכציק יאָר", האָט ער געצאָרנט. ס'בייזקייט האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און ער האָט איבערגעחזרט שרײַענדיק דאָס גאַנצע געשעפֿט זאָל הערן:

"אַכציק יאָר!" —

דעמאָלט האָב איך געזען פֿאַר זיך אויף מײַן אייגענע צוקונפֿט: לאַנגע, בייזע יאָרן און ווײַט אַוועק, בײַם עק — צוואַנציק זײַטלעך.

איך בין געשטאַנען אַ פֿאַרקוקטער אין דער צוקונפֿט ווען משה סטאַווסקי איז מיט אַ מאָל רואיק געוואָרן און איבערגעלייענט שטיל אַן בייזקייט, איך זאָל הערן וואָס מען האָט וועגן מיר געשריבן: "אַ שאָד וועגן דעם שרײַבער יאָסל בירשטיין, נעבעך אַזוי יונג געשטאָרבן".

זינט דעמאָלט זענען שוין פֿאַרלאָפֿן אַ סך יאָרן, און הײַנט, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין ירושלים, און עס קומט מיר אויס, פֿון מאָל צו מאָל, פֿאַרבײַ גיין אויף דער בן-יהודה גאַס דאָס זעלבע געשעפֿט, באַווײַזן זיך אין ווײַטן האָריזאָנט די צוואַנציק זײַטלעך וואָס איך האָב נישט אויפֿגעהערט אויף זיי צו וואַרטן, און איך הער אין זכרון דאָס קול פֿון משה סטאַווסקי, ווען ער איז אַרויס פֿון געשעפֿט אין יענעם ווינטערדיקן טאָג, און נאָכן איבערגעבן מיר דעם זשורנאַל "דאָ", האָט ער גייענדיק זיך אונטערגע-ברומט:

"אורוגווײַ. אורוגווײַ".

# צרות ביים שרייבן

פֿון יהושע רימערן, דעם בייגל-פֿאַרקויפֿער אין מײַן ראָמאַן „דער זאַמלער", האָב איך געליטן צרות בעתן שרײַבן. ער אַליין האָט געליטן פֿון אַסטמע און ער האָט געזוכט פּטור צו ווערן פֿון דער רווישיקער גאַס מיט די געמיינע ריחות. ער האָט געפֿונען אַ נײַע פּרנסה אויף אַ פּלאַץ, שטיל, גרין, פֿרישע לופֿט — אַ בעטלער אויפֿן בית-עולם.

יאָרן איז ער אָפּגעזעסן לעבן אונדזער באַנק אויף אַ הויך בענקל און זײַן קיישל מיט סחורה — נידעריק אויפֿן טראָטואַר. אויף צו קויפֿן אַ בייגל האָב איך זיך געדאַרפֿן אײַנבייגן. איין מאָל האָט מיר די פּלייצע ווי געטאָן, האָב איך זיך נישט אײַנגעהאַלטן און אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס די בייגל שטייען אַזוי נידעריק:

„און איר אַזוי הויך, אדון רימער?"

מײַן השערה איז געווען אַז ער דאַרף זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַ גאַס אין צענטער פֿון שטאָט. מע פֿאָרט און מע גייט. אַ סך געשעפֿטן.

„נו, טרעף?" האָט ער זיך אָנגערופֿן.

ער האָט מיר אויסגעזאָגט די סיבה איידער ער איז אַוועק אויפֿן בית-עולם, ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין באַנק אַרײַן אינוועסטירן זײַן געלט אין אַקציעס.

„ווו איז דאָס געלט?" האָב איך אים געפֿרעגט נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעפֿילט פֿאַרשידענע פֿאָרמולאַרן. ער האָט אַרויפֿגעשטעלט זײַן קיישל מיט בייגל אויף מײַן טיש און געזאָגט:

„נו, טרעף?"

דאָס געלט האָט ער געהאַלטן אונטער די בייגל צווישן אַ טאָפּל דעקל און אויפֿן הויכן בענקל איז ער געזעסן נישט צוליבן דרויסן. די וועלט איז אים געלעגן אין דער לינקער פּאה. ער איז געזעסן אַזוי הויך צוליב אַ שטיקל אײַזן וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פֿון דער וואַנט. ס'האָט אים אָפּט אונטערגעביסן אין דער פּלייצע אויף אַן אָרט אונטערן אַקסל, און זיצנדיק

אַזוי הויך האָט ער זיך געקענט אָפּקראַצן אַ גאַנצן טאָג און די גאַס וואָלט געפּלאַצט און נישט געטראָפֿן וואָס ער טוט.

רימער האָט געקויפֿט אַקציעס און אַוועק אויפֿן בית-עולם. נאָך אַ יאָר, צי אפֿשר מער, צוליב עפּעס אַ לוויה, האָב איך אים אָנגעטראָפֿן לעבן טויער מיט אַ פּושקע אין דער האַנט — צדקה תציל ממוות. ער האָט מיך דערזען האָט ער פֿאַרגעסן אין דער לוויה און זיך דערמאָנט אין זײַנע אַקציעס. ער האָט געוואָלט וויסן אויפֿן אָרט צי ער איז דורכן יאָר געוואָרן אויפֿגעריכט. די קלאַנגען פֿון דער בערזע אין תל-אביב זענען אויך דער-גאַנגען אַהער צום בית-עולם. איך האָב נישט געדענקט וואָס ער האָט אײַנגעקויפֿט, האָט ער געזוכט די קבלה פֿון דער באַנק אין זײַנע קעשענעס. ער האָט מיר געגעבן צו האַלטן זײַן פּושקע מיט נדבות. ער האָט פֿריער געשאָקלט האָב איך אויך אונטערגעשאָקלט. האָט ער געוואָלט איך זאָל אים זאָגן וויפֿל געלט ס'האָט זיך דאָרטן אָנגעזאַמלט.

„נו, טרעף!"

אַזוי ווי די פֿריערדיקע מאָל האָב איך אויך דאָס מאָל נישט געטראָפֿן. ווען ס'איז געקומען צום שרײַבן דעם ראָמאַן האָב איך באַדאַרפֿט וויסן זײַן ענטפֿער, אָבער איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט פֿאַרלאָזט די באַנק און יהושע רימער — דעם בית-עולם. וועמען צו פֿרעגן איז נישט געווען. איך האָב אים אַרומגעזוכט אין שטאָט און אים נישט געפֿונען.

איין מאָל, אויף דער זעלבער גאַס וווּ רימער פֿלעגט פֿאַרקויפֿן זײַנע בייגל, האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַן אַמאָליקן קליענט. איך האָב אים געהאַט געגעבן אַ שלעכטע עצה און ער האָט פֿאַרלוירן אַ סך געלט אויף דער בערזע. ער איז דעמאָלט אַרײַן אין באַנק און מיך באַפֿאַלן מיט זידלע-רײַען און מיך באַליידיקט. איצט בין איך אַרײַן אין אַ זײַטיק געסל כדי אים אויסצומײַדן. אַנטלויפֿנדיק פֿון אים האָב איך נאָך אַ מאָל געהערט אין זכרון זײַנע גוואַלדן. ער האָט נישט געשריגן דעמאָלט וויפֿל געלט ער האָט פֿאַרלוירן. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער בײַ וועמען און זײַן אבידה איז געווען:

„דרײַ יאָר שכירות!!!"

זײַנע קולות זענען מיר נאָכגעגאַנגען אין זכרון ביז איך בין אַרויס פֿון געסל און דאָרטן האָט זיך געביטן די שטימע. יהושע רימער האָט גערעדט צו מיר. אויף אַ רגע בין איך ווידער געשטאַנען לעבן טויער פֿון בית-עולם

און באַקוקט די קבלה פֿון אונדזער באַנק וואָס רימער האָט געפֿונען אין זייַן קעשענע. ער האָט צוריק גענומען זייַן פּושקע, אָנגעהויבן אויף ס׳נייַ שאָקלען און מיר אויסגעזאָגט וויפֿל געלט ס׳האָט זיך דאָרטן אין דעם טאָג אָנגעזאַמלט :

"דרייַ לוויות".

# אַלטמאָדיש

אַ שכן בײַ דער אַרבעט האָט מיר פֿאַרגעוואָרפֿן אַז איך בין געוואָרן אַלטפֿרענקיש. אַז איך שרײַב וועגן אַלטע לײַט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן אָפּזײַן אין ישראל, און אויף יידיש דערצו, אַ לשון וואָס ווערט פֿאַרגעסן, אין אַ סך מקומות איז עס שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן געוואָרן. וואָס מיינט עס, האָט ער געוואָלט וויסן, זיך מאַטערן איבער אַ שורה וואָס קיינער וועט נישט לייענען, איבערשרײַבן אַ זײַטל וואָס קיינער וועט נישט אויפֿמישן. צי פֿיל איך זיך אײַנזאַם אין אַ פֿאַרגאַנגענער וועלט?

כדי נישט צו זײַן אַזוי אַליין האָב איך זיך אַרומגעקוקט און אָפּגעזוכט נאָך צוויי אַזעלכע ווי איך. איינער אין זכרון און דער צווייטער אין דער שכונה אבו-טור, ירושלים. ביידע ווײַטלעכע קרובים.

מײַן פֿעטער לייבל אין זכרון האָט געוווינט אין מעלבורן. ער איז געקומען אַהין פֿון ביאַלע, אַ קליין שטעטל אין פּוילן, ווו ער פֿלעגט זיך נוהג זײַן, אינמיטן עסן, צווישן איין געריכט און צווייטן, אַרויס אין גאַס אַרײַן, רײַבן די הענט און וואַרטן אויף אַ מענטש צו כאַפּן אַ וואָרט. אין ביאַלע האָט ער קיין מאָל לאַנג נישט באַדאַרפֿט רײַבן די הענט. ס'איז געווען מיט וועמען צו פֿאַרפֿירן אַ שמועס. אָבער אין מעלבורן האָט ער געמעגט אָפּרײַבן די הענט אַ גאַנצן טאָג און קיין לעבעדיקער מענטש האָט זיך אויף דער גאַס נישט באַוויזן. פֿון איין זײַט האָט, אויף דער גאַס ווו ער האָט געוווינט, זיך געצויגן אַ לאַנגער שיינער בית-עולם, און די נידעריקע הײַזלעך קעגן איבער, האָבן זיך אויך געצויגן ווײַט אַוועק פֿאַרטונקענע אין גרינס. אויפֿן בית-עולם האָט זיך אַ מאָל עפּעס אַ ריר געטאָן, קעגן איבער — גאָרנישט. פֿונדעסטוועגן האָט מײַן פֿעטער לייבל נישט אויפֿגעגעבן זײַן מנהג פֿון פּוילן. ער איז שוין פֿון לאַנג אויפֿן עולם-האמת אָבער אין זכרון זע איך נאָך אַלץ ווי ער שטייט, נאָך די געפֿילטע פֿיש, אויף דער לײַגאָן-סטריט, ער רײַבט די הענט און ער וואַרט אויף אַ מענטש צו כאַפּן מיט אים אַ וואָרט.

מײַן צווייטער קרוב, דער אין ירושלים, האָט אָפּגענומען אַ גרויסע ירושה און זיך גענומען צום אויפֿבויען אַ הויז — אַ חלום. אַ סך צימערן פֿאַר

דער גאַנצער משפּחה און צימערן פֿאַר איטלעכן באַזונדער. ווען די ירושה האָט זיך אויסגעלאָזט און דאָס הויז איז נאָך נישט געווען פֿאַרענדיקט, האָט ער זיך גענומען צום שפּאָרן. אַלע זײַנע פֿאַרדינסטן זענען אַרײַן אין בנין. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פֿענצטער, ווען איך בין געקומען צו אים, דורך וועלכן ס'האָבן זיך אָנגעזען ווײַטע בערג און אַ שטיק מדבר. אויך די גאַלעריע האָט געמאַכט אַ רושם. דאָרט זענען געווען די צימערן פֿאַר דער משפּחה. זײַן ווײַב, האָט ער מיר דערציילט, האָט זיך אָפּגעגט פֿון אים און אַוועק וווינען מיט אַן אַנדערן מאַן. אויך די זין און טעכטער זענען אַוועק פֿון דער היים. צוויי אין דער ווײַטער פֿרעמד. קיין טרעפּ צו די צימערן אין דער הייך זענען נאָך נישט געווען, האָט ער זיך דערווײַל אַרויפֿגעצויגן אַהין מיט דער הילף פֿון אַ שטריק וואָס ער האָט אָנגעהאַנגען אויף אַ האָקן אין געוועלבטן סופֿיט. ער האָט געוואַרט אויף נאָך אַ ירושה וועט ער אויפֿבויען די טרעפּ.

איך וואָלט אים דערציילט אַ ביסל וועגן זיך און אויך וועגן מײַן פֿעטער לייבל, נאָר ער איז געווען פֿאַרנומען מיטן שפּרינגען אַרויף צו די צימערן אויף דער גאַלעריע. ער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי ער טוט עס. ער האָט אַרײַנגעשטעקט בײדע הענט אינעם שלייף פֿונעם שטריק, גראָב אויף צו פֿאַראַנקערן אַ שיף, זיך אָנגענומען מיט זאַמאַך, אַ גיי געטאָן הינטער-ווײַלעכץ, אַ לויף געטאָן פֿאָרויס, זיך געטאָן אַ הייב און געבליבן שטיין אין דער הייך אויף דער גאַלערקע.

# יא. ביאַלע-פּאָדלאַסקע

מזל-טוב ייִדן

פֿאָמעראַנצן

דער שוואַרצער ים

פֿענצטער

דער גאָרטן

פֿײַער אין שניי

דרײַ זעקלעך קאַרטאָפֿל

בערעק יאָסעלעוויטש

אַ דאָקטער

דער אַמסטערדאַמער פֿילאָסאָף

אַ פּנים אָן אַ נאָז

די רשימה

ווי אַ טשאַטע פֿייגל

פֿאַנטאַזיע

# מזל-טוב יידן

כ׳בין מיטגעגאַנגען מיט דער גרופּע מענטשן וואָס דער שרײַבער חיים באַר האָט אַרומגעפֿירט איבער די גאַסן פֿון שטאָט און דערציילט וועגן פּאָעטן און שרײַבער וואָס האָבן באַזונגען ירושלים. ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף די מקומות ווו ער אַליין האָט געלעבט און זיך געהאָדעוועט.

אפֿשר צוליב דעם וואָס איך בין אים מקנא געווען, אַ מענטש וואָס מען קען אויף זײַן עבר אָנטײַטלען מיט אַ פֿינגער, האָב איך זיך נאָך דעם אַוועקשפּאַצירט איינער אַליין צו דער מושבה גרמנית, די אַמאָליקע דײַטשע קאָלאָניע אין שטאָט, אויפֿצוזוכן דעם הויף, דאָרטן ווו מיט יאָרן צוריק האָט געוווינט מײַן רבי פֿון ביאַלע-פּאָדלאַסקע, דער וואָס אַ האָרן איז אים אָנגעוואַקסן אויפֿן שטערן.

איידער ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ-ישראל, אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, האָט ער דורך אַן אָפּעראַציע געלאָזן אָפּשניידן דעם האָרן. וואָלטן אים אָנגעוואַקסן צוויי הערנער אויפֿן שטערן, האָט ער געטענהט, ניחא, וואָלט ער זיי געלאָזן דאָרטן וואַקסן. אַ האַלבער משה רבינו האָט ער נישט געוואָלט זײַן. ס׳האָט אים נישט געפּאַסט. קיין ארץ-ישראל איז ער געפֿאָרן שטאַרבן. אונדז חדר-ייִנגלעך האָט ער צוגעזאָגט שיקן פֿאָרן טויט פּאָמעראַנצן פֿון דאָרטן. אַ שטיקל צײַט נאָך זײַן אָפּפֿאָר בין איך נאָכגעגאַנגען דעם פּוילישן פּאָטשטער, וואָס האָט פֿאַרטיילט בריוו אויף אונדזער גאַס, אוליצאַ גראַבאַנאָווסקאַ, טאָמער וועט ער מיר ברענגען אַ פּאָמעראַנץ פֿון ארץ-ישראל.

דער פּאָמעראַנץ איז נישט אָנגעקומען. בין איך געגאַנגען אים זוכן, מײַן רבין, ווען איך בין עולה געווען אין לאַנד אַרײַן מיטן אויפֿקום פֿון דער מדינה.

פֿון זינט דעמאָלט זענען טאַקע אַוועק אַ סך יאָרן, אָבער איך האָב געהערט אַז ער איז נאָך נישט געשטאָרבן. ער האָט גאָר באַוויזן חתונה צו האָבן צוויי מאָל און אויך דער האָרן איז אים אָנגעוואַקסן צום צווייטן מאָל.

אַ דאַנק דעם האָרן איז געווען לײַכט צו געפֿינען מײַן רבין אין דער מושבה גרמנית פֿון יענע יאָרן, נישט קוקנדיק אויף די קרומע געסלעך און הינטערשטעגלעך אַן נעמען און אויף די משונהדיקע ציפֿערן אָנגעמאָלט

אויף די ווענט פֿון די שטיבער — נומערן וואָס האָבן צעמישט די ריכטונג. אַ הויז מיט אַ נומער 13/25, דער בנין פֿון לינקס — 2/9 און פֿון רעכטס — 7/36. ווּ איז דאָ די לאָגיק?

אָבער ווער אין דער שכונה האָט נישט געהערט פֿון אליה-דודל מיטן האָרן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען חתונה צו האָבן צום דריטן מאָל? ווער האָט זיך נישט געאײַלט צו דער חופּה, אַ קוק טאָן אויפֿן אַלטן תרח, דעם האַלבן באָק, וואָס האָט גענומען אַ יונגע יתומה פֿאַר אַ ווײַב.

מיידלעך און יונגע ווײַבלעך זענען געשטאַנען און אַפּגעלאַכט און מיט זייער חוזק געשטערט דעם רב מסדר-קידושין זײַן דעם זיווג.

און דער חתן גופֿא, מײַן רבי, ער האָט גאָרנישט אויסגעזען אַזוי אַלט ווי איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אין יענע יאָרן, ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל און ער איז דעמאָלט געפֿאָרן קיין ארץ-ישראל שטאַרבן.

אַ טאָג פֿאַר זײַן אָפּפֿאָר איז ער געגאַנגען איבער די הייף זיך געזעגענען מיט די יידן פֿון ביאַלע און מיטגענומען מיט זיך דעם גאַנצן חדר מיט תלמידים, מע זאָל אים העלפֿן שרײַען אין די פֿענצטער. אויך דעם קאַנטשיק האָט ער מיטגענומען און אָך-און-וויי צום יינגל וואָס וועט נישט לאָזן הערן זײַן קולכל. אין איטלעכן הויף ווּ מיר זענען אַרײַן האָט ער אונדז אויס-געשטעלט אין אַ האַלבער לבנה, ער מיטן אויפֿגעהויבענעם קורצן הענטל פֿון קאַנטשיק אין מיטן, ווי אַ דיריגענט פֿון אַ כאָר, און ווען ער האָט אַ שמיץ געטאָן די רצועות אין דער לופֿטן, איז דער חדר אַרויס מיט געזאַנג:

מזל-טוב יידן, מזל-טוב,\
מיט מזל זאָלט איר לעבן.\
אליה-דודל מלמד\
פֿאָרט קיין ארץ-ישראל שטאַרבן.

און איצט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, איז מײַן רבי געשטאַנען אונטער דער חופּה לעבן זײַן יונגער כלה די יתומה, און מיידלעך און ווײַבלעך אַרום אים האָבן געחוזקט און אים אויסגעלאַכט.

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפֿגעצאָרנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן פֿינגער (אויך זײַן האָרן פֿון אונטערן ברייטן קאַפּעליוש האָט זיך ווי אויס-געצויגן לענגער) און טײַטלענדיק פֿון מיידל צו מיידל באַזונדער האָט ער גערופֿן:

״לאַכטס, לאַכטס! איך וועל נאָך מיט אײַך אַלעמען חתונה האָבן!״

# פּאָמעראַנצן

אויפֿן בית-עולם אין ירושלים, אין גבעת-שאול, האָבן מיר אָפּגעפּונעץ, יאָסל און איך, דעם קבר פֿון אונדזער רבין, אליה-דודל מלמד, דער מיטן האָרן אויפֿן שטערן, וואָס געפֿאָרן איז ער קיין ישראל שטאַרבן און באַוויזן דאָ אין לאַנד חתונה האָבן דרײַ מאָל.

"איש חסיד היה", איז געווען אויסגעקריצט אויף זײַן מצבה.

און מיך האָט ער געשלאָגן. נישט יאָסלען. ווײַל מײַן קוזין יאָסל האָט זיך אויסגעלערנט וויינען ווי אַן אַלטער ייד.

"גוואַלד! יידן! מע שלאָגט!" האָט ער געשריגן מיט אַ נידעריקע, גראָבע שטימע און דער רבי האָט מורא געהאַט אַ הויב טאָן אויף אים דעם קאַנטשיק טאָמער וועט ווערן אַן אָנגעלויף אין געסל און דער פֿענצטער וועט זיך אָנפֿולן מיט דערשראָקענע פּנימער.

יאָסל האָט מיך געלערנט שרײַען דאָס זעלבע אָבער אַלע מאָל ווען דער רבי האָט מיך געשלאָגן האָב איך פֿאַרגעסן די ווערטער: ס'האָט זיך גענומען פֿון דעם וואָס איך בין געווען אַ קליינער. יאָסל איז געווען אין מײַן עלטער אָבער פֿון תמיד אַן צוויי מאָל העכער פֿאַר מיר. כדי איך זאָל שנעלער אונטערוואַקסן אַזוי הויך ווי ער, האָב איך באַדאַרפֿט, האָט יאָסל געזאָגט, אויפֿעסן פֿאַרן שלאָפֿן גיין אַ גאַנצן פּאָמעראַנץ. אָבער געלט אויף צו קויפֿן אַזאַ מין זעלטענע פֿרוכט אין ביאַלע, האָב איך נישט געהאַט. האָט יאָסל מיך געפֿירט צו דער באָבען. איך האָב גאָרנישט געוווּסט אַז ער גייט צו איר יעדן טאָג נעמען אַ גראָשן. ער איז טאַקע אַרײַן אינעווייניק און אַרויסגעקומען מיט אַזאַ מטבע אין דער האַנט. איך האָב זיך געשעמט אַרײַנגיין, האָב איך אַרײַנגעשטעקט די האַנט דורך דער אָפּגע-שפּאַרטער טיר און דערשפּירט אַז מען האָט עפּעס אַרײַנגעלייגט. אַ האַלבער גראָשן.

איך האָב געזאַמלט די האַלבע גראָשנס אין אַ פּודעלע פֿון שוועבעלער. אָבער איידער נאָך עס האָט זיך אָנגעפֿולט אַפֿילו, האָט מיך איין מאָל דער רבי צעשלאָגן אָן רחמנות און אונטערגעריסן מיט די רצועות פֿון קאַנטשיק אַ שטיקל אויער. ווען יאָסל האָט דערזען דאָס בלוט וואָס איז גערונען און

דאָס נאָכהענגענדיקע אויערלעפּל, האָט ער מורא געקראָגן טאָמער איך וועל שטאַרבן איידער איך וועל אויפֿעסן דעם פּאָמעראַנץ און ער האָט מיר געבאָרגט זײַנע אָנגעזאַמלטע גראָשנס צו קויפֿן די פֿרוכט. נאָכן אויפֿעסן דעם פּאָמעראַנץ וועל איך דאַרף אַ וואַקס טאָן אַזוי הויך ווי ער, וועט מיר די באָבע געבן אַ גאַנצן גראָשן יעדן טאָג וועל איך שנעלער אָפּצאָלן דעם חוב. מחמת אויך ער האָט געזאַמלט דאָס געלט פֿאַר אַ וויכטיקן צוועק. זײַן טאַטע איז שוין דעמאָלט געווען אין אויסטראַליע און ער האָט געשריבן פֿון דאָרט אַז עס איז אַ לאַנד וווּ מען שאַרט גאָלד אין די גאַסן. יאָסל האָט זיך געגרייט קומען אַהין מיט אַ גראַבליע אין די הענט.

דעם פּאָמעראַנץ האָבן מיר געקויפֿט אויף דער וואָליע, איבערן טײַך. ס'איז געווען אַ גוייִש געוועלב און אַ גלעקל האָט זיך צעקלונגען ווען מיר האָבן געעפֿנט די האַלב-גלעזערנע טיר. אויפֿן וועג צוריק איז שוין געוואָרן פֿינצטער האָבן מיר אָנגעזאַמלט שטיינער אין די קעשענעס, טאָמער וועט מען אונדז באַפֿאַלן. יאָסל האָט מיר געוויזן ווי אַזוי צו עסן דעם פּאָמעראַנץ. איך האָב אַרײַנגעשטאָכן מיט אים צוזאַמען אַ נאָגל אין דער שאָלעכץ צו שפּירן ווי טיף עס איז. ער האָט אויך געזאָגט אַז מען וועט פֿריער אַרײַן צו זײַן מאַמען און אײַנוויקלען די פֿרוכט אין אַ סך פּאַפּיר כדי ווען איך וועל אַהיימקומען זאָל דער ריח נישט פֿאַרשמעקן די שטוב.

אויפֿן בריק איז אָנגעפֿאַלן אויף אונדז אַ בחור מיט אַ שטעקן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט מײַן היטל פֿון קאָפּ און אַ וואָרף געטאָן אין דער הייך. איך בין געלאָפֿן כאַפּן די היטל האָט דער פּאָמעראַנץ זיך אַרויסגעגליטשט פֿון מײַנע הענט, זיך געקאָלערט און אַרײַנגעפֿאַלן אין טײַך אַרײַן. ער האָט זיך אַוועקגעטראָגן מיטן שטראָם און מיר האָבן זיך געבויגן איבערן פּאַ-רענטש און נאָכגעקוקט ביז ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין וואַסער.

ווען מיר זענען אַהיימגעקומען איז שוין געווען גאָר פֿינצטער. אונדזערע קעשענעס זענען געווען פֿול מיט שטיינער. יאָסל איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסטראַליע אָן אַ גראַבליע און איך בין שוין פֿאַרבליבן אַ קליינער.

# דער שוואַרצער ים

דער טעם פֿון קנאָבל האָט מיך דערמאָנט אין דער מאַפּע פֿון אייראָפּע וואָס יאָסל און איך האָבן געמאָלט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס'איז שוין געווען באַגינען ווען מיר האָבן דערזען אַז דער שוואַרצער ים איז פֿאַרבליבן אין דרויסן. קיין אַטלאַס אויף נאָכצוקוקן האָבן מיר נישט געהאַט. ווער פֿון די תּלמידים אין ביאַלע, אין די דרײַסיקער יאָרן, האָט יאָ פֿאַרמאָגט אַזאַ זאַך? דעם אַפּטייקערס יינגל. פֿון אים איז דערגאַנגען צו אונדז, דורך אַ חברס אַ חבר, אַ קאָפּיע פֿון אַ קאָפּיע פֿון אַ קאָפּיע. זענען מיר געלאָפֿן מיט די בליקן איבער אייראָפּע און געפֿונען פֿאַרן שוואַרצן ים אַ פּלאַץ לעבן עסטרייך.

שלאָפֿן בין איך שוין נישט געשלאָפֿן, האָט די מאַמע, אין דער פֿרי, געזען ווי בלאַס איך בין און זי האָט מיר געגעבן אַ ציינדל קנאָבל צו האַלטן אונטערן צונג אויף צו שטאַרקן דאָס האַרץ. די פּוילישע לערערין האָט גלײַך דערשפּירט דעם ריח ווען זי איז אַרײַן אין קלאַס. איך בין געזעסן אויפֿן ערשטן בענקל לעבן איר טיש, האָט זי אַרײַנגענומען מײַן נאָז צווישן אירע פֿינגער און אַן אַ וואָרט מיך אָפּגעפֿירט צום סוף דאָרט ווו מײַן קוזין יאָסל איז געזעסן. ער איז תּמיד געזעסן צווישן די לעצטע ווײַל ער איז געווען צוויי מאָל העכער פֿאַר מיר. איך האָב געריבן מײַן נאָז צו פֿאַרטרײַבן די שפּורן פֿון דער לערערינס פֿינגער און, ווי די אַנדערע תּלמידים, אויפֿגעוויקלט מײַן מאַפּע פֿון אייראָפּע. יאָסל האָט אויפֿגעוויקלט זײַנע און זיך אָנגערופֿן זייער שטיל אַז עס איז אַ מזל וואָס מיר האָבן געפֿונען אַ פּלאַץ פֿאַרן שוואַרצן ים, אַן אים וואָלט די מאַפּע נישט געהאַט קיין פּנים.

די לערערין איז געגאַנגען פֿון טיש צו טיש און בודק געווען די מאַפּעס. לעבן מיר האָט זי געמאַכט אַ גרעסערן קרײַז נישט צו שפּירן דעם ריח פֿון קנאָבל. זי האָט זיך פֿאַרהאַלטן ווײַטלעך פֿון מיר און אַריבערגעקוקט צו כאַפּן אַ בליק אויף מײַן אויסגעשפּרייטן בויגן. מיט אַ מאָל איז זי אַרײַן אין תּחום פֿון קנאָבל, אַ נעם געטאָן מײַן מאַפּע און אַוועק צו איר טיש. אויפֿן וועג האָט זי איבערגעקערט מײַן בויגן אַרויף און אַראָפּ, אויך אויף

אַ זײַט און מודיע געווען די תּלמידים פֿון פֿערטן קלאַס אַז זי קוקט איצט אויף אַ מאַפּע פֿון אייראָפּע וואָס האָט נישט איר גלײַכנס אין דער וועלט.

תּלמידים האָבן געוואָרפֿן אויף מיר באַהאַלטענע בליקן, פֿאַרחידושט, אויך מיט קנאה. די לערערין האָט מיך קיין מאָל נישט געלויבט. זעקס יאָר בין איך אָפּגעזעסן אין דער שולע ביז איך בין דערגאַנגען צו דעם פֿערטן קלאַס, אויך יאָסל אַזוי. ביז איצט האָט מען זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר. און אָט איז מײַן מאַפּע אין דער לערערינס הענט. זי וועט גיין, האָט זי געזאָגט, פֿון תּלמיד צו תּלמיד, און זאָל יעדער איינער אַ קוק טאָן פֿון דער נאָענט אויף אַ מאַפּע וואָס ביז איצט איז אַזוינס נאָך נישט געוואָרן געזען.

מע איז מיך טאַקע מקנא געוואָרן. די קנאה האָט זיך אָנגעזען אין קלאַס. אויך יאָסל האָט מיך אַ קאָפּע געטאָן אין פֿוס אַרײַן. שטענדיק בין איך אים מקנא געווען, מחמת זײַן הייך האָט ער געוווּסט וואָס דערוואַקסענע רעדן. און ער האָט דאָך אָנגעמאָלט די זעלבע מאַפּע. די זעלבע קאָלירן און אויפֿן שטח פֿון שוואַרצן ים האָבן מיר בײדע אָנגעשריבן: "טשאַרנע מאָזשע".

יאָסל האָט צעשפּרייט זײַן מאַפּע און זיך אויפֿגעשטעלט די לערערין זאָל זען וואָס ער האַלט אין די הענט און ער האָט גערעדט צו איר מיט אַ נידעריק קול. ווען די לערערין האָט אָנגעזאָגט אַז מײַן מאַפּע איז איין-און-איינציק און קיין צווייטע איז גאָרנישט פֿאַראַן, האָט יאָסל אויסגערופֿן אַלע זאָלן הערן:

"איך האָב נאָך איינע!"

# פענצטער

ווען איך בין איין מאָל געקומען קיין מצובה האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מײַן קוזין יאָסל האָט געביטן זײַן דירה. קיין מענטש האָט זיך נישט אָנגעזען אין דער הייסער נאָכמיטאָג-שעה אין דעם פֿאַרנעמיקן הויף פֿון דעם קליינעם קיבוץ אין מערב גליל. וועמען צו פֿרעגן איז נישט געווען, בין איך געגאַנגען צווישן די נידעריקע הײַזער און אַרײַנגעקוקט אין די פֿענצטער, אפֿשר וועט זיך מאַכן און איך וועל דערקענען יאָסלס אַ חפֿץ.

קוקנדיק אין די פֿענצטער פֿון די שטיבער אין מצובה האָבן מיך באַגלייט אין זכרון אויך אַנדערע פֿענצטער, אין פֿאַרשידענע מקומות אין דער וועלט, אין וועלכע איך האָב אַ מאָל אַרײַנגעקוקט: אַן אַלטיטשקע פֿון רוסלאַנד, אין נצרת-עלית, וואָס האָט אײַנגעדרעמלט זיצנדיק אויף אַ שטרויענער שטול קעגן איבער דעם פֿאַרלאָשענעם טעלעוויזיע-מכשיר. איר פֿאַרשלאָפֿענער שאָטן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויפֿן גלאָזיקן עקראַן. מײַנס אַ שכן אין מעלבורן, וואָס האָט באַנקראָטירט און זיך אויפֿגעהאַנגען. דורכן פֿענצטער האָב איך געזען דעם שטריק אויפֿן האָקן וואָס האָט זיך נאָך אונטערגעוויגט נאָך דעם ווי מען האָט דעם שכן פֿון דאָרט אַראָפּ-גענומען.

אויך אונדזער זיידן, יאָסלס און מײַנעם, חיים דער שוואַרצער, האָב איך געזען דורך אַ פֿענצטער, ווי ער פֿירט לייבלען דעם חתן צו דער חופּה. מען האָט יאָסלען פֿאַרזאָגט ער זאָל אַכטונג געבן אויף מיר אין גרויסן חתונה-זאַל, איך זאָל נישט פֿאַרלוירן גיין אין היפּשן געדראַנג. מיר זענען ביידע געווען אינעם זעלבן עלטער אָבער ער איז געווען צוויי מאָל העכער פֿאַר מיר. ער האָט מיך צוגעהאַלטן בײַ דער האַנט איך זאָל זיך נישט רירן. ווי ס׳וואָלט גאָר מעגלעך געווען זיך אַ ריר טאָן אין דער שטויסעניש. אַרום זיך האָב איך געזען בלויז קני. יאָסל האָט מיר געזאָגט אַז ער זעט בלויז אַקסלען.

אונדזער מומע שיינע, די כלה, האָבן מיר ביידע נישט געזען. אויך נישט לייבלען דעם חתן, כאָטש ער איז געווען זייער אַ הויכער. מיט אַזאַ הייך, האָט מען אין שטוב גערעדט, איז גאָר נישט קיין חידוש וואָס ער האָט

פֿאַרתכלעוועט דרײַ נדנס, איינעם נאָכן אַנדערן, וואָס דער זיידע האָט געשיקט פֿון אַמעריקע, און צו דער חופּה איז לייבל נישט געגאַנגען. דעמאָלט האָט דער זיידע זיך מטריח געווען און צוריק געקומען פֿון אַמעריקע מיטן פֿערטן נדן אין דער האַנט.

ס׳האָט זיך אונדז זייער געוואָלט זען ווי אַזוי דער זיידע וועט פּאַכען דעם נדן פֿאַר לייבלס נאָז און אים ציען ביז אונטער דער חופּה. מען האָט די חופּה אונטערגעהויבן לייבל זאָל קענען שטיין אונטער איר. אַלע זײַנע אברים זענען געווען איבערגעוואַקסן און זײַן אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּ-געהאַנגען לויז און שווער. לייבל האָט זיך געכּעסנט און געראָגזט אָבער געגאַנגען איז ער ווי אַן אונטערשמייכלנדיק פֿערד.

מיר וואָלטן דאָס אַלץ נישט געזען ווען יאָסל וואָלט נישט באַמערקט אַ פֿענצטער מיט פּנימער. אָרעמע גאַסנקינדער האָבן צוגעפּלאַטשיקט זייערע פּנימער צום גלאָז. האָבן מיר זיך אַרויסגעשטופּט אין דרויסן אַרויס און אַרײַנגעקוקט אינעווייניק. און טאַקע פֿון דרויסן האָבן מיר געזען וואָס אינעווייניק טוט זיך.

טייל פֿענצטער אין מצובה זענען געווען פֿאַרשטעלט מיט אינעווייניקסטע לאָדנס. פֿון מאָל צו מאָל האָט צווישן צוויי בנינים זיך אַן עפֿן געטאָן אַ באַרגיקע געגנט און ווײַט אַוועק אין האָריזאָנט — אַ שטרײַפֿל גרויער ים. איך האָב באַמערקט אויף אַ וועראַנדע אַ פּאָר גרויסע אויסגעטראָגענע שיך און געוווּסט אַז דאָס איז יאָסלס נײַע דירה.

ער איז אַרויסגעקומען זייער אַ הויכער, שוין אַ ביסל אײַנגעבויגן. דעמאָלט, אויף לייבלס חתונה, האָבן מיר געקוקט דורכן פֿענצטער אויך נאָך דעם ווי מען איז זיך שוין געהאַט צעגאַנגען. מען האָט אונדז געזוכט צווישן די אָנגעוואָרפֿענע מלבושים אויף די בעטן, אין די אַלמערס, ביז דער זיידע האָט באַמערקט אונדזערע צוויי פּנימער אין פֿאַרטונקלטן פֿענצטער, צוגעפּלאַטשיקטע צו דער שויב. מײַן פּנים אונטן און יאָסלס — איבער מיר.

# דער גאָרטן

אַ שניי-טאָג אין ירושלים, ווען איך דערציילן עפּעס וועגן שניי אין ביאַלע פּאָדלאַסקע און וועגן אַ גאָרטן אונטערן אײַז. נישט דעם גאָרטן וואָס דער פּראָסט האָט געמאָלן אין שטוב אויף די שויבן, בלומען און ביימלעך, נאָר עטלעכע שפּאַן ערד אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקן פֿון גרויע ברייטער צעפּרעסן פֿון צײַט און ווינט — דער גאָרטן פֿון די שכנים אין קעלער, יאָסקע דער סטאָליער.

זומער איז דער גאָרטן געווען אַ סטאָלערײַ אָנגעשאָטן מיט זעגעכץ. יאָסקע האָט פֿאַרראָכטן פּיס צו בענק און טישן און פֿון דעם האָט ער מפֿרנס געווען זײַן משפּחה. אַ שכנה האָט אַ מאָל אויסגערעכנט פֿאַר דער מאַמען די משפּחה זײַנע. נאָכן פֿאַרבייגן אַלע אירע פֿינגער איז נאָך פֿאַרבליבן אַ שפּאָרער רעשט אין קעלער. אַ קעלער מיט דערוואַקסענע זין און טעכטער, חתונה-געהאַטע און געגטע און אייניקלעך, אויך אַזעלכע וואָס זענען נאָכגעבווירן נאָכן גטן זיך.

איך האָב זיך איין מאָל אונטערגעהערט ווי יאָסקע דער סטאָליער האָט אין שולכל בײַם דאַוונען דערציילט דעם טאַטן ווי ער איז אין אַ פֿראָסטיקן פֿרימאָרגן אַראָפּ פֿון בעט, אָפּגעגאָסן נעגל-וואַסער און שוין געשטאַנען אײַנגעהילט אין טלית און אין תּפֿילין, האָט זיך אים פּלוצלינג אויסגעדאַכט אַז מען פּישטשעט אים הינטער דער טיר.

"נאָך אַן אונטערגעוואָרפֿן ממזרל".

ווער דער ווינטער איז אַוועק און דער פֿרילינג איז געקומען האָט דער קעלער זיך אויסגעליידיקט. נײַע קינדערלעך ווי פֿרישע קורטשיקלעך זענען אַרויסגעקראָכן פֿון דאָרטן און זיך צעשפּרייט איבערן הויף. יאָסקעס ווײַב, די ברייטע ברײַנע, האָט זיך אַרומגעקאַטשעט צווישן זיי ווי אַ געלע הון מיט אויסגעקראָכענע פּעדערן.

אין ווינטער האָט דער גאָרטן אויפֿגעהערט זײַן אַ סטאָליערײַ. ווען דער האַרבסט האָט זיך געשטעלט האָט יאָסקע אָנגעפּילט זײַן זעקל מיט אַ זשמעניע טשוועקעס, אַ האַמער, אַ זעגל, אַ צוואַנג, נאָך עטלעכע כּלים, און זיך אַרויסגעלאָזט גיין איבער די דערפֿער פֿאַרריכטן מעבל.

איידער ער איז אַוועק האָט ער אויפֿגעזאַמלט דאָס זעגעכץ אין גאָרטן ס'זאָל זײַן מיט וואָס צו וואַרעמען דעם קעלער דורכן ווינטער. און דער גאָרטן, אַן אויסגערייניקטער, איז געוואָרן מיטן אָנקום פֿון די רעגנדיקע טעג, אַ סאַזשעלקע אין וועלכער עס זענען אַרומגעשווימען שטיקער שאָלכעץ פֿון פֿרוכט און גרינסן וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפֿן דורך די פֿענצטער און אַזוי פֿאַרבליבן איבערן ווינטער ווען דאָס וואַסער איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן.

איין מאָל אין אַ פֿראָסטיקן טאָג האָבן מיר געעפֿנט דעם פֿענצטער צוליב די גוואַלדן וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון גאָרטן. צום ערשט האָט מען נישט געלייגט קיין אַכט ווײַל מען איז געווען צוגעוווינט צו די אייזעריקע קולות און די קריגערײַען טאָג און נאַכט אין יאָסקעס קעלער. אָבער דאָס מאָל האָט מען געהערט שרײַען אַז דאָס קינד איז טויט.

ביז מען האָט געעפֿנט דעם פֿענצטער, אַראָפּגענומען שמאַטעס און שטיקער וואַטע מיט וועלכע מען האָט פֿאַרשטאָפּט די שפּאַרונעס, האָט מען שוין מער נישט געשריגן. יאָסקעס אַ טאָכטער איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער וואַנט און זי האָט געהאַלטן אַ פֿאַרפֿרוירן קינד אין אירע אָרעמס. איר געגנטער מאַן איז געשטאַנען קעגן איבער לעבן פּאַרקן. זיי האָבן געוואָרפֿן דאָס קינד איינער צום אַנדערן און איצט איז עס געלעגן אין די אָרעמס פֿון דער מאַמען וועלכע איז שוין געשטאַנען אַ שווײַגנדיקע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס פּנים פֿון קינד איז געווען בלוי און פֿון אונטערן אײַז אינעם גאָרטן האָבן אַרויסגעפּלעקט נאָך קאָלירן: דאָס גרינע שאָלעכץ פֿון אַן אוגערקע, דאָס רויטע פֿון אַ בוריק, דאָס געלע שאָלעכץ פֿון אַ מייער.

# פייער אין שנייִ

מײַן עלטער-עלטער זיידע, אַזוי האָט מען אין דער משפּחה דערציילט, איז אַ מאָל געפֿאָרן קיין וואַרשע זוכן פּרנסה און צוריק געקומען פֿון דאָרט מיט אונטערגעהאַקטע פּיאות. ס'איז געווען אין די פֿערציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, ווען דער רוסישער צאַר האָט געוועלטיקט איבער פּוילן און ער האָט פֿאַרבאָטן די ייִדן צו טראָגן בערד און פּיאות. דער זיידע האָט נישט געהאַט קיין געלט זיך אויסצוקויפֿן מיט אַ שטײַער און ווען ער האָט דערזען פּאָליציי אין דער שול ווו ער האָט געהאַלטן אינמיטן דאַוונען, איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פֿענצטער. די פּאָליציי האָט אים אָנגעיאָגט און מיט צוויי שאַרפֿע שטיינער אונטערגעהאַקט זײַנע פּיאות, איבער-לאָזנדיק אים איינע אַ קורצע און די צווייטע נאָך קורצער.

ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט דער זיידע אַרומגעוויקלט דאָס פּנים מיט אַ האַנטעך צו פֿאַרשטעלן די חרפּה און נישט אויפֿגעהערט טענהן אַז ווען עס וואָלט זיך פֿאַרוואַלגערט אין זײַן קעשענע אַן איבעריקע סומע פֿון דרײַ, רובל וואָלט ער זיך אײַנגעשפּאָרט די בושה לפּחות אויף אַ יאָר צײַט. און וואָלט ער פֿאַרמאָגט צוויי מאָל אַזוי פֿיל, האָט ער געחשבונט, וואָלט מען נישט אָנגערירט זײַנע פּיאות גאַנצע צוויי יאָר. און ווען ער וואָלט געווען אַן עושר, און אויסגעצאָלט דעם צאַר צוועלף רובל, וואָלט ער דאָך דוחה געווען די גזירה אויף פֿיר יאָר. און אין אַזאַ לאַנגער צײַט, האָט דער זיידע ווײַטער געחשבונט, וואָלט דער רבונו-של-עולם, אונדזער טאַטע אין הימל, וועלכער קען אין איין רגע איבערקערן גאַנצע וועלטן, זיכער געהאַט גענוג צײַט מבטל צו מאַכן די גזירה פֿון צאַר. אַזוי איז טאַקע געשען. די גזירה איז בטל געוואָרן און די פּיאות פֿון גבירים זענען פֿאַרבליבן אומבאַשניטן.

האָט דער זיידע באַשלאָסן ס'זאָל געשען וואָס עס וויל ער וועט ווערן אַ גביר.

נאָך זייענדיק אין וואַרשע האָט ער זיך אָנגעהערט מיט קלאַנגען וועגן אַ נײַעם מנהג אויף דער וועלט — פֿאַרזיכערן שטיבער קעגן פֿײַער. אַז אַ שטוב ברענט אָפּ באַקומט מען געלט. איין מאָל אין אַ ווינטערנאַכט, אַ

שניי און אַ פֿראָסט, האָט דער זיידע אָנגעקלאַפּט בײַ די שכנים אין די טירן און זיי אָנגעזאָגט אַז עס ברענט שוין.

די שכנים זענען אַרויס אין דרויסן אין גרויס בהלה. אויך די ווײַטערע שכנים. אין דער גרויסער מהומה האָט זיך אויפֿגעוועקט אויך דער פּאָליציאַנט אין ביאַלע און ער איז געקומען צו לויפֿן הענדום-פּענדום מיט די צוויי פֿײַערלעשער הינטער אים, צום זיידנס שטוב. זיי האָבן געזוכט דאָס פֿײַער און נישט געפֿונען. מחמת זיי זענען געקומען צו פֿרי. די שריפֿה האָט זיך נאָך נישט געהאַט צעשפּרייט. אין אַ ווינקל אין קעלער האָט מען געפֿונען אַן אָנגעלייגט פֿײַער. אַ פֿלעמל האָט געקאָפּטשעט און געשוואַרצט דאָס נאָסע האָלץ. נישט גענוג אויף אַ שריפֿה אָבער גענוג אויף צו פֿאַרשיקן דעם זיידן אויף צוויי יאָר סיביר. אין דעם איינציקן בריוו וואָס ער האָט פֿון דאָרטן געשריבן האָט ער געזאָגט אַז די יסורים זענען געקומען אויף אים מחמת ער איז געווען צו פֿאַרזיכטיק. ער האָט נישט געוואָלט עס זאָלן חלילה פֿאַלן קרבנות.

די באָבע איז געפֿאָרן פֿאַלן דעם גובערנאַטאָר צו די פֿיס און ווען זי איז צוריק געקומען האָט זי גענומען אַ קיישל און אַוועק אין מאַרק אַרײַן פֿאַרקויפֿן פֿאַרפֿרוירענע עפּל.

איין מאָל אין ווינטער, אַ שניי און אַ פֿראָסט, אַזוי פֿלעגט דער טאַטע דערציילן, איז די באָבע געזעסן מיטן קיישל עפּל און געוואַרט אויפֿן זיידן ער זאָל צוריק קומען. אין פֿײַער-טאָפּ האָבן געגליט די קוילן אָבער אירע פֿינגער זענען פֿאַרבליבן קאַלט. האָט זי אונטערגעהויבן איר האַלב טוץ יאַקעס און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן טאָפּ. ס'איז איר טאַקע געוואָרן וואַרעמער און אויך דאָס וואַרטן אויפֿן זיידן האָט זיך נישט געצויגן אַזוי לאַנג. און דעמאָלט איז טאַקע דער זיידע אָנגעקומען. ווען זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט צו גיין אים אַנטקעגן איז זי שוין געווען אײַנגעהילט אין פֿײַער און אין רויך. זי האָט געפּאַטשעט מיט די הענט ווי אַ הון צום פֿליען, האָט דער זיידע זיך נישט צעטומלט. די מעשה מיטן פֿײַער איז נישט פֿאַרגעסן געוואָרן אין סיביר, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ שעפּל, איר באַגאָסן מיט וואַסער און די באָבע איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין איר פּלי.

# דריי זעקלער קאַרטאָפֿל

דער הויכער פּאָליציאַנט האָט מיך באַליידיקט. אויף די טרעפּ אין פֿאַרטונקלטן קאָרידאָר פֿון פֿאַרנעמיקן בנין, האָט ער זיך אָנגעטאַפּט אויפֿן אָרט וווּ איך האָב אים אָנגערירט מיט אַ פֿינגער און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אַ קריכנדיק שרצל. ער האָט זיך אויך צעבייזערט אויף מיר הלמאי איך האָב אים געשטערט אין אַ שמועס מיט אַ צווייטן, אַזוי ווי ער, אַ הויך־ראַנגיקן אָפֿיציר. ער האָט נאָך אויסגעזען העכער ווי אין דער אמתן ווײַל ער איז געשטאַנען אויף אַ טרעפּל העכער און איך בין אַ קליינער. ווען איך האָב אויפֿגעהויבן מײַן פּנים און אַרויפֿגעקוקט אים צו זאָגן אַז אייגנטלעך האָב איך בלויז געוואָלט פֿאַרבײַגיין און ער האָט מיר פֿאַרשטעלט דעם וועג, האָב איך דערזען פֿאַר זיך מײַן פֿעטער שעיה דעם בעקער פֿון בריסק פֿונעם טאָג ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל און געגאַנגען אין חדר.

איך בין טאַקע יענעם טאָג געהאַט אַנטלאָפֿן פֿון חדר און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער גאַס אויסגראָבן שטיינער. מיט אַ צעבראָכענע לעפֿל האָב איך געגראָבן אַ שטיין נאָך אַ שטיין ביז עס איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט וואָס האָט מיך אויפֿגעהויבן אין דער הייך און זיך נאָכגעפֿרעגט וועמענס איך בין. די גאַס האָט נישט געענטפֿערט אָבער ער האָט מיך ווײַטער געהאַלטן ווי מען האַלט אַן אָפּגעפֿליקט הינדל. דורך זײַן אויפֿגעהויבענעם אָרעם האָב איך געזען דעם פֿענצטער פֿון אונדזער שטוב אויפֿן ערשטן שטאָק און דעם טאַטנס שילד אָנגעקלאַפּט אויפֿן טויער וואָס האָט געפֿירט אין הייפֿל אַרײַן. אַ שטיוול איז דאָרט געווען אָנגעמאָלט אויף בלאָ. אונטערן פֿענצטער איז געשטאַנען אָפֿן דאָס שפּײַז־געוועלבל פֿון יואלקע דעם רבינס ווײַב. צו פֿאַרהאַלטן די לאָדנס זיי זאָלן זיך נישט פֿאַרמאַכן איז פֿון בײדע זײַטן געשטאַנען אַ זאַק מיט קאַרטאָפֿל. דעמאָלט האָט פֿון דער טיף פֿון געוועלבל זיך באַוויזן יואלקע מלמד מײַן רבי. דאָס איז ער געקומען מיך זוכן און אַרײַנטראָגן בגוואַלד צוריק אין חדר אַרײַן. דערזעענדיק ווי איך הענג אַראָפּ פֿון פּאָליציאַנטס האַנט האָט ער זיך אויך פֿאַרהאַלטן אויף אַ רגע אינעם אַרײַנגאַנג. ער איז געווען קליין, דיק, מיט

אַ האָרב פֿון הינטן און פֿון פֿאָרנט, און אין דער רגע, האָט ער אויסגעזען צווישן די צוויי זעק, ווי אַ דריטער זאַק מיט קאַרטאָפֿל.

צווישן דעם פּאַליציאַנט און מײַן רבין האָב איך דערזען מיט אַ מאָל מײַן פֿעטער שעיהן פֿון בריסק. ער איז געקומען צו פֿאָרן ווערן אַ חתן פֿאַר מײַן שוועסטער, און ער האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַצינד דער אָפֿיציר אויף די פֿאַרטונקלטע טרעפּ: הויך, אָפּגעגאָלט, ברייטע פּלייצעס, ווײַסע ציין, אויך אַ גאָלדענער צאָן.

דער פּאָליציאַנט אויף די טרעפּ, דאָ אין ירושלים, האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זײַט איך זאָל זיך לאָזן ווײַטער אַרויף צום העכערן שטאָק.

"אדוני!" האָט ער געזאָגט און מיך אונטערגעאײַלט איך זאָל נישט שטיין אַ פֿאַרשטעמטער און אַרויפֿשמייכלען צו אים. אין דער אמתן האָב איך גאָר אַרויפֿגערעדט צו מײַן פֿעטער שעיה. איך האָב אים געוואָלט דערציילן ווי אַזוי איך בין פֿון אַ שרץ געוואָרן אותו רגע אַן אָפּגעפֿליקט הינדל. געזאָגט האָב איך:

"גוט וואָס דו ביסט געקומען, פֿעטער שעיה".

# בערעק יאָסעלעוויטש

"ער איז געווען אַ גענעראַל".

אַזוי האָט מײַן פֿעטער שמילע געזאָגט ווען איך האָב דערציילט אין דער היים וועגן אונדזער געשלעג אין דער שולע מיט די פּוילישע יינגלעך, אַז זיי זענען אַנטלאָפֿן פֿון אונדז ווען מיר זענען אַרויס קעגן זיי מיטן אויסרוף: בערעק יאָסעלעוויטש.

"און ער האָט אַוועקגעשענקט זײַן לעבן פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון פּוילן", האָט דער פֿעטער שמילע צוגעגעבן, נאָכן אַרויסלאָזן דעם רויך פֿון פּאַפּיראָס דורך זײַן ברייטער נאָז וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ העלפֿט פֿון זײַן פּנים.

אין די ווינטער-טעג איז דער פֿעטער שמילע אָפֿט געקומען צו אונדז זיך אָנוואַרעמען לעבן אויוון. פֿינעף יאָר האָט ער געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי ווײַט אַוועק אין סיביר, און ווען ער איז אַהיימגעקומען אַ באַ-פֿרײַטער האָט זיך אים פֿאַרבענקט נאָך אַ וואַרעמע שטוב. אַ בעקערײַ למשל. קיין געלט האָט ער נישט געהאַט אָבער ער איז געווען אַ יונג צום געפֿעלן ווערן האָט ער פֿאַרטראַכט אַ פּלאַן חתונה צו האָבן מיט אַ שיין מיידל וואָס וועט אַרײַנטראָגן אין נדן אַ שיינע בעקערײַ. ביידע שיינקייטן צוזאַמען האָבן זיך אַזוי גיך נישט אָפּגעפֿונען, האָט דער פֿעטער שמילע אַראָפּגעלאָזט פֿון מקח, די כלה — מילא, אַבי די בעקערײַ זאָל אים געפֿעלן. געפֿלאַנט האָט ער באַלד נאָך דער חתונה אָפּגטן דאָס מיאוסע ווײַב און בלײַבן בײַ דער שיינער בעקערײַ. געשען איז פֿאַרקערט. די בעקערײַ איז פֿאַרשוווּנדן און דאָס ווײַב איז פֿאַרבליבן.

דערפֿאַר פֿלעגט ער קומען צו אונדז זיך אָנוואַרעמען און רעדן וועגן זײַן העלד, בערעק יאָסעלעוויטש, דער יידישער גיבור וואָס שוין מיט הונדערט יאָר צוריק און אפֿשר נאָך מער, איז ער דערגאַנגען זייער ווײַט. דערגאַנגען ביז צום כסא המלך. אָן מורא האָט בערעק יאָסעלעוויטש זיך געשטעלט פֿאַרן מלך און דערציילט אַז ער קען רײַטן אויף אַ פֿערד, ווייסט אויף וועלכער זײַט אַ זעלנער הענגט אָן זײַן שווערד, און זײַנע שטיוול זענען תמיד אָפּגעפּוצט און גלאַנציק. און דעם מלך האָט ער געזאָגט אַז ער איז מוכן ומזומן געשיקט צו ווערן אויפֿן פֿראָנט מלחמה צו האַלטן מיט די

רוסישע הערשער, די אייביקע שונאים פֿון פּוילישן פֿאָלק.

אין די טעג ווען דער פֿעטער שמילע איז אַריַין אין אַ דערשלאָגענער שטימונג, צוליב דער בעקעריַי וואָס ער האָט פֿאַרלוירן, צוליבן וויַיב וואָס איז פֿאַרבליבן, פֿלעגט ער קומען צו אונדז רויכערן פּאַפּיראָסן און, צווישן איין הוסט און צווייטן, פֿלעגט ער זיך אונטערברומען דאָס לידל וועגן זיַין באַליבטן העלד.

ס'האָט געטראָפֿן אַז ער האָט איבערגעריסן זיַין ברומען, זיך פֿאַרקוקט אויף מיר, און אויסווישנדיק די ברילן פֿון רויך, די פֿיַיכטקייט פֿון אַ טרער, מיר אָנגעזאָגט איך זאָל געדענקען דעם גיבור בערעק יאָסעלעוויטש, און ווען איך וועל עלטער ווערן און מיַין זון וועט אונטערוואַקסן, זאָל איך נישט פֿאַרגעסן דערמאָנען דעם העלד, וואָס אַפֿילו הונדערט יאָר נאָך זיַין טויט, האָט ער נאָך אַלץ פֿאַרטיידיקט יידישע יינגלעך אין גלות פּוילן.

ווען ס'איז מיר יענע וואָך אויסגעקומען דערמאָנען דעם יידישן גענעראַל, האָט מיַין זון, וועלכער האָט זיך באַפֿריַיט אויף אַ טאָג פֿון דער מלחמה, אַזוי געזאָגט צו מיר:

"טאַטע, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט היַינט אַ גענעראַל ?"

אין אַמעריקע, האָט ער צוגעגעבן, קוקט מען היַינט אויף גענעראַלן פֿון אויבן אַראָפּ, מחמת די קאַשע וואָס זיי האָבן פֿאַרקאָכט אין דער מלחמה אין וויעטנאַם.

ער האָט זיך אַוועקגעאיַילט, מיַין זון, צום פֿראָנט, און איך האָב זיך פֿאַרטראַכט וועגן אַמעריקע וואָס לאַכט אָפּ פֿון אירע גענעראַלן. וואָס וואָלט אַ שטייגער געווען, האָב איך זיך געפֿרעגט, ווען אַמעריקע געווינט די מלחמה אין וויעטנאַם, וואָלט איך דאָך אויך היַינט, אַזוי ווי מיַין פֿעטער שמילע אַמאָל, זיך אונטערגעברומט דאָס לידל וועגן די יינגלעך וואָס גייען צום פֿראָנט און זיי ווייסן אויף וועלכער זיַיט מען הענגט אָן אַ שווערד.

נאָך גוט וואָס מיַין פֿעטער שמילע האָט נישט געהערט וועגן דער דאָליע פֿון די אַמעריקאָנער גענעראַלן, און ער ברומט נאָך אַלץ אונטער אין מיַין זכרון, אַ לויב זיַין גענעראַל, דער איינציקער יידישער גענעראַל אין גלות פּוילן — בערעק יאָסעלעוויטש.

אוי, בערעלע בערעלע
מיט הונדערט גיבורים אַזוינע ווי דו
וועלן מיר אויפֿשטעלן אַ יידישע מדינה.

# אַ דאָקטער

איך האָב זיך קוים דערמאָנט ווער ער איז, דער בחור מיטן גאָלן קאָפּ, וואָס האָט מיך אָפּגעשטעלט אויף רחוב מלך דזשאָרדזש, ירושלים, און געוואָלט פֿון מיר אַן ענטפֿער אויף עפּעס אַן ענין מיט יאָרן צוריק. ס'איז געווען בעתן אַריבערגיין די גאַס, ווען ס'איז געוואָרן גרין, האָב איך זיך אומגעקערט צוזאַמען מיט אים, צוריק ווו איך בין פֿריער געשטאַנען, לעבן דעם גרויסן "המשביר"-בנין, און דאָרטן האָט ער מיר נאָך אַ מאָל דערמאָנט ווי אַזוי איך האָב אים אַ מאָל געהאַט צוגערעדט צו ווערן, אַזוי ווי איך, אַ חבר אין אַ קיבוץ. טאָ ווי זשע קומט עס וואָס איך לעב שוין יאָרן אין שטאָט, אַ מקום וואָס דעמאָלט האָב איך עס, פֿאַר אים אין די אויגן, אָנגערופֿן אַ דזשאַנגל.

דער בחור מיטן גאָלן קאָפּ האָט מיר צוגעוואָרפֿן אין פּנים אַרײַן עטלעכע חוזק-ווערטער, ער האָט נאָכגעקרומט דאָס וואָרט גלײַכהייט, און נישט באַקומענדיק אויך איצט אַ לײַטישן ענטפֿער פֿון מיר, האָט ער מיך איבערגעלאָזט אין דרויסנדיקן גערודער און אַרײַן אין גרויסן געשעפֿט. דער חוזק האָט גאָרנישט געפּאַסט אויף זײַן קײַלאַכדיק פּנים. ער איז אויך פֿעטער געוואָרן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, און זײַן גאָלער קאָפּ האָט נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט אויסגעזען נאָך גאָלער. איך בין צוריק אַריבער די גאַס ווען ס'איז ווידער געוואָרן גרין, און ביז איך האָב געפֿונען דאָס שלאָסערגעוועלב, אויף בן-יהודה, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ מעשה פֿון מײַנע קינדער יאָרן וועגן אַ דאָקטער מיט אַ גאָלן קאָפּ.

דער טאַטע האָט מיך געפֿירט צו אים און אויפֿן וועג האָט ער באַטראַכט דאָס קוויטל, וואָס מען האָט אים געגעבן אין דער גמינע, פֿאַרן דאָקטער. די שטאָט וועט באַצאָלן פֿאַרן וויזיט, איז דאָרט געווען פֿאַרצייכנט, ווײַל מיר זענען געווען אָרעם.

אָבער ווען מיר זענען אַרײַן אין קאַבינעט האָט דער טאַטע נישט געוויזן דעם דאָקטער דאָס קוויטל, טאָמער וועט יענער מיך נישט בודק זײַן ווי עס דאַרף צו זײַן און אויך פֿאַרשרײַבן אַ נישט ריכטיקע מעדיצין. דער טאַטע האָט פֿאַרשטעקט אַ האַנט טיפֿער אין קעשענע און איבערגעוואָרפֿן צווישן

די פֿינגער אַלטע פֿעניקעס פֿון די צאַרישע צײַטן, וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט אין שטוב. ווען דער דאָקטער האָט געהערט דעם קלאַנג פֿון מטבעות און באַמערקט ווי דער טאַטע זוכט זיי צונויף נאָך טיפֿער אין זײַן קעשענע, איז אָפּגעפֿאַלן זײַן חשד אַז מיר קומען צו אים ווי אָרעמע־לײַט. ער האָט מיך לאַנג באַטראַכט און דערלאַנגט דעם טאַטן אַן אויפֿגעשריבענעם רעצעפּט. ערשט דעמאָלט האָט דער טאַטע אים אויסגעשטרעקט דאָס גמינע־קוויטל וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון אַ צווייטער קעשענע. דער דאָקטער איז געוואָרן אין כעס. זײַן קײַלאַכדיק פּנים האָט זיך אָנגעצונדן און זײַן גרויסער גאָלער קאָפּ האָט אויסגעזען ווי אַ געלע דיניע מיט געלערע פֿלעקן. ער האָט געעפֿנט די טיר פֿון זײַן קאַבינעט און אונדז אַרויסגעיאָגט ווי מען יאָגט אַרויס עפּעס אַ הונט, נאָכשרײַענדיק אויף פּויליש:

„פּאַשאָל וואָן!"

אין דרויסן האָט דער טאַטע מיר געהאָלפֿן פֿאַרקנעפּלען דאָס העמד וואָס איך האָב נישט באַוויזן אינעווייניק אַרײַנשטופּן אין די הויזן. ער האָט באַטראַכט דעם פֿאַרשריבענעם רעצעפּט און געפֿרעגט צי איך בין הונגעריק, ווײַל ער האָט אָנגעגרייט אַ האַרט איי פֿאַר אונדז ביידן. מיר האָבן אָפּגעזוכט אין גאַס אַ בריקל פֿון אַ פֿאַרמאַכט געשעפֿט און זיך אַראָפּגעזעצט עסן. דער טאַטע האָט צעשפּאָלטן דאָס איי אויף צוויי חלקים און ביידע האָבן מיר עס געטונקען אין זאַלץ וואָס דער טאַטע האָט געהאַט ליגן פֿאַרוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר.

„מע האָט אים אָנגעפֿרײַערט", האָט דער טאַטע געזאָגט און ער האָט זיך אונטערגעלאַכט.

איך האָב אונטערגעוואַרט אין שלאָסער־געשעפֿט ביז דער שליסל צו דער נײַער דירה איז פֿאַרטיק געוואָרן. דער שלאָסער האָט שלײַפֿנדיק געוואָרפֿן אויף מיר איבעריקע בליקן. ער האָט געמיינט אַז איך רעד עפּעס צו אים. איך האָב גערעדט צום בחור מיטן גאָלן קאָפּ וואָס איך האָב קוים דערקאָנט בײַם דורכקרײַצן די גאַס. זאָל ער אויך וויסן וואָס אַ האַרט איי קען אַ מאָל אָפּטאָן אַ מענטש. און אויך דעם טאַטנס שמייכל, זײַן אונטערגעלעכטערל אויפֿן בריקל פֿון פֿאַרמאַכטן געוועלב.

# דער אַמסטערדאַמער פילאָסאָף

דער בעל־הבית פֿון געשעפֿט האָט אַ פּנים דערקענט אַז איך האָב זיך זייער איבערגענומען מיטן אָפּגענוצטן ביכל און ער האָט מיר אויפֿגעזונגען פֿאַר דעם אַ הויכן פּרייַז. ער האָט מיך געזען, האָט ער געזאָגט, שטיין אויפֿן לייטער מיטן קאָפּ פֿאַרשטעקט אין גרינעם שפּינוועבס, און אין דעם אופֿן ווי איך האָב אָפּגעווישט דעם שטויב פֿון ביכל, וואָס איך האָב געפֿונען אויף דער הויכער פּאָליצע, האָט געשטעקט, איז ער געווען זיכער, אַ מעשה. "לאָמיך הערן".

ער האָט נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן פֿון פּרייַז האָב איך אים געזאָגט, אָדער־אָדער, אָבער ער איז באַשטאַנען נאָר אויף ביידע, אי דאָס געלט, אי די מעשה.

אין אונדזער שטוב, אין ביאַלע, זענען נישט געווען קיין ביכער. נישט געווען קיין געלט אויך אויף טאָג־בלעטער. אָבער די ראָמאַנען וואָס האָבן זיך דאָרטן געדרוקט אין המשכים האָבן מיר יאָ געלייענט. מיר האָבן זיי באַקומען פֿון דעם אייניציקן אייַנבינדער אין שטאָט. ער פֿלעגט אויסשנייַדן די המשכים פֿון אויסגעלייענטע בלעטער, צוגעקלעפּט די ראַנדן מיט פּאַפּ און זיי אויסגעבאַרגט פֿאַר אַ קליינעם אָפּצאָל.

אין מיטן דער וואָך האָט מען געאַרבעט ביז שפּעט אין די נעכט און דער קאָפּ איז נישט געלעגן אין מעשיות. געקומען פֿרייַטיק האָט דער טאַטע מיר געגעבן צען גראָשן איך זאָל ברענגען פֿון אייַנבינדער אַ פּעקל המשכים, פֿון אַ וואָך אָדער פֿון אַ חודש, פֿאַרן זעלבן פּרייַז.

ס'איז געווען פֿון וואָס צו קלייַבן. אין יענע יאָרן זענען דערשינען אין פּוילן אַרום צען יידישע טאָג־צייַטונגען און יעדע, די מינדסטע, אויב זי האָט געשעצט איר כּבֿוד און געזוכט פּרנסה, האָט געדרוקט אַמווייניקסטן דרייַ ראָמאַנען. אַלע זענען געווען צוגעשניטן לויט דער זעלבער לענג, אַ האַלב יאָר, פֿון פּסח ביז סוכּות.

פֿרייַטיק צו נאַכטס נאָכן עסן איז מען געבליבן זיצן לעבן טיש, מען האָט אַראָפּגעצויגן נידעריקער דעם הענגלאָמפּ, און דער טאַטע האָט פֿאָרגעלייענט אַ שפּאַנענדע געשעעניש וועגן גירוש שפּאַניע. וועגן דעם יידישן

מיניסטער דאָן אַברבנל און זײַן שײנע פֿרוי דאָנאַ גראַציע. אויך אַ ראָמאַן וועגן אומשולדיקע מײדלעך וואָס זענען פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון מכלומרשטע חתנים. אַ בחור איז אַראָפּגעקומען אין אַ שטעטל, זיך פֿאַרגעשטעלט רײַך, צוגעזאָגט חתונה האָבן און אָוועקגעפֿירט די כלה צום פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ זונה אין אַרגענטינע. אויך וועגן זישע ברייטבאַרד, דעם שטאַרקסטן מענטש אויף דער וועלט, האָט מען אויפֿגעשריבן אַ ראָמאַן. אַ פּרינצעסין פֿון קיעוו האָט זיך אין אים פֿאַרליבט. זי האָט אים גערופֿן זיגמונטשע און פֿון גרויס ליבע אים אָפּגעגעבן אַלע אירע גיטער און פּאַלאַצן.

„אויך מײַן גוף איז דײַנער", האָט זי אויסגערופֿן.

דער אײַנבינדער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שיטערע הויט אויפֿן בלײַכן פּנים, ענלעך אויפֿן קאַליר פֿון פּאַפּ מיט וועלכן ער האָט געקלעפּט די אויסשניטן פֿון די בלעטער. איין מאָל איז ער קראַנק געוואָרן און זײַן ייִנגל האָט מיר פֿאַרקויפֿט, פֿאַר די זעלבע צען גראָשן, אַ גאַנץ בוך וואָס האָט זיך דאָרטן אַרומגעוואַלגערט און קײנער האָט עס נישט באַדאַרפֿט.

געקומען די שעה פֿון לייענען האָט דער טאַטע געעפֿנט דאָס בוך און אונדז געוויזן דאָס בילד פֿון מחבר וואָס איז געווען אַרײַנגעקלעפּט אויפֿן צווייטן שער-בלאַט. אַ מאַן מיט אַ לענגלעך פּנים. לאַנגע האָר פֿאַרנומען אויף הינטן מיט אַ שלייף, אַ ביסל אַ ווײַבעריש אויסזען.

„ברוך שפּינאָזאַ".

וועגן דאָנאַ גראַציאַ האָבן מיר שוין געהערט, האָט דער טאַטע געזאָגט, וועלן מיר עפּעס הערן וועגן דעם ייִדישן פֿילאָסאָף פֿון אַמסטערדאַם און זען וואָס עס שרײַבט זיך אין זײַן בוך „די עטיק". ער האָט אָנגעהויבן לייענען און פֿרעמדע ווערטער האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט פֿון זײַן צונג. דעפֿיניציעס. שלוס-זאַצן. אַקסיאָמען. אַטריבוטן פֿון דער גאָטהייט. ער האָט נישט באַוויזן איבערבלעטערן אַ בלאַט און שוין האָבן די אויגן זיך אָנגעהויבן קלעפּן. האָט מען געמאַכט די בעטן און זיך געלייגט שלאָפֿן. איך אַליין בין געבליבן זיצן לעבן טיש. ס'איז מיר געווען אַ שאָד מײַן ערשט ביכל, אַן אייגן ביכל, אײַנגאַנצן מײַנס. האָב איך צוריקגעמישט אַ בלאַט און זיך פֿאַרקוקט אויפֿן בילד. דאָס זעלבע פּנים און דעם זעלבן שער-בלאַט האָב איך דערזען שטייענדיק אויפֿן לייטער, ווען איך האָב אָפּגעווישט דעם שטויב און געעפֿנט דאָס ביכל וואָס איך האָב געפֿונען אין שפּינוועבס. דעמאָלט, מיט יאָרן

צוריק, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן טאַטנס אָרט, אַראָפּגעצויגן נאָך נידעריקער דעם נאַפֿט-לאָמפּ, און זיך גענומען צום לייענען פֿון אָנהויב אָן. איך האָב געלייענט און געלייענט, גאָרנישט פֿאַרשטאַנען און זיך פֿאַרליבט אין איטלעכן וואָרט.



# אַ פּנים אָן אַ נאָז

נאָך דעם ווי איך בין אַרויס פֿון זײַן קליין וואַרשטאַטל אויף רחוב יעלין אין ירושלים, האָב איך אײַנגעהאַלטן אין זכרון דעם קאַמאַשנשטעפּערס רייד. ער האָט געזאָגט אַז די גוטע פֿון זײַן פּאָר זענען שוין פֿון לאַנג אויס-געשטאָרבן און ער אַליין איז פֿאַרבליבן דער איינציקער אין שטאָט.

עפּעס ענלעכס וועגן דעם האָב איך שוין געהערט מיט יאָרן צוריק ווען די מאַמע האָט פֿאַרגעוואָרפֿן דעם טאַטן נאָך אין שטעטל אין פּוילן, פֿאַר-וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ געמיין פֿאַך. זי האָט געוואָלט דערלעבן דעם טאָג ווען קאַמאַשנשטעפּערײַ וועט אָפּגעמעקט ווערן פֿון דער ערד. דאָס האָט זי זיך געווונטשן ווען דער סוחר, וועלכער האָט אונדז צוגעשטעלט לעדער אויף שטעפּן די כאַלעוועס, פֿלעגט קומען באַצאָלן פֿאַר דער אַרבעט.

״אפֿשר וועט ער דאָס מאָל געבן מזומנס״, האָט דער טאַטע געפּרוּווט פֿאַרווישן דעם כעס אויף דער מאַמעס פּנים. אָבער אויך דאָס מאָל האָט דער סוחר זיך געשוווירן אַז ער האָט נישט בײַ זיך אַפֿילו קיין אויסגעריבענע מטבע און דערלאַנגט דעם טאַטן אַ וועקסל אויסגעשטעלט אויף אויסצוצאָלן ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום.

און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע שפּיל:

דער טאַטע איז נאָך געשטאַנען און באַטראַכט דאָס וועקסל נישט וויסנדיק ווי אַזוי ער וועט מיט דעם באַצאָלן די חובות אין שפּײַז-געוועלבל, דירה-געלט, פֿאַר אַ מלבוש, האָט דער סוחר אים געפּרעגט אויב ער האָט ווידער בדעה צו גיין אין באַנק אַרײַן דיסקאָנטירן דאָס וועקסל פֿאַר אַ העלפֿט פֿון דעם באַטרעף. ״זיי שינדן דאָרטן די הויט״, האָט ער געוואָרנט דעם טאַטן און אים פֿאַרגעלייגט אַן אויסוועג; פֿאַרוואָס זאָלן פֿרעמדע לײַט פֿאַרדינען אויף זײַן חשבון, זאָל דער טאַטע אים צוריק געבן דאָס וועקסל, און ער, דער סוחר, וועט אויפֿן אָרט אויסצאָלן דעם טאַטן מזומן געלט. דאָס זעלבע וואָס אין באַנק, פֿאַרשטייט זיך, אַ העלפֿט פֿון דעם באַטרעף. דער סוחר האָט נישט געהאַט קיין נאָז און די צוויי לעכלעך דאָרטן אויף זײַן פּנים האָבן אויפֿגעלעבט בעת ער האָט אויסגעציילט דעם טאַטן די באַנקנאָטן.

״אויסגיין פֿון הונגער״, האָט די מאַמע געזאָגט, ״אַבי מען זאָל נישט

דאַרפֿן פֿאַרטראָגן אַזעלכע בושות״. און זי האָט אַ נדר געטאָן נישט אַרײַנלאָזן דעם סוחר אין שטוב אַרײַן ווען ער וועט נאָך אַ מאָל ברענגען אַרבעט. אָבער דער סוחר איז איר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און געקומען אונדז אָנזאָגן אַז ער וועט אונדז מער קיין אַרבעט נישט געבן מחמת מיר טוען אים אָפּ אַ שפּיצל; דאָס לעדער פּלאַצט בעת די שוסטערס ציען אָן די כאָלעוועס אויף די קאָפּיטעס ווען זיי קלאַפּן אַרויף די זוילן. דאָס לעדער איז געווען זײַן אייגנס, ער האָט עס געבראַכט צו אונדז, האָט דער סוחר צוגעגעבן, און מיט דער טענה איז דער טאַטע געווען גערעכט, אָבער ער האָט אויך געוווּסט וואָס מיר טוען אים אָפּ ווען ער גייט אַוועק:

״איר פּישט אויף מײַן לעדער״.

דער טאַטע האָט זיך נישט אָנגערופֿן. ער וואָלט געבעטן רחמנות אָבער אַ פֿריערדיק מאָל, ווען דער סוחר האָט דערהערט דאָס וואָרט, האָט ער געפּאָכעט מיט אַ פֿינגער לעבן זײַנע צוויי לעבלעך אויפֿן פּנים און געטענהט אין צוויי שפּראַכן אין פּויליש און אין יידיש:

אומניע טעגאָ ניעמאַ! בײַ מיר איז דאָס נישטאָ!״

דער טאַטע האָט געוואָרפֿן אַ צעטומלטן בליק אַרײַננעמענדיק דער מאַמען און אונדז אַלעמען אין זײַן בהלה. אַ שטוב אָן אַרבעט, האָט ער געוווּסט, איז אַ שטוב פֿון טרויער, האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַ געבייזער וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט פֿאַר אים אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועט מען מער נישט אָפּטאָן קיין שפּיצלעך און ער האָט אויסגעשריגן:

״נישט פּישן אויפֿן סוחרס לעדער!״

# די רשימה

נאָך דעם ענין מיטן רײַכן סוחר וואָס האָט נישט געהאַט קיין נאָז, האָבן מיר אויסגעשטעלט אַ רשימה אין שטוב. די מאַמע האָט געזאָגט אַז מען מוז שוין עפּעס טאָן. זי האָט אויפֿגעהערט שווײַגן און געהייסן דעם טאַטן זיך אויפֿהערן וויצלען און אויפֿגעבן זײַנע אַמביציעס אַרויסצורופֿן בײַ וועמען אַ שמייכל אויף די ליפּן. אין אירע אויגן איז יעדער שמייכל זײַנער געווען אַ לאַטע אויף אונדזער פֿאַרשעמט לעבן. זי האָט אים געהייסן גיין אין שול אַרײַן, קלאַפּן אין טיש און נישט לאָזן דאַוונען. זאָל ער דערציילן וואָס דער סוחר, וואָס מען האָט אים גערופֿן ״דאָס נעזל״, האָט אונדז אָפּגעטאָן.

זאָל ער זיך אָנפֿרעגן אין שול וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן; צי מעג מען באַגזלענען אַן אָרעמע משפחה. ווײַל דאָס האָט דער סוחר געטאָן. אונדז צוגעשטעלט סחורה, מיר האָבן אָפּגעאַרבעט פֿאַר אים אַ גאַנצן ווינטער, און ווען דער פֿרילינג איז געקומען האָט ער צוגענומען די אָפּגעשטעפּטע כאַלעוועס, אונדז מודיע געווען אַז מער קיין אַרבעט איז פֿאַר אונדז נישטאָ און ער האָט אויך נישט קיין געלט, קיין מזומנס און נישט קיין וועקסלען.

זאָל מען וואַרטן אויף בעסערע צײַטן, האָט ער געזאָגט דעם טאַטן, וועט ער אונדז באַצאָלן. אָבער דער פּסח איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל און דער הונגער האָט זיך געשפּירט אין שטוב. די מאַמע האָט געשיקט נחמיהן, דעם פּעטערס ייִנגל, ברענגען זופּ פֿון דער שטאָטישער קיך. זי האָט אים געהייסן פֿאַרשטעלן דאָס טעפּל, די גאַס זאָל נישט וויסן וואָס עס טוט זיך בײַ נח דעם שטעפּער אין שטוב. זי האָט אַרויסגענומען פֿון אַלמער דעם טאַטנס מאַנטל און אים צעעפֿנט, דער טאַטע זאָל אַרײַנשטעקן זײַנע הענט אין די אַרבל און זיך לאָזן אין שול אַרײַן. זאָל ער עפֿענען דאָרטן ס׳מויל אַזש די שטאָט זאָל אַ ציטער טאָן.

דער מאַמען אַליין האָט באַנג געטאָן וואָס זי האָט נישט אָפּגעביסן בײַ דעם רײַכן סוחר אַן אויער. זי האָט איין מאָל אַז עפּן געטאָן פּלוצלינג אונדזער טיר, האָט זי אים געטראָפֿן שטיין מיט אַן אונטערגעשטעלטן אויער. אַ מענטש אין זײַן שטאַנד זאָל זיך נישט שעמען טאָן אַזאַ זאַך. וועט אים

שוין אויך נישט שאַטן, האָט די מאַמע געזאָגט, אויב עס וועט אים נאָכ־הענגען אַן אָפּגעביסענער אויער.

דער טאַטע האָט געטראַכט פֿאַרקערט און ער האָט געהאַט אַ מעשה צו באַווײַזן אַז ער איז גערעכט, אָבער צוליב דער מאַמעס צאָרן איז ער געבליבן בײַם שטאַמלען. ער האָט נישט פֿאַרשטעקט זײַנע הענט אין די אַרבל פֿון זײַן מאַנטל אָבער ער איז גרייט געווען זיך צוזעצן צום טיש און מאַכן אַ רשימה פֿון די חשובה בעל־הבתים אין שטאָט צו וועלכע מען קען גיין אויסלייגן פֿאַר זיי אונדזער ביטער האַרץ.

איך האָב אַרויסגעריסן אַ בלאַט פֿון מײַן העפֿט, דער טאַטע האָט פֿײַכט געמאַכט מיטן צונג דעם שפּיץ פֿון בלײַער און אָנגעהויבן פֿאַרצייכענען נעמען.

דעם שוחט, דעם צאָן־דאָקטער, דעם דאָזאַר דוד ווײַסמאַן פֿון טאַרטאַק. נחמן בילעצקי, דעם אָנפֿירער פֿון די פֿײַערלעשער. שלמה קאַלעכשטיין פֿון אײַזן־געשעפֿט.

די מאַמע איז געשטאַנען לעבן טיש מיטן טאַטנס מאַנטל אין די הענט. אירע אייגענע הענט האָבן געציטערט. זי האָט געקוקט ווי די רשימה ווערט לענגער און ווען דאָס זײַטל פּאַפּיר האָט זיך אָנגעפֿילט מיט נעמען האָט אויך דעם טאַטנס מאַנטל אין אירע הענט זיך באַרואיקט. סוף סוף האָט דער טאַטע אײַנגעזען אַז מען דאַרף עפּעס טאָן קעגן דעם אומרעכט אויף דער וועלט.

דער טאַטע, ווען די רשימה איז פֿול געוואָרן, האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל און דערקלערט פֿאַר אונדז אַלעמען אין שטוב, אַז ווי עס ווײַזט זיך אַרויס זענען פֿאַרט טאַקע פֿאַראַן אין אונדזער שטאָט מענטשן וואָס וועלן זיך אָננעמען פֿאַר אַן עוולה. און ער האָט שפּאַצירט מיט אַ פֿינגער איבער די נעמען אויסצוקלײַבן דעם ערשטן צו וועלכן ער זאָל גיין דערציילן זײַן צרה.

דעם ערשטן נאָמען האָט ער, נאָך אַ ווײַלע איבערטראַכטן זיך, אויס־געמעקט פֿון דער רשימה, ווײַל ס'האָט נישט אויסגעזען אַז יענער וועט זיך פֿאַר אונדז אָננעמען און נישט מורא האָבן זאָגן דעם אמת דעם סוחר אין פּנים אַרײַן. נאָך דעם האָט דער טאַטע אויסגעמעקט דעם שוחט, דעם צאָן־דאָקטער, דעם פֿײַערלעשער, דער דאָזאַר, און ווען ער האָט אויסגעמעקט דעם לעצטן נאָמען האָט די מאַמע זיך אַ לאָז געטאָן צום אַלמער צוריק אויפֿצוהענגען דאָרטן דעם טאַטנס מאַנטל.

אויפֿן וועג האָט זי געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער אויסגעמעקטער רשימה און אויף אַ רגע האָט דעם טאַטנס פֿאַרשעמטער שמייכל זיך אָפּגעבלאַסט ווי אַ העלע נייַע לאַטע אויף דער מאַמעס פֿאַרטונקלט פּנים.

# ווי אַ טשאַטע פייגל

איך בין אָנגעקומען אַ ביסל שפּעטלעך אויף דער צענטראַלער אגד-סטאַנציע אין ירושלים אָפּצונעמען מײַן טאָכטער פֿון תּל-אביב מיט אירע קינדער, האָב איך זיי אַרומגעזוכט צווישן די מענטשן וואָס האָבן אָנגעפּילט דעם גרויסן וואַרטזאַל.

„יובל!“ האָב איך אַ רוף געטאָן אַ קליין ייִנגל לעבן דער טיר פֿון רעסטאָראַן, און גלײַך איז מיר באַפֿאַלן אַ ספֿק צי איז עס טאַקע מײַן אייניקל. ס'איז געווען חנוכּה-צײַט, אַ סך קינדער האָבן זיך אַרומגעפּלאָנטערט און דער רעש איז געווען גרויס. האָב איך זיך פֿאַרקוקט אויף יובלען אַ ביסל לענגער ווי געוויינטלעך, ביז איך האָב באַמערקט אַ פֿרעגצייכן אין זײַן בליק. וואָס עפּעס האָט מײַן זיידע זיך אַזוי לאַנג פֿאַרקוקט אויף מיר? ער דערקענט מיך נישט?

וועגן דעם פֿאַרלענגערטן קוק וועל איך דערציילן אַ מעשׂה.

איך בין אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר עלעף. אין שטוב איז נישט געווען גענוג צו עסן, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט קיין בריסק, זײַן אַ פּאָר וואָכן בײַם זיידן. אָבער בײַ אים איז נישט געווען קיין פּלאַץ. ער אַליין איז געווען אַ שמש אין אַ קאַברינער שטיבל, קיין אייגענע דירה האָט ער נישט פֿאַרמאָגט און ער האָט טאַקע געוווינט אין קליינעם בית-המדרש. אַ הילצערנע כאַטע פֿאַרזונקען קרומלעך אין דער ערד.

נישט בײַ אים? האָב איך געוווינט בײַ מײַן פֿעטער שעיה. אַליין אַ בחור און אויך אָן אַן אייגענער דירה, אָבער אין אַ ווינקל פֿון אַ צימער בײַ ווײַטע קרובים האָט ער אָפּגעדונגען אַ בעט. ער איז געווען אַ בעקער, בין איך געשלאָפֿן אין זײַן בעט אין די נעכט און ער — אין די טעג. איטלעכן אינדערפֿרי האָט ער מיטגעבראַכט פֿון דער בעקערײַ זעמעלעך פֿריש און וואַרעם, וואָס האָבן דערקוויקט דאָס האַרץ. אויך די קינדער פֿון יתומים-הויז אויפֿן זעלבן הויף האָבן זיך געקוויקט מיט די זעמעלעך וואָס איך האָב זיי פֿאַרטיילט און דערפֿאַר האָבן זיי מיך אַרײַנגעגנבעט אין יתומים-הויז און ס'איז מיר דאָרט געווען זייער גוט. מען האָט דאָרט געלערנט היסטאָריע און מאַטעמאַטיק אויף ייִדיש. אָבער נאָך אַ וואָך צײַט האָבן די בעל-הבתים

זיך געכאַפּט אַז ס'איז צוגעקומען אַן איבעריק יתומל און מען האָט מיך פון דאָרטן אַרויסגעיאָגט. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט דער פּעטער שעיה געזאָגט איך זאָל גיין זען דעם זיידן.

ווען איך בין אַרײַן אין הויף פון קאָברינער שטיבל, האָב איך זיך אָנ-געטראָפן אויף יינגלעך אין מײַנע יאָרן, וואָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַן אַלטן ייד. זיי האָבן אים באַוואָרפן מיט שטעקלעך און שפענער. דער זקן האָט זיך אַרײַנגעיאָגט אין שטיבל אַרײַן און די יינגלעך לעבן דער טיר האָבן אַרײַנגעשריגן געמיינע רייד.

דער דאָזיקער זקן, האָב איך געטראַכט, ס'איז גאָרנישט מיגלעך אַז ער זאָל דאָס זײַן מײַן זיידע. ווײַל ווען ער פלעגט אַראָפּקומען קיין ביאַלע-פּאָדלאַסקע, האָבן אַלע זײַנע זין דאָרטן אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. וואָכן פריער האָט מען זיך שוין געגרייט אים מקבל-פנים זײַן. מען האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: דער זיידע וועט קומען. און ווען ער איז געקומען האָבן זיך אַלע משפּחות פאַרזאַמלט אין איין שטוב און דאָרט האָט מען אים פאַרגעשטעלט די אייניקלעך, די אַלטע און אויך די נײַע, וועלכע זענען דורך דער צײַט אַרויס אויף דער וועלט. קיין נעמען האָט מען נישט אָנגערופן: שמילעס יינגלעך, נחס, שלמהס. און די פֿײַכטקייט פון דעם זיידנס צוויי פינגער, וואָס ער האָט אַרײַנגעשטעקט אין מײַן האַנט, ווייך און קילבלעך, זענען פאַרבליבן אין מײַן זכרון.

די יינגלעך לעבן שטיבל האָבן נאָך אַלץ געשריגן, ווען די טיר האָט זיך פלוצלינג אויפגעפּראַלט און דער אַלטער ייד האָט זיך אַרויסגעיאָגט פון דאָרטן מיט אַ שטורעם. ער וועט שלאָגן. ממיתן. די יינגלעך זענען זיך צעפלויגן ווי אַן איבערגעשראָקענע טשאַטע פייגל און איך בין געבליבן שטיין.

פון דעם פּאַטש וואָס דער זקן האָט מיר אַראָפּגעלאָזט אין באַק אַרײַן איז מײַן היטל אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. איך האָב זיך אײַנגעבויגן, צוריק אָנגעטאָן דאָס היטל אויפן קאָפּ און געזאָגט:

"זיידע, איך בין נחס יינגל".

אין זײַנע אויגן, בלינד מיט רציחה, האָבן זיך באַוויזן צוויי קליינע, בלויע שפּעלטלעך. ער האָט זיך אויסגעדרייט אַן אַ וואָרט און אַרײַן אין שטיבל און איך נאָך אים.

אינעווייניק האָט אַ לײַלעך אָפּגעטיילט אַ קעמערל און דאָרט האָט ער

געקאָכט פֿאַר זיך. געשלאָפֿן איז ער אויף אַ באַנק. דאָס גאַנצע בית־המדרשל האָט פֿאַרשמעקט מיטן ריח פֿון גריץ.

„הונגעריק?" האָט דער זיידע געפֿרעגט.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט לעבן אַ ווינקל טיש, וואָס אויף אים זענען שוין געלעגן אָנגעגרייט סידורים צום שבתדיקן דאַוונען, און מיר האָבן אַרויסגעגעסן די גריץ פֿון איין טעפּל. דאָ און דאָרטן האָבן זיך אָנגעזען שוואַרצע פֿלעקן אינעווייניק און אויך אויף דער דרויסנדיקער זײַט פֿון טעפּל, דאָרט ווו ס'האָט זיך אָפּגעשיילט דער גרינער עמאַל.

מיר האָבן אויך גענוצט איין לעפֿל. ער האָט נישט געהאַט מער. ער האָט געלעבט איינער אַליין און ער האָט מער נישט באַדאַרפֿט. ער אַ לעפֿל גריץ און איך אַ לעפֿל. און ווען ס'איז געוואָרן ווייניקער האָב איך אָנגעבויגן דאָס טעפּל אין מײַן זײַט, ווען ס'איז געקומען מײַן ריי און ער אויך אַזוי, ביז ס'איז מער נישט געבליבן.

אין מיטן בענטשן, פֿאַרקוקט אין זיך גופֿא, האָט ער זיך פּלוצלינג אונטערגעהויבן, אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער אין דרויסן אַרויס, געקוקט לאַנג און פֿאַמעלעך, ווי ער וואָלט נאָך געהערט די געשרייען פֿון די יינגלעך, און בײַם פֿאַרענדיקן די תּפֿילה האָט ער אַריבערגעפֿירט זײַן בליק אויך אויף מיר און געפֿרעגט:

„ביסטו טאַקע נחס יינגל?"

# פאַנטאַזיע

צום סוף האָט די מאַמע געלאַכט. פריער האָט זי געוויינט. צוליב מיר. אַזוי האָט דער טאַטע געזאָגט, און געקאָלערט זיצנדיק לעבן טיש, אַ ווײַס קנעפּל צווישן זײַנע פינגער. לויט זײַן שכל, האָב איך זיך נישט באַדאַרפט אײַנעקשענען און דווקא וועלן אַז אויך מײַן גלאָז טיי, אַזוי ווי פאַר מײַן קלענערע שוועסטער, זאָל זײַן געצוקערט. אַ יינגל פון אַ יאָר צען, האָט ער צוגעגעבן רעכט דער מאַמען, איז שוין אַ פאָלנער בחור און מעג פאַרשטיין דעם מצב.

דעם מצב אין די דרײַסיקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין אַ קליין שטעטל אין פוילן, האָט דער טאַטע, אַזוי האָט ער געזאָגט, אויס-געמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט און אויסגעפונען, אַז עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו אונדזער אָרעמקייט. ער וועט נישט אַרויס פון איר תחום, אַפילו ער זאָל קריכן אונטער דער אָרעמקייט ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן.

די מאַמע איז אַרײַן אין קיך, נישט צו זען ווי איך ליג אויסגעצויגן אויף דער פאָדלאָגע און נישט צו הערן פון דער נאָענט מײַנע גוואַלדן. זי האָט אויך נישט געוואָלט אויסהערן דעם טאַטנס לצנות. ס'זענען איר נמאס געוואָרן זײַנע קאָמעדיאַנטישע שטיק. זיך אײַנרעדן גאָר, אַז מען קען טרינקען טיי אָן צוקער און שפּירן אַז ס'איז זיס. דאָס האָט דער טאַטע מיר געלערנט טאָן: צעטיילן אויף פיר אַ האַרט שטיקל צוקער, אַרויפלייגן אַ פערטל אויפן גומען, צודריקן מיט דער צונג און טרינקען. אויך נאָך אַ צווייטער גלאָז טיי זענען בײַם טאַטן אין מויל פאַרבליבן קרישקעס צוקער. בײַ מיר איז אַלץ צעגאַנגען באַלד נאָכן דריטן שלונג. האָט דער טאַטע מיר געוויזן אַן אַנדערן אופן, צו האַלטן דעם צוקער אונטער דער גלאָז, זיך קאָנצענטרירן אויף דעם און טרינקען. די טיי וועט זײַן זיס און דער צוקער וועט אויסהאַלטן מער ווי נאָך איין גלאָז טיי.

אָבער דעם אָוונט איז נישט געווען קיין צוקער אין שטוב. דער ווינטער האָט זיך פאַרצויגן און קיין אַרבעט איז נישט געווען. וואָלט זיך געמאַכט עפּעס אָפּצושטעפּן, וואָלטן זיך אָפּגעפונען עטלעכע מטבעות אין טאַטנס

קעשענע, און אין דער פּושקע אין קרעדענץ, האַרטע שטיקלעך צוקער צו פּאַרזיסן אַלעמענס טיי.

די מאַמע אין קיך האָט געוויינט. דעם טאַטנס פֿילאָסאָפֿיעס זענען איר נישט געווען צום האַרצן. עפּעס אַ חוזק אויף זיך אַליין. צו וואָס נאָך וועט ער זיך דערטראַכטן, האָט זי געפֿרעגט, מיטן כוח פֿון לצנות ?

„צום כוח־הדימיון", האָט דער טאַטע איר אָפּגעענטפֿערט. פֿאַנטאַזיע. און ער האָט געהאַלטן אַז אַ מענטש דאַרף אויסנוצן זײַן פֿאַנטאַזיע וואָס מער. אַז מען קען זי ציען און ציען אָן אַ סוף. אַז מע קאָן אַפֿילו אַריבערציען די גרענעץ פֿון אונדזער אָרעמקייט. זאָל איך זיך אויפֿשטעלן און אויפֿהערן וויינען, ווײַל ס'איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ נײַע המצאה אויף צו מאַכן דער מאַמען לאַכן.

ער האָט מיר געגעבן דאָס ווײַסע קנעפּל וואָס ער האָט פֿריער געקאָלערט אויפֿן טיש, איך זאָל עס האַלטן ווי אַ פּערטעלע צוקער אונטער מײַן גלאָז טיי, זיך קאָנצענטרירן אויף דעם, זיך פֿאָרשטעלן אַז דאָס קנעפּל איז צוקער, טרינקען, און די טיי וועט זײַן זיס.

ווען די מאַמע האָט דאָס דערהערט, איז זי אַרויס אַ בלײַכע פֿון קיך, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער איר פֿײַכט פּנים און געזאָגט דעם טאַטן אַז זי וועט לאַכן.

„איך וועל לאַכן", האָט זי איבערגעחזרט.

זי האָט צוגענומען בײַ מיר דאָס ווײַסע קנעפּל און גערעדט צו זיך מיט אַן אײַנגעהאַלטן קול :

„נאָר נישט קיין קנעפּ. נאָר נישט קיין קנעפּ".

## יב. מיין חבר יאָסל בערגנער

אויפֿן ים

דער וואַנדערשטאָק

זיך נישט אַרייַנמישן

דער זעלבער נאָמען

אַ היטל אין ווינט

# אויפֿן ים

כ׳וועל דערציילן וועגן די צוואַנציק יידן וואָס האָבן דערקלערט אין מיטן ים אַ הונגערשטרייַק, ווייַל דאָס עסן אויף דער פֿראַנצייזישער שיף, אויפֿן וועג קיין אויסטראַליע, איז זיי נישט געפֿעלן געוואָרן. ווייַן אַנשטאָט וואַסער. פֿלייש מיט בלוט. יידן פֿון פּוילן — זענען זיי גאָרנישט געווען צוגעווינט צו אַזעלכע מאַכלים. און אַלע זענען געווען שנייַדערס. איין שנייַדער איז געווען אַ שוסטער. אין זייַן וואַליזע האָט זיך אָפּגעפֿונען אַ שוסטערשע אָל. איז ווי קומט צו אַ שנייַדער אַזאַ מין געצייַג? איך האָב זיך דווקא יאָ געניייטיקט אין אַזאַ מין כלי, כדי צו פֿאַרנייען מייַן חבר יאָסל בערגנערס וואַליזע. זי האָט זיך צעריסן אויפֿן וועג צו דער שיף און ס׳האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פֿון דאָרטן בריוו און כתב-ידן, וואָס ער האָט געפֿירט קיין אויסטראַליע צו זייַן טאַטן, דעם פּאָעט מלך ראַוויטש.

נאָך מלך ראַוויטשעס טויט אין קאַנאַדע, איז זייַן גאַנצער אַרכיוו אָנגעקומען אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק בייַם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים און מיר האָט מען אָנגעשטעלט אויף אייַנצופֿירן דאָרטן אַ סדר. סאָרטירנדיק די פּאַפּירן, האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף בריוו און דאָקומענטן וואָס איך האָב געהאָלפֿן יאָסלען צונויפֿקלייַבן אויף אַ גאַס אין מאַרסיי, מיט דרייַ און פֿערציק יאָר צוריק.

יענע וואָך האָב איך אין אַרכיוו געפֿונען אַ דאָקומענט אין שייַכות מיטן הונגערשטרייַק פֿון די צוואַנציק שנייַדערס אויפֿן וועג פֿון פּוילן קיין אויסטראַליע. די שנייַדערס האָבן פֿאַרלאַנגט אַן אַנדער עסן. נישט קיין בלוט און נישט קיין ווייַן. און מחמת די שיף האָט זייער בקשה אָפּגעוואָרפֿן, האָט מען גערופֿן אַן אַסיפֿה און אָפּגעשטומט זיך ווענדן צו מלך ראַוויטשן, ער זאָל אויספּועלן בייַ דער אויסטראַלישער רעגירונג מע זאָל פֿאָדערן בייַ דעם פֿראַנצייזישן שיפֿס-קאַפּיטאַן ער זאָל צושטעלן די שנייַדערס די פֿאַרלאַנגטע מאַכלים.

פֿאַרוואָס עפּעס צו מלך ראַוויטשן? ערשטנס, איז דאָך זייַן זון געווען איינער פֿון די פּאַסאַזשירן. צווייטנס, האָט מען געוווּסט אַז מלך ראַוויטש איז אַ מענטש וואָס טוט טובֿות. ער איז אַ רודף-שלום און אַ רודף-צדק.

אַ זשורנאַליסט וואָס האָט געשריבן אין אַ סך בלעטער. ער האָט געוואַנדערט איבער לענדער און ימען און יידן אין פוילן האָבן אים באַטראַכט פאַר זייערס אַן אייגענעם אַמבאַסאַדאָר צו דער גרויסער וועלט. האָט ווער אַ טראַכט געטאָן וועגן עמיגרירן אין ווײַטע מקומות, האָט ער געבעטן אינ-פאָרמאַציע בײַ מלך ראַוויטשן.

אָבער יאָסל בערגנער האָט נישט געוואָלט געבן די שנײַדערס זײַן טאַטנס אַדרעס. ער האָט זיך געשעמט מאַכן סקאַנדאַלן צוליב עסן. ער גופא איז נישט געווען קיין איבערקלײַבער. ער האָט געוווסט אַז מען עסט וואָס עס לאָזט זיך אַן קרומע מינעס און ער האָט אויך מיך אויסגעלערנט ליב האָבן די פראַנצייזישע מאַכלים. ווײַן — ווײַן. בלוט — בלוט. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל שיקן טעלעגראַמעס וועגן עסן צו זײַן טאַטן. ער האָט געוווסט זײַן אמתן מצב. אַן אָרעמער פּאָעט, וואָס לעבט שפּאָרעוודיק, און אַז עס בלײַבט עפּעס איבער פאַרטיילט ער עס צו אַנדערע. וואָס וועט ער טראַכטן וועגן זיין זון?

אָבער די שנײַדערס האָבן געזען אין יאָסלס אַפּזאָג מעשה-גרויס-האַלטערײַ. אַ סנאָב וואָס האַלט זיך גרעסער פאַרן פּשוטן פאָלק. דעריבער האָט דער שנײַדער וואָס בײַ אים האָט מען אָפּגעפונען די שוסטערשע אָל, געפאָדערט מען זאָל מחרים זײַן יאָסלען אויף דער גאַנצער נסיעה וואָס האָט זיך געצויגן אַרום זעקס חדשים. קאָנעווקא האָט ער געהייסן און ער האָט געהאַט אַ קײַלאַכדיק פּנים אַן ליפּן. ווען ער האָט געשוויגן האָט זיך אַנגעזען אויף זײַן פּנים אַ דין שמייכל. דאָס האָט ער צונויפגעשטעלט די רשימה פון מאַכלים, וואָס מען האָט אַוועקגעשיקט קיין אויסטראַליע אויפן אַדרעס: מלך ראַוויטש, אַ יידישער פּאָעט, מעלבורן.

אָט די רשימה האָב איך יענע וואָך געפונען אין אַרכיוו. די שנײַדערס האָבן זיך דעמאָלט פאַרזאַמלט אויף דער סאַמע אייבערשטער דעק, און דער שנײַדער אַן די ליפּן האָט געלייענט די פאַרלאַנגטע מאַכלים. ווען יאָסל האָט געהערט וואָס מען פאָדערט — געהאַקטע לעבער, געבראָטן גענדזנס, לאָקשן מיט יוך, און אויף שבת געפילטע פיש — האָט ער געשריגן צו זיי פון דער ווײַטנס אַז זײַן טאַטע איז דאָך אַ צער-בעל-חיים.

„אַ וועגעטאַריער!"

# דער וואַנדערשטאָק

כ'האָב נישט געקענט אָפּלייקענען מײַן חבר יאָסל בערגנערס טענה, אַז די לעצטע זאַכן וואָס איך האָב אָנגעשריבן האָבן זיך אָנגעהויבן, באַלד אין דער ערשטער שורה, מיט עפּעס אַ טויט. ער האָט זיי מיר ציטירט פון אויסנווייניק: געשוויגן און געשטאָרבן. אַ ביסל געוויינט און געשטאָרבן. ס'איז אים אײַנגעפאַלן אַז באַלד וועט מען בײַ מיר אָנהייבן ניסן און שטאַרבן, און מיט אַ קרומלעכע מינע האָט ער געעפנט דעם נײַעם כתב־יד וואָס איך האָב אים געבראַכט אויף דורכצוקוקן.

„און איצט לאַכט ער און ער שטאַרבט", האָט יאָסל זיך געחידושט. ער איז געוואָרן אין כעס און מיך געבעטן איך זאָל מער נישט אָנהויבן אַ מעשה מיטן טויט. איך זאָל נישט אָוועקהרגענען אַ מענטש באַלד אין אָנהייב מיט דער ערשטער שורה. איך זאָל אים לאָזן פריער זיך אָנלאַכן אַ ביסל אין לעבן. וואָס מער איז אונדז פאַרבליבן אין טאָל פון טרויער?

מײַן ענטפער איז אים נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט געמיינט אַז איך קליגל זיך. איך האָב אים געזאָגט, אַז באַלד אין דער ערשטער שורה פון דעם נײַעם כתב־יד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שמואל סאַלאָמיר איז געשטאָרבן לאַכנדיק אין אונדזער באַנק", אין זיי ליגט דער גאַנצער תוכן פון דער מעשה, ווו עס רעדט זיך וועגן טויט, געלט, אַ שמייכל, אָבער יאָסל האָט געמיינט אַז עס איז געטײַטשט און געפּשטלט.

אויך אויפן וועג קיין ירושלים איז יאָסל נישט אַרויס פון מײַן קאָפּ. ער האָט ווײַטער אָפּגעוואָרפן מײַנע אַרגומענטן. צו פאַרטרײַבן אים אויף אַ ווײַלע פון מײַן געדאַנק, האָב איך פאַרפירט אַ שמועס מיט מײַן שכן לעבן פענצטער. לויטן געלבלעכן נאָגל אויף זײַן גראָבן פינגער, האָב איך דערקענט אַז ער איז אַ שוסטער. שוסטערס אין ביאַלע האָבן געהאַט אַזעלכע נעגל פון די שטעך מיט דער נאָל ווען זיי האָבן געצויגן די דראַטווע צו פאַרנייען אַ זויל. האָב איך אים דערציילט, אַז מײַן טאַטע איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער און שוסטערס זענען געקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן באַשטעלן כאַלעווקעס — שיך און שטיוול. מיר האָבן געוווינט אויפן ערשטן שטאָק און אין שטוב האָט מען געהערט די טריט אויף די הילצערנע

טרעפּ. איינער פֿון די שוסטערס האָט געהאַט אַ הילצערנעם פֿוס און דער טאַטע פֿלעגט אויפֿזינגען, ווען מען האָט אים געהערט גיין אויף די טרעפּ, אַ ליד וועגן אַ ייד וואָס איז נע-ונד און ער האָט נישט קיין היים:

מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט
גייט ער אום פֿון לאַנד צו לאַנד,
אימער גיי, גיי, גיי . . .

אויך צום שלאָפֿן פֿלעגט דער טאַטע מיך אַ מאָל פֿאַרוויגן מיטן זעלבן ליד. און דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז דאָס זינגט זיך טאַקע וועגן דעם שוסטער מיטן הילצערנעם פֿוס. אַז דער הילצערנער פֿוס איז זײַן וואַנדער-שטאָק, און שוין צוויי טויזנט יאָר ווי ער גייט פֿון לאַנד צו לאַנד און ער געפֿינט נישט קיין היים.

איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן טאָג האָט מען אָנגעזאָגט אַז דער שוסטער מיטן הילצערנעם פֿוס איז געשטאָרבן. האָט דער טאַטע מיך מיטגענומען אויף דער לוויה. נאָך דער לוויה, אין דער היים, האָט די מאַמע אָנגעצונדן דעם נאַפֿטלאָמפּ און דערלאַנגט טיי, מיר זאָלן זיך דערוואַרעמען. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען, זיך געהייסן דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז און דערווײַל אָנגעהויבן דערציילן געשיכטעס וועגן דעם לעבן פֿון דעם פֿאַר-שטאָרבענעם שוסטער.

איך האָב זיך אײַנגעהערט און אַזוי געטראַכט: אָט האָט זיך געלעבט אַ שוסטער אין ביאַלע שוין צוויי טויזנט יאָר. ער האָט געוואַנדערט מיט אַ וואַנדערשטאָק פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון מאָל צו מאָל איז ער אויך געקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן, אָבער קיין מאָל האָט מען נישט דערציילט וועגן אים עפּעס אַ מעשה. אַפֿילו זײַן נאָמען האָט מען נישט געוווּסט. ערשט איצט, נאָך דעם ווי ער איז געשטאָרבן, האָט מען אָנגעהויבן דערציילן. ווען איך וועל אויפֿוואַקסן, און וועל שרײַבן מעשיות, וועל איך איטלעכע מעשה אָנהייבן אַזוי ווי מײַן טאַטע: דער שוסטער איז געשטאָרבן. אַ מאָל, ווען ער האָט געלעבט, האָט מען געהערט די טריט פֿון זײַן הילצערנעם פֿוס אויף אונדזערע טרעפּ: טופּ — טופּ — טופּ.

## זיך נישט אַריינמישן

אַ מיידל אין ביבליאָטעק האָט געוואָלט וויסן מײַן שטעלונג צום לעבן. ס'איז נישט לײַטיש, האָט זי געמיינט, זיך תמיד אַרומטראָגן מיט אַ שפּאַס און זיך באַהאַלטן אונטער ליצנות. שטיין אָן אַ זײַט און זיך אונטער־שמייכלען. דאָס האָט זי אַרויסגעלייענט פֿון מײַנע מעשיות.

מיך האָט דווקא געצויגן, פֿון יונגווייז אָן, צו נעמען אויף זיך התחייבותן. אַ ייִנגל פֿון זעכצן יאָר, אויפֿן וועג קיין אויסטראַליע, איז מיר אויסגעקומען, אויף אַן אינדזל אין ווײַטן ים ,זיך צוקוקן ווי אַ חתן, אויסגעפּוצט אין פֿעדערן, נעמט אַרום זײַן כלה און האַקט איר אויס מיט אַ שאַרפֿן שטיין דרײַ פֿראָנטאָווע ציין. מײַן חבר יאָסל בערגנער האָט צוגעזען מיט מיר די חתונה און ער האָט מיך צוגעהאַלטן איך זאָל זיך נישט רירן פֿון אָרט ווײַל ער האָט באַמערקט אַז איך גיי זיך אַריינמישן אין דער זאַך. זײַן טענה איז געווען אַז מיר זענען דורכפֿאָרער, פֿרעמדע. אויב עס וועט אַ מאָל אויפֿקומען אַ ייִדיש לאַנד, און איך וועל דאָרטן זײַן אַ תושב, האָט ער געזאָגט, וועל איך דאָרטן זײַן פֿרײַ צו טאָן וואָס איך וויל.

״פּראָווינצער חיה״, האָט ער מיך גערופֿן.

יאָרן זענען אַוועק און איך בין געוואָרן אַ פּאַסטעך אין קיבוץ גבת. איין מאָל האָב איך געפּאַשעט די שעפּסן לעבן שאָסיי וואָס האָט זיך געצויגן קיין נצרת. האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ שיינער אויטאָ און אַ יונג פּאָרל איז אַרויס זיך פֿאָטאָגראַפֿירן. דאָס מיידל האָט אַרומגענומען אַ פֿעלדז וואָס זײַן שאַרפֿער שפּיץ האָט אָנגעוויזן אויף אַ לאַנדשאַפֿט אין אָפֿענעם טאָל. נאָך דעם פֿעלדז איז געקומען מײַן ריי. דער בחור האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿאָטאָגראַפֿירן. אַרומנעמען אַ פֿרעמדן מאַן ?

״באָט דאַרלינג, הי איז אָנלי אַ שעפּערד, עס פּרימיטיוו עס די סטאָון״, האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט.

ווען זי האָט מיך צוגעדריקט צו זיך איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון מײַן קעשענע אַ ביכל פֿילאָזאָפֿיע אויף ענגליש. איך האָב אַרויפֿגעטראָטן אויף דעם און פֿאַרבליבן אַ שטומער.

איין מאָל בײַ מיר אין שטוב, האָט חיים גראַדע, אַ באַוווּסטער שרײַבער,

גערטרונקען וויסקי און נישט אויפֿגעהערט רעדן. וועגן וואָס ? וועגן זיך אַליין. וועגן וואָס איז דאָ צו רעדן ? פֿאַרנומען מיט זיך האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויף דער סאָפֿע. נישט לעבן מיר — אויף מיר. כ׳האָב געמאַכט אַ סימן צו מײַן ווײַב, וואָס האָט פֿאַרשטעלט איר מויל, זי זאָל נישט אַרויסשרײַען. זאָל זי שווײַגן. ער האָט נישט געשפּירט. זאָל ער זיצן. אַ רגע אָדער צוויי בין איך געווען אַן אינו-נראה אין זײַנע אויגן.

און אַזוי שוין ביזן הײַנטיקן טאָג. איך גיי אַרום אַ היימישער איבער די גאַסן פֿון ירושלים און שלעפּ נאָך אַלץ מיט זיך דעם שטומען, דעם פֿרעמדן און צומאָל ווער איך אויך אַ רוח.

# דער זעלבער נאָמען

מסתמא צוליב אונדזערע נעמען פֿאַרטוישט מען אונדז ביידן, מײַן חבר דעם דעם מאָלער יאָסל בערגנער און מיך. זײַנס אַ שכנה אויף רחוב בילו, תל-אביב, האָט אים איין מאָל פֿאַרהאַלטן און געזאָגט אַז יעדן דאָנערשטיק שטעלט זי אָן דעם ראַדיאָ צו הערן די מעשה וואָס ער דערציילט דאָרט אַלע וואָך. ווען ער האָט איר געזאָגט אַז זי מאַכט אַ טעות און ס׳איז נישט ער האָט זי אויסגערופֿן בייזלעך:

„וואָס, דו שעמסט זיך?"

דער אמת איז, אַז שוין גאָר לאַנג ווי עפּעס פֿון מײַן חבר האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר. פֿיר יאָר האָבן מיר אָפּגעווינט אין איין געצעלט אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה, אין דער אויסטראַלישער אַרמיי.

שוין אויפֿן וועג קיין אויסטראַליע, אין דער שטאָט אַלזשיר, האָב איך געוווּסט אַז איך וועל אים אָנהייבן נאָכטאָן, ס׳איז געווען ווען די פֿראַנצייזישע שיף האָט פֿאַראַנקערט אין פּאָרט און מיר זענען אַראָפּ אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט. אַ בחור האָט אונדז אָפּגעשטעלט, אָנגעטייט אויפֿן מגן-דוד וואָס ער האָט געטראָגן אויפֿן האַלדז, געזאָגט אַז ער איז אַ וועג-ווײַזער און געפֿרעגט צי מיר האָבן עפּעס געלט. ווען מיר האָבן אויסגעליידיקט די קעשענעס האָט ער אַרויסגעכאַפּט דאָס געלט פֿון אונדזערע הענט און אַנטלאָפֿן.

„כאַפּט דעם גנב!" האָב איך געשריגן אויף יידיש און געווען אַ שפּאָר ביסל פֿאַרצווייפֿלט ווײַל מער האָבן מיר נישט פֿאַרמאָגט און מיר האָבן דאָך געהאַלטן בײַם אָנהויב פֿון אונדזער נסיעה וואָס האָט זיך געצויגן אַרום זעקס חדשים. אָבער יאָסל האָט זיך נישט געשפּירט באַליידיקט. ער האָט אויך נישט געשריגן נאָך נאָכגעקוקט ווי יענער אַנטלויפֿט און נאָך דעם געזאָגט אַז דער גנב האָט אַ קרומען פֿוס:

„ס׳איז געווען צום לאַכן אין זײַן לויפֿן", האָט ער צוגעגעבן.

אין ביאַלע-פּאָדלאַסקע, ס׳קליינע שטעטל ווו איך בין געבוירן געוואָרן און דאָרט אָפּגעלעבט זעכצן יאָר איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען אַ מענטש זאָל שמייכלען נאָך דעם ווי מען האָט אים באַגזלט. אַז מען האָט

ווען באַגנבעט האָט ער געוויינט און געשריגן און געמאָנט גערעכטיקייט אויף דער וועלט. מײַן מאַמע האָט אַמאָל געחלשט ווען זי האָט דערזען אַ צווייטע אויף דער גאַס טראָגן איר צוגעגנבעט קליידל. שטיין אַ באַגנבעטער און קוקן פֿאַרשמייכלט ווי דער גנב אַנטלויפֿט נאָכשלעפּנדיק אַ קרומען פֿוס?

דאָס בילד איז מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגן ווען איך בין אָנגעקומען אויף הערשל אָרלאַנסקיס לוויה. אַ מענטש וואָס האָב געלעבט אין ביאַלע, געשטאָרבן אין מעלבורן און געקומען צו קבורה אין תל-אביב. איך האָב אים געקענט פֿון ביידע מקומות, בין איך, נאָכן איבערלייענען די מודעה אין צײַטונג, אַוועק אויף דער איכילאָוו גאַס אין הויף פֿון די לוויות. דאָרט בין איך געבליבן צעטומלט ווײַל מע האָט זיך געגרייט צו עטלעכע לוויות און איך בין נישט געווען זיכער ווער ס׳איז דאָרט ווער. איך האָב נישט דערקענט קיינעם פֿון מײַנע לאַנדסלײַט. האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין הויף צווישן די געזעמלער אבלים און זיך אונטערגעהערט ווי מען רעדט. אין ביאַלע האָט מען זיך באַניצט מיט שיינע ווערטער. אַ ׳שרײַבער׳ איז געווען אַ באַליידיקונג. עפּעס אַ ׳שרײַבערל׳. געזאָגט האָט מען, אויף צו לויבן ״אַ ליטעראַט״. אויף פֿאַר אַ מאָלער האָט מען געהאַט אַ שענער וואָרט.

איך האָב זיך שוין כמעט ווי מייאש געווען האָט מיך ווער פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט און נישט אויפֿגעהערט קלאַפּן אין דער פּלייצע. אַ סימן אַז ער קען מיך. האָב איך געטאָן דאָס זעלבע. ס׳איז נישט אויסגעקומען צו פֿרעגן ווער ער איז. אָבער אַ ווײַבל דערנעבן האָט געפֿרעגט:

״אברום-מוישה, מיט וועמען האָסטו זיך אַרומגעכאַפּט?״

״ווייסט נישט ווער דאָס איז?״ האָט אברום-מוישה צוריק גערופֿן און מיך שטאַרקער אַרומגענומען.

״ס׳איז דאָך יאָסל בערגנער״.

״איך בין נישט ער. איך הייס יאָסל בירשטיין״, האָב איך זיך אָנגערופֿן און אים ווײַטער געקלאַפּט אין דער פּלייצע.

״האָסט געביטן דײַן נאָמען?״ האָט ער געפֿרעגט און מיך אָפּגעשטופּט. ער האָט מיך צוגעהאַלטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיך באַקוקט פֿון אַלע זײַטן:

״דו ביסט עס נישט יאָסל בערגנער דער באַרימטער דעקאָראַטאָר?״

איצט האָב איך שוין געוווסט אַז איך בין אויף דער ריכטיקער לוויה.

# אַ היטל אין ווינט

נאָך אויף דער באַן האָט מיר מײַן חבר דער מאָלער יאָסל בערגנער, אויסגעזאָגט דעם נאָמען פֿון זײַן מיידל וואָס אַצינד איז זי געשטאַנען אונטן אין פּאָרט און אַרויפֿגעפֿאָכעט צו דער שיף מיט וועלכע מיר ביידע האָבן זיך געגרייט אַוועקפֿאָרן קיין אויסטראַליע.

״מלכהלה״.

פֿון וואַרשע האָט זי אים באַגלייט ביז גדיניע, אַ לאַנגע נסיעה אין יענע טעג פֿאַר אַ מיידל פֿון זעכצן יאָר און אפֿשר נאָך יונגער. לאַנגע פּיס, אַ לאַנגער צאָפּ, און אַ גרינער בערעט פֿאַררוקט אויף אַ זײַט ווי אָנגעהאַנגען אויף איין אויער — די נײַסטע מאָדע אין פּוילן אין די דרײַסיקער יאָרן.

דער בערעט האָט בולט געמאַכט מלכהלעס דינעם האַלדז. אויך יאָסל האָט דעמאָלט געהאַט אַ דינעם האַלדז וואָס אַז מען האָט באַדאַרפֿט האָט ער זיך געגעבן אַ צי אויס און געוואָרן טאָפּל לענגער.

לויט די לענג פֿון זײַן האַלדז וואָס האָט זיך איצטער געצויגן אַריבער דעם פּאַרענטש פֿון דער שיף, האָב איך אײַנגעזען פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי געשטופּט צו זײַן דער ערשטער אויף צו בודקן זײַן באַגאַזש. ער האָט כמעט נישט געהאַט וואָס מען זאָל בײַ אים זוכן. אַן אַלטע, אָפּגענוצטע וואַליזע אָנגעשטאָפּט מיט בריוו און כתב־ידן וואָס ער האָט געפֿירט צו זײַן טאַטן דעם פּאָעט מלך ראַוויטש וועלכער האָט אין יענע יאָרן געלעבט אין אויסטראַליע.

אָבער דווקא די פּאַפּירן און די בלאַנדע צעפּלוישטע טשופּרינע איבערן הויכן שטערן פֿון אַ בחור יונג און שטאָלץ, האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרדאַכט בײַ דעם פּוילישן טשינאָווניק. ער האָט חושד געווען אַז דאָ שטייט פֿאַר אים אַ געפֿערלעכער קאָמוניסט וואָס פֿאָרט פֿאַרשפּרייטן איבער דער וועלט אומלעגאַלע ליטעראַטור. דער טשינאָווניק האָט זיך באַראַטן מיט אַ צווייטן, דער צווייטער — מיט אַ דריטן און ווען זיי האָבן אײַנגעזען אַז דער חשד איז אַן אומזיסטער און יאָסל אַ באַפֿרײַטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שיף כאַפּן אַ לעצטן שמועס מיט זײַן מיידל וואָס האָט געוואַרט אויף אים אין דרויסן, האָט מען אים געהייסן זיך קודם צושטעלן צום שערער, ווײַל

פּוילן האָט נישט אַרויסגעלאָזט אירע בירגער מיט די האָר. מען האָט אַלעמען אָפּגעשוירן, מענער און פֿרויען איידער מען האָט זיי אַרויפֿגעלאָזט אויף דער שיף.

אויך דאָ האָט יאָסל זיך אַרײַנגעשטופּט דער ערשטער און געוואָלט אָפּקויפֿן דעם שערער מיטן קעשענע־געלט וואָס ער האָט געהאַט אויף דער נסיעה אַבי יענער זאָל אים איבערלאָזן די טשופּרינע.

„דוואַדזשעטשאַ זלאָטי!‟ האָב איך אים געהערט אויסשרײַען. נאָך דעם איז שטיל געוואָרן אַ שטיקל צײַט און יאָסל איז אַרויס פֿון שערערס הענט אָפּגעגאָלט פֿון קאָפּ ביז די פּיס. ער האָט זיך מער נישט פֿאַרהאַלטן, אַנגעטאָן אַ היטל מיט אַ דאַשעק וואָס ער האָט געפֿונען אין דער וואַליזע צווישן טאַטנס פּאַפּירן, פֿאַרשטעלט די חרפּה און אַרויף אויף דער שיף.

ווען די פּאָרט־אַרבעטער האָבן אָפּגעבונדן די שטריק און די שיף האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן פֿון פּאָרט, האָט מלכהלע גענומען שטאַרקער פּאַכען מיט דער האַנט און מיט דער צווייטער אַריבערגעשיקט קושן פֿון בענקשאַפֿט און אייביקער ליבע. זי איז געלאָפֿן לענג־אויס די פּלאַטפֿאָרמע און ס'האָט זיך גערעכטן אַז אָט אָט וועט דער ווינט אַ הייב טאָן איר בערעט וואָס איז געהאַנגען אויף איין אויער און אים פֿאַרטראָגן אין ים אַרײַן. אָבער נישט איר בערעט נאָר יאָסלס היטל האָט דער ווינט אַראָפּגעיאָגט אין וואַסער אַרײַן.

מלכהלע האָט אויפֿגעהערט לויפֿן. איר פּנים האָט זיך פֿאַרענדערט. לויט איר פּלוצעמדיקע אַנטווישונג איז געווען צו דערקענען ווי שטאַרק אָפּגעגאָלט יאָסל איז אַרויס פֿון דעם שערעס הענט.

מלכהלע האָט אויפֿגעהערט פּאָכען. זי האָט מער נישט געקושט פֿון דערווײַטנס. יאָסלס היטל מיטן דאַשעק האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס. מיר האָבן געזען ווי דאָס היטל זינקט און שווימט אַרויף. זינקט און שווימט אַרויף. באַלד איז דאָס היטל פֿאַרזונקען אין ים און צוזאַמען מיט איר אויך די בענקשאַפֿט און די ליבע.

# יג. דיינע פעלדער ישראל

דער צייכן

אַ ריכטיקע שאלה

נאָר נישט קיין שלעסער

פֿליגן

אַ רײַזע איבער איראָפּע

אויפֿן וועג צו די קי-שטאַלן

נישט מאַרקסיזם

שטילע שעהען

אַ גלעקל אין דער היץ

דאָס אויפֿגעלאָפֿענע אויג

די פֿרייד אויף די פֿעלדער

לזכר שלמה סטיווען,

דער זון פֿון העלען און ישראל סילמאַן —

אומגעקומען אין מדבר סיני.

# דער צייכן

כ'וועל אָנהייבן וועגן שעפּסן וואָס הוסטן בײַ נאַכט, ניסן, און זייערע קעפּ שאָקלען זיך ווי בײַ מענטשן פֿאַרנדיק אויף אַ באַן — אָבער די מעשה גופֿא געהער צו אַ יונגער קריסטין פֿון ענגלאַנד, עוועלין, און מיט דער צײַט שרה בת-טובים פֿון דער פֿאַרשטאָט בית-וגן אין ירושלים.

איך האָב איר אויסגעזען קענטלעך ווען איך האָב זי פֿאַרהאַלטן אויף דער גאַס און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף אַ שטוב אין דער געגנט, און בײַ מיר אין זכרון איז פֿאַרבליבן פֿון יענע יאָרן דאָס בילד פֿון אַ יונגער פֿרוי וואָס זיצט אַ פֿאַרטראַכטע אויף דער שוועל פֿון איר הויז, דאָס לעצטע שטיבל אין אַ קליינעם מושב אויף די פֿעלדער פֿון עמק-יזרעאל.

ווײַל מיר האָבן זיך דעמאָלט געזעגנט אויף תמיד. אין יענע יאָרן בין איך געווען אַ פּאַסטעך פֿון שעפּסן אין קיבוץ גבת, און סוף זומער, אַרום די יום-טובים, ביזן אָנקום פֿון די רעגנס, פֿלעג איך נעכטיקן מיט די שעפּסן אויפֿן פֿעלד וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט עוועלינס שטיבל.

ווען איך האָב אין איינעם אַ טאָג געזען ווי דער כרמל-באַרג האָט געמאַכט יד-אחת מיט וואָלקנעס און די וועלט איז געוואָרן גרוי און טונקל, האָב איך געוווּסט אַז עס איז געקומען די צײַט אײַנצופּאַקן מײַן האָב-און-גוטס: אַ האַנטער, אַן אַלטן זשורנאַל, אַ צאַנבערשטל, אַן איבעריק העמד — זיך אויפֿזעצן אויפֿן אייזל און זיך אָוועקאײַלן וואָס גיכער אַהיים, איידער עס וועט ווערן אַ בלאָטע.

איך עוועלין האָט דעמאָלט באַשלאָסן צוריק אַהיימפֿאָרן קיין ענגלאַנד. וואָס האָט זי געהאַט צו טאָן דאָ אין קליינעם מושב?

פֿעלדער.

אַ מאָל גרין. געל. ברוין. אַ מאָל אַלע קאָלירן צוזאַמען. ווינטערצײַט צעשפּילט זיך די זון מיט די וואָלקנעס און וואַרפֿט אַן אין טאָל פֿלעקן פֿון ליכט און שאָטן.

לאַנגווייליק.

טרויעריק.

לאָנדאָן איז אַ שטאָט.

איצט, זיך אַנטרעפּנדיק אַזוי פּלוצלינג, האָבן מירביידע געהאַט וואָס צו פרעגן. ווייַל איר הויז אין קליינעם מושב איז פאַרבליבן ליידיק אַ לאַנגע צייַט. דעם צווייטן זומער, ווען איך בין געקומען אַהין נעכטיקן מיט די שעפּסן, איז שוין נישט געווען ווער עס זאָל מיר מכבד זייַן מיט אַ הייס גלאָז טיי. מיט אַ קאַלטן טרונק.

"נישט לאָנדאָן — נאָר ירושלים? נישט עוועלין — נאָר שרה? ווי אַזוי?" האָב איך געפרעגט.

צוליב מיר.

"צוליב מיר?"

אין יענעם גרויען פאַרוואָלקנטן פרימאָרגן איז זי געבליבן זיצן אויף דער שוועל פון איר שטוב און געבעטן גאָט ער זאָל איר געבן אַ צייכן, אויב זי זאָל אַהיימפאָרן קיין ענגלאַנד אָדער בלייבן דאָ אין ארץ-הקודש.

זונשטראַלן האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך דער גרויקייט און אויפן הימל איז אויפגעגאַנגען אַ רעגן-בויגן וואָס האָט פאַרבונדן דעם הר-הכרמל אין מערב מיטן הר-תבור אין מיזרח. אין דעם בויגן האָט געריטן אַ פאַסטעך אויף אַן אייזל און אַ טשערעדע שעפּסן האָט זיך געצויגן נאָך אים אין לאַנגע רייען. דער פאַסטעך און די שאָף זענען געוואָרן דורכגענומען מיט די פאַרבן פון רעגן-בויגן.

עוועלין האָט געזען אין דעם אַ צייכן פון גאָט און איצט האָט זי געוואָלט וויסן ווי אַזוי איך האָב זיך געשפּירט.

דער שליאַך האָט זיך דעמאָלט געצויגן פאַר מיר צווישן צעאַקערטע פעלדער, אַ זיבן קילאָמעטער פון גבת. דער גאַנצער אַרום האָט געוואַרט שטיל און שטום אויפן רעגן. וואָלקנעס זענען געהאַנגען נידעריק. איך האָב געטריבן דעם אייזל ער זאָל לויפן שנעלער. דער רעגן איז מיר געקומען אין פּנים און דער שליאַך האָט געזונקען אין בלאָטע.

# אַ ריכטיקע שאלה

ווען אונדזער אייזל האָט פֿאַרלוירן זײַן קול האָט מײַן חבר ליטמאַן דער פּאַסטעך געזען אין דעם אַ סימן אויף שלעכטע צײַטן. דאָס האָט ער אָנגערופֿן דעם אייזל "דער חזן", צוליב די קולות זײַנע ווען איינער פֿון די פּאַסטעכער פֿלעגט אַרײַן אין די שטאַלן. דערפֿאַר איז אונדז געווען אַ חידוש, ווען דער אייזל האָט אין איינעם אַ ווינטער פֿרימאָרגן, דערזעענדיק אונדז אָנקומען, געעפֿנט זײַן מויל אָבער קיין קול איז נישט אַרויס.

ליטמאַן האָט געמאַכט פֿון דעם אַ משל אויף אונדזערע צײַטן. ס'איז געווען אין די טעג פֿון שפּאַלטונגען. אַ שנאת-אחים האָט זיך צעשפּרייט אין די קיבוצים. פֿון גבת האָט מען געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין אשדות-יעקב, דאָרט ווו די פֿײַנטשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן, כדי צוריקברענגען אייניקייט און שלום, אָבער די דעלעגאַציע אַליין איז צוריקגעקומען קיין גבת שוין אַ צעשפּאָלטענע.

האָט מען אויך בײַ אונדז אָנגעהויבן צעטיילן דאָס פֿאַרמעגן. מען האָט זיך צעטיילט מיט די הײַזער, מיט די פֿעלדער, מיט די פּרדסים. אויך די חיות: הינער, קי, שעפּסן. מען האָט אויך צוגענומען פֿון 'חזן' די אייזלטע. בעתן צעטיילן די שעפּסן האָבן בײַ ליטמאַנען זיך אויפֿגעוועקט שאלות; צי איז אויך אַ צעטיילטע סטאַדע — אַ סטאַדע? און אויב בײַ אונדז וועלן געבוירן ווערן בלויז זכרים? ס'רוב שעפּסן זענען דאָך שוין געווען שוואַנגער בײַם צעטיילן. אויך זײַן מיידל איז אַריבער אויפֿן צד שכנגד.

ליטמאַן האָט אויפֿגעהערט שלאָפֿן. פֿאַר דעם פֿלעגט ער אויך אײַנשלאָפֿן שטייענדיק. איין מאָל אין פֿעלד האָט ער אָנגעלענט זײַן קאָפּ אויפֿן שטעקן און מיר געזאָגט: "גיי, גיי אַהיים עסן, ס'וועט זײַן בסדר ביז דו וועסט צוריקקומען". ווען איך בין צוריק געקומען עטלעכע שעה שפּעטער איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין שטעקן און קיין שעפּס האָט זיך נישט אָנגעזען פֿאַר אויג: "גיי, גיי, ס'וועט זײַן בסדר", האָט ער מיר געענטפֿערט אַ פֿאַרדרעמלטער, ווען איך האָב אים געפֿרעגט ווּהין די סטאַדע שעפּסן איז אַהינגעקומען.

נאָך דער שפּאַלטונג אין קיבוץ האָט דער שלאָף זיך אָפּגעטאָן פֿון

ליטמאַנען. ער האָט געזוכט דעם ענטפֿער אויף שאלות. נישט איין מאָל האָב איך אים אָנגעטראָפֿן זיצן אויף די טרעפּ פֿון די שטאַלן, דאָס פּנים אין זײַנע הענט, און אויסגעפּרוווט שאלות אין קאָפּ.

"ווען ווערט אַ סטאַדע — סטאַדע? און אַן אומה — אַן אומה?"

דער ריכטיקער נוסח פֿון אַ שאלה, האָט ער מיר געזאָגט, איז אַ סגולה אויף אַן ענטפֿער. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז געווען גערעכט. ווען אונדזער אייזל איז פֿאַרלוירן געגאַנגען האָט ער געוווּסט ווו ער געפֿינט זיך. אין קיבוץ יפֿעת, דער צד שכנגד וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פֿון גבת און אויפֿגעבויט אַ קיבוץ אַריבער דעם שאָסיי. דער 'חזן' איז געשטאַנען לעבן פֿאַרקן און אַריבערגעקוקט צו זײַן אייזלטע אין שטעלכל. ער איז דאָרט אָפּגעשטאַנען אין דער פּראַסטיקער קעלט אַ גאַנצע נאַכט. ווען ער האָט אונדז דערזען האָט זײַן האַלדז זיך אָנגעצויגן, זײַן ווידל האָט זיך אָנגעהויבן דרייען, זײַן מויל האָט זיך געעפֿנט אָבער קיין קולות האָבן זיך נישט געהערט.

אַלע דרײַ זענען מיר צוריק אַהיימגעגאַנגען און געשוויגן. שוין אין די שטאַלן האָב איך געפֿרעגט ליטמאַנען פֿון וואַנען ער האָט געוווּסט ווו אים צו זוכן. האָט ער מיר געזאָגט, מחמת ער האָט געפֿונען דעם ריכטיקן נוסח פֿון דער שאלה. ער האָט זיך אַליין געפֿרעגט ווו וואָלט ער געלאָפֿן — — —

"ווען איך וואָלט געווען דער אייזל?"

# נאָר נישט קיין שלעסער

אויף דער מסיבה פֿון מלכה ל. האָט מען געלויבט אירע אויפֿטועכצן אין קיבוץ. אַן אַלטער רפֿתן מיט אַ לאַנגער נאָז און אַ קליין מויל, האָט דערציילט ווי אַזוי זי פֿלעגט אַרומגיין אין די נעכט פֿאַרלעשן לאָמפּן וואָס האָבן געלויכטן אויף הפֿקר, און פֿאַרדרייען קראַנען וואָס רינען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער האָט איין מאָל גאָר שפּעט אין דער נאַכט, נאָכן מעלקן די קי, זיך געוואַשן אין דער אַלגעמיינער שפּריץ-באָד, איז מלכה אַריינגעקומען פֿאַרדרייען אַ קראַן און אים געטראָפֿן שטיין אַ נאַקעטן אונטערן שפּריץ.

איך האָב אויך געהאַט וואָס צו דערציילן אויף דער מסיבה צו איר אַכציקסטן געבוירן-טאָג. ווײַל אויך צו מיר איז זי איין מאָל, אין אַ ווינטער-נאַכט, אין אַ גאָס-רעגן, געקומען אַרויסדרייען אַ ברענענדיק לעמפּל אויף מײַן וועראַנדע. דאָס קנעפּל האָט נישט געאַרבעט, האָט זי זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ בענקל און אַרויסגעצויגן, פֿון די אַן אַ שיעור קליידער, אין וועלכע זי איז געווען אײַנגעהילט, אַן אַנטבלויזטע האַנט.

זי קען נישט אײַנשלאָפֿן האָט זי מיר געזאָגט, אויב עס דאַכט זיך איר אויס טאָמער לײַכט זיך ערגעץ אַ לעמפּל אויף הפֿקר.

זי איז אויך געקומען צו מיר, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין גבת, נאָכקוקן וואָס איך פֿאַרמאָג און וואָס עס פֿעלט מיר. זי איז געווען דעמאָלט די פֿאַרוואַלטערין פֿון קליידער-מאַגאַזין און זי האָט זיך זייער דערשראָקן ווען איך האָב אויפֿגעעפֿנט פֿאַר איר אַ וואַליזע מיט דרײַ הונדערט פּאָר זאָקן, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך פֿון אויסטראַליע. זי האָט דעמאָלט געבעטן מע זאָל קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן, ווײַל טאָמער וועט די ידיעה זיך צעגיין וועט ווערן אַן אַנגעלויף בײַ איר אין מאַגאַזין. מען וועט קומען כאַפּן צי מען דאַרף צי מען דאַרף נישט. איר אַליין האָט דעמאָלט אָפּגענומען דאָס לשון קוקנדיק אויף דער אָפֿענער וואַליזע און זי האָט געוואָלט וויסן נאָך וואָס דאַרף איין פּאַרפֿאָלק אַזוי פֿיל זאָקן. האָב איך איר דערציילט ווי אַזוי מען האָט רחמנות געהאַט אויף מיר אין מעלבורן, ווען מען האָט זיך דערוווּסט אַז איך נעם ווײַב און קינד, פֿאַרלאָז אַ לאַנד

פֿון זעט און שלום, און פֿאַר זיך באַזעצן אין ישראל, אַ לאַנד פֿון הונגער און מלחמות. האָט אַ חבר, אַ זאָקן-פֿאַבריקאַנט, מיר געגעבן דעם קאַסטן אַ מתנה און געזאָגט: ס׳וועט נישט זײַן קיין ברויט זאָלן כאָטש זײַן זאָקן.

מלכה ל. האָט אָפּגעהיטן דעם סוד ביז זי איז געוואָרן אויס פֿאַרוואַלטערין און ווען מען האָט נאָך דעם געעפֿנט דעם קאַסטן, איז שוין געווען די מאָדע פֿון ניילאָן, און קיינער האָט די זאָקן נישט באַדאַרפֿט. מען האָט געהאַט פֿאַר איר צונעמען: מרשעת. שלאַק. מכשפֿה. אָבער דער אַלטער רפֿתן האָט אויסגערעכנט אויף דער מסיבה אַ סך שבחים. אַ דאַנק מלכה ל., האָט ער געזאָגט, האָט מען נישט אויפֿגעהאַנגען קיין שלעסער אין קיך. ס׳איז געווען אין די ערשטע יאָרן, ווען קיין וועגן זענען נישט געווען, האָט מען אָפּגעהיטן אין קיך פֿלעשער ביר, טאָמער מאַכט זיך אַ שמחה זאָל זײַן מיט וואָס צו מאַכן אַ לחיים. אָבער ס׳האָט אָפּט געטראָפֿן אַז מען האָט אויסגעטרונקען דאָס ביר פֿאַר דער צײַט. האָט מען אָנגעקלעפּט קוויטלעך אַז מען טאָר נישט טאָן אַזאַ זאַך אָבער געהאָלפֿן האָט עס נישט. ס׳האָט אויך נישט געהאָלפֿן ווען מען האָט אָנגעשריבן אויף די פֿלעשער אַז עס איז נישט קיין ביר נאָר אַ רפֿואה. סם, האָט מען אָנגעשריבן און מען האָט אויך דעם סם אויסגעטרונקען. ערשט ווען מען האָט אָנגעקלעפּט קוויטלעך אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן אַז די פֿלעשער געהערן צו מלכה ל., האָט קיינער זיך צו דעם נישט צוגערירט. אַניט וואָלט מען באַדאַרפֿט אָנהענגען שלעסער, האָט דער רפֿתן געזאָגט, אָבער אַ דאַנק מלכה ל. איז דער קיבוצישער פּרינציפּ נישט געבראָכן געוואָרן און די קיך איז פֿאַרבליבן יאָרן לאַנג אָפֿן.

# פליגן

מיט אַ צעבראָכענעם פּלומפּ בין איך געפֿאָרן פֿון גבת קיין קרית־טבעון, באַשפּריצן פֿרוכט־ביימער אין הויף פֿון מײַן נײַער דירה. אַ שכן, דורכן פֿענצטער, האָט באַמערקט ווי איך מאַטער זיך אין דער היץ, פּאָמפּע אָן די לופֿט, שטרעק אויס דעם שפּריצער, דריק דאָס הענטל און ס׳באַווײַזט זיך נישט קיין טראָפּן, איז ער אַרויסגעקומען העלפֿן. אויך בײַ אים איז עס נישט געגאַנגען, האָט ער אויפֿגעעפֿנט דאָס דעקל און זעענדיק אַז אינע־ווייניק איז די מאַשינעריע פֿאַרפֿוילט, האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און געשאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויערן אויף דער שברי־כלי און אויך אויף מיר וואָס איך האָב זיך געשלעפּט מיט אַזאַ אָפּגעפֿאָרן אַלטוואַרג איבער צוויי אויטאָבוסן אין אַזאַ הייסן טאָג.

״ווער האָט דיך דאָרטן אין קיבוץ אָפּגענאַרט?״ האָט ער געפֿרעגט.

איך אַליין האָב זיך אויך געפֿרעגט דאָס זעלבע. מען האָט געקוקט אויף מיר קרומלעך וואָס איך פֿאַרלאָז דעם ישוב אָבער ס׳איז מיר נישט אײַנ־געפֿאַלן אַז אויך דער חצרן, דער אויפֿזעער איבער די כלים, וועט מיר אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל. און ער איז דווקא געווען פֿרײַנדלעך מיט מיר. איך אַליין האָב אויך אָפּגעשאַצט זײַן מיטל צו פֿאַנגען פֿליגן. זינט ער האָט גענומען דעם ענין אין זײַנע הענט אַרײַן האָט קיין פֿליג זיך נישט אָנגעזען אין די שטיבער.

איך האָב דערקלערט דעם חצרן אין וואָס עס גייט. אַז איך האָב באַקומען די דירה פֿאַר אַ קליינעם אָפּצאָל בתנאי איך זאָל זיך מטפּל זײַן מיט די ביימער, און ער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיטן מאַשינדל. ער האָט מיר געגעבן דעם צעבראָכענעם שפּריצער מיט אַ ליכטיק פּנים.

דער שכן אין טבעון האָט איבערגעחזרט מײַנע לעצטע ווערטער און נאָך אַלץ געשאָקלט זײַן קאָפּ. ער האָט מיר נאָך דעם געבאָרגט זײַן אייגענעם פּלומפּ צו טאָן די אַרבעט און לויט זײַן שכל נאָך וואָלט געווען די גלײַכסטע זאַך, איך זאָל, ווען איך וועל צוריקקומען קיין גבת, אָנשפּייען דעם חצרן אין זײַן ליכטיקן פּנים אַרײַן.

דאָס איז אויך געווען מײַן כוונה. און איך וועל אויך מער נישט אויסהערן

זײַנע באַרימערײַען וועגן פֿליגן. נישט איין מאָל האָט ער אין מײַנע אויגן באַשטעטיקט אַז איך בין דער איינציקער אין קיבוץ וואָס ווייסט ווי אָפּ־צושאַצן זײַן המצאה וועגן פֿאַנגען פֿליגן. ער איז געזעסן אויף זײַן וועראַנדע ווען איך בין אָנגעקומען, האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל וווּ אָוועקצושטעלן דעם פּלומפּ און זיך נאָכגעפֿרעגט צי ס׳האָט געאַרבעט. איך האָב אָוועקגעשטעלט די כלי לעבן אים כדי פֿון דער נאָענט אים אָנשפּייען אין פּנים.

״גוט״. האָב איך געהערט ווי איך ענטפֿער. און באַלד האָב איך צוגעגעבן אַז דער פּלומפּ האָט געאַרבעט זייער גוט.

ער האָט זיך אײַנגעבויגן, אויפֿגעעפֿנט דאָס דעקל, אַרײַנגעקוקט און ווען ער האָט זיך צוריק אויסגעגלײַכט איז אויף זײַן שטערן אויפֿגעגאַנגען אַ פֿרעג־צייכן. געפֿרעגט האָט ער גאָרנישט. אויך שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אין חדר־האוכל האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּנים אויף צו פֿרעגן און געשוויגן. אַזוי איז עס געווען אַ סך מאָל ביז איך האָב פֿאַרלאָזט דעם קיבוץ.

מיר האָבן זיך נישט געזען אַרום צוואַנציק יאָר און ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געקומען קיין גבת, האָב איך אים געטראָפֿן שטיין לעבן אַ פּאַסטקע מיט געפֿאַנגענע פֿליגן, טויטע און לעבעדיק. איך האָב זיך גאָרנישט געענדערט דורך דער צײַט, האָט ער מיר געזאָגט, און ער אַליין איז אין מײַנע אויגן אויך פֿאַרבליבן דער זעלבער. ער האָט געקוקט אויף דער פּאַסטקע, גערימט זײַן המצאה, מיר דערקלערט צום ווײַפֿלטן מאָל פֿאַרוואָס פֿליגן, נאָכן טועם זײַן געבראָטענע פּופּקעלער, פֿליען אַרויף־צו אין דער הייך, און באַלד האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּנים צום פֿרעגן. אַ סך יאָרן האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן, האָט ער מיט געזאָגט, און איצט איז געקומען די צייט. ער האָט אויסגערופֿן מײַן נאָמען און ציטירט דעם פּסוק פֿון קהלת וועגן ׳יתרון לאדם׳. אָנווייזנדיק אויף די געפֿאַנגענע פֿליגן אין דער פּאַסטקע האָט ער צענומען די הענט און פֿאַרענדיקט דעם פּסוק מיט די ווערטער:

״בכל עמלו — וואָס דער מענטש טוט זיך מיען אונטער דער זון?״

# אַ רייזע איבער אייראָפּע

פּסח-צײַט האָב איך געמאַכט אַ שפּאַציר אין עמק-יזרעאל. געפֿאָרן אַ קוק טאָן אויף די מקומות וווּ איך האָב אַ מאָל געלעבט. נצרת-עלית. קרית-טבעון. אין קיבוץ גבת האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף מענטשן וואָס האָבן געדענקט אַז מיט יאָרן צוריק בין איך געווען דאָרט אַ פּאַסטעך פֿון שעפּסן. איינער פֿון זיי, נחמן ראָזען, האָט אַפֿילו אָנגעגעבן פּרטים. מיר זענען געווען שכנים אַ שטיקל צײַט, איז פֿון יענער תקופֿה, האָט ער מיר געזאָגט, ביזן הײַנטיקן טאָג, ווען ער זעט שטיין ערגעץ אויף אַ גאַניק, אונטער אַ פֿאַרמאַכטע טיר, אַ פּאָר גומענע שטיוול, און ס'טראָגט זיך פֿון זיי דער שאַרפֿער ריח פֿון שעפּסנמיסט — דאָרט ליג איך אים אין זכרון.

מיר האָבן זיך ביידע צונויפֿגעשמועסט אויפֿן בענקל, קעגן איבער דעם חדר-האוכל. אַ בעל-גופֿיקער, מיט שווערע אַקסלען און אַ מאַסיוון קאָפּ, האָט ער געוואַרט אויף אָוונט-ברויט. דערווײַל האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ ספּעציעלן פּאַפּיראָס פֿון חוץ-לארץ. ער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פֿון אַ רײַזע. פֿערציק יאָר נאָך אַנאַנד איז ער נישט אַרויס פֿון גבת און מיט אַ מאָל האָט מען אים מודיע געווען, אַז עס איז געקומען זײַן ריי צו מאַכן אַן אויספֿלוג איבערן ים און מען האָט אים געגעבן אַ טאָפּעלן בילעט פֿאַר צוויי מענטשן קיין אייראָפּע.

אין אָנהייב האָט ער זיך געקווענקלט. וואָס עפּעס פּלוצלינג? ער וועט זיך אַרויסלאָזן אין דער וועלט איינער אַליין? ער איז דאָך אַ געגטער. זיך געגעט מיטן ווײַב מיט צענדליקער יאָרן צוריק. צום סוף האָט ער גענומען זײַן בכור און מען איז געפֿאָרן.

"איז ווי זשע טאַקע איז געווען דאָרטן אין לאָנדאָן?" האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.

ער האָט מיר נישט געענטפֿערט אַזוי גיך. ער האָט אויסגעזען צו זײַן פֿאַרטאָן אין זכרונות, אָדער ער האָט געזוכט אַ מחשבה. אין דער אמתן אָבער האָט ער נאָכגעקוקט זײַן אָפּגעגט ווײַב, וועלכע איז אונדז אין אָט די רגעס פֿאַרבײַגעגאַנגען. זי איז אָנגעקומען פֿון לינקס, פֿון דאָרט וווּ די וווינהײַזער האָבן זיך געפֿונען, זי איז פֿאַרביי דעם פּלאַץ לעבן חדר-האוכל,

און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום כל-בו-געשעפֿט פֿון קיבוץ. זי איז געגאַנגען מיט אַ געשטעל, איר בליק פֿאָרויס, און זיך געמאַכט ווי זי וואָלט אונדז אין גאַנצן נישט באַמערקט. אָבער נחמן ראָזען האָט איר נאָכגעשיקט אַ לענגערן בליק, ווי זײַן אויג וואָלט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איר פּלייצע און ער האָט אָפּגעשאַצט איר גאַנג. צום סוף האָט ער אָפּגעשאָקלט דאָס אַש פֿון פּאַפּיראָס און אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז:

"זי טראָגט שוין ווידער דאָס גרינע קליידל?"

ער האָט אָנגעהאַלטן זײַן בליק אויף דער טיר פֿון געשעפֿט דורך וועלכער זײַן גרושה איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. נאָך דעם האָט ער אומגעקערט זײַן שווערן קאָפּ צו מיר. ער האָט עס געטאָן זייער פּאַמעלעך, אין אַ האַלבער ראָד, ווי אַ שווערע שיף וואָס טוישט אין איר ים איר ריכטונג, און ווען ער האָט מיך אָנגעקוקט האָט ער זיך דערמאָנט אין אונדזער שמועס און איבער-געחזרט מײַן פֿראַגע:

"לאָנדאָן?" האָט ער איבערגעפֿרעגט, "דרעק", האָט ער געענטפֿערט.

ס'האָט מיך געוווּנדערט. ווײַל פֿון דער רשימה וואָס דער זון האָט אָפּ-געדרוקט אין קיבוצישן וואָכנבלעטל, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז זיי האָבן געהאַט זייער אַ גראָטענע רײַזע איבער איראָפּע. און דער עיקר לאָנדאָן. וואָס האָט מען דאָרט נישט געגעסן?

"נישט צום באַשרײַבן", האָט דער זון געשריבן.

און אויך אין די אַנדערע שטעט פֿון איראָפּע זענען די טישן געווען געגרייט כיד-המלך. פּאַריז. מאַדריד. סטייקן און האַמבורגערס. און רוים — דאָרט איז מען שיעור נישט צעזעצט געוואָרן עסנדיק. איך האָב ציטירט פֿון זכרון נאָך אַ מאכל וואָס דער זון האָט אויסגערעכנט אין זײַן רשימה. נחמן ראָזען האָט זיך אײַנגעהערט מיט געדולד און אַזאַ מין גוטהאַרציקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זײַנע ליפּן.

"אָבער איך", האָט ער געזאָגט, "דאַרפֿסט דאָס געדענקען, יאָסל, שוין יאָרן ווי איך בין דאָך אויף דיעטע".

# אויפֿן וועג צו די קי-שטאַלן

איך בין געפֿאָרן פֿון ירושלים קיין גבת זיך זען מיט אַ חבר וואָס איז אַרויס פֿון שפּיטאָל. ער איז געווען אַ רפֿתן אַלע יאָרן, געמאָלקן קי, און דאָרטן טאַקע, אין די קי-שטאַלן האָבן מיר זיך געטראָפֿן צום ערשטן מאָל ווען איך בין געקומען לעבן אין קיבוץ. ער האָט געשריגן אויף אַ קו און דאָס האָט באַדאַרפֿט זײַן אַ סימן אַז ער וויל זיך באַקענען מיט מיר:

„פשא-קרעוו!" האָט ער געשריגן אויף אַ רויטער קו.

איך האָב זיך נישט אָפּגערופֿן אויף דער קללה אין פּויליש. כ'בין געשטאַנען נישט ווײַט פֿון אים. ער, אינעווייניק, אין דער געמויערטער שטאָל, און איך, אונטערן בלעכענעם אָפּדאַך פֿונעם אָפֿענעם הייפֿל וואָס האָט זיך געצויגן לענג-אויס דער שטאָל, אַהין האָט מען מיך געשיקט אַרויסנעמען דאָס מיסט. מען האָט געעפֿנט ביידע טויערן פֿון הייפֿל, אַרויס-געטריבן די קי, אַרײַנגעפֿירט אַ פּלאַטפֿאָרמע, אַרײַנגעשטעקט אַ ווידלע אין מײַן האַנט און מיר געגעבן צו וויסן אַז איך האָב אַ חודש צײַט רײַן צו מאַכן דעם פּלאַץ. איך האָב אַרײַנגעגראָבן אין מיסט די ציין פֿון דער ווידלע, אַרויפֿגעשטעלט אויף דעם אַ פֿוס און זיך פֿאַרטראַכט וועגן דער לענג פֿון אַ חודש. ס'האָט מיר אויסגעזען אַז דאָס מיסט אין הויף האָט זיך געצויגן אַ סך לענגער. דעמאָלט האָב איך געזען ווי דער רפֿתן האָט אַ פּאַטש געטאָן אַ בהמה מיט אַ גרויסן אייטער און געורפֿן אין מײַן זײַט אַרײַן:

„דזשייזוס קרײַסט!"

דאָס איז געווען נאָך אַ סימן אַז דאָס וויל ער מיר עפּעס זאָגן. אַז ער וויל מיך אַרויסהעלפֿן מיט עפּעס, אָבער איך האָב זיך ווידער נישט געמאַכט ווויסנדיק. ס'האָט מיך אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך צו הערן אַז מען רופֿט אַ בהמה מיט אַזאַ נאָמען. נאָך אין אויסטראַליע, האָב איך שוין געהאַט געלייענט ערגעץ ווו אַז אין קיבוצים איז מען זיך נוהג אָנצורופֿן בהמות מיט ווײַבערשע נעמען: ציפּקע,ביילקע, שושנה. טאָ פֿאַרוואָס נישט אָנרופֿן אַ בהמה אויך מיט אַ מענערשן נאָמען?

און אַזוי אַ פֿאַרטראַכטער, מיט דער ווידלע פֿאַרשטעקט אין מיסט, האָב איך געזען ווי דער קליינער, קיילאַכדיקער רפֿתן, מיט די צעפּלאָסענע האָר

אַרום די ראַנדן פֿון זײַן פליך, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען ענלער אויף אַ בילד פֿון בן-גוריונען, איז אַרײַן אונטערן אָפּדאַך, צוריק אַרײַנגעטריבן די קי, פֿאַרמאַכט בײדע טויערן, צוגענומען בײַ מיר די ווידלע, נאָך אײדער איך האָב באַוויזן אַרויפֿלײגן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע אַ קופּקעלע מיסט, און געזאָגט אַז עס איז שוין צײַט צו גײן אין חדר-האוכל טרינקען טײ און פֿאַרבײַסן ברויט באַשמירט מיט פּאָווידלע.

אויף צו מאָרגנס האָט ער מיר שוין געלערנט מעלקן קי. מיר האָבן דאָס געטאָן צוויי מאָל אין מעת-לעת. בײַטאָג פֿלעגט ער קומען אין צײַט. בײַנאַכט פֿלעג איך וואַרטן אויף אים.

כ׳פֿלעג וואַרטן אויף אים לעבן דער לעצטער קי-שטאַל אין די שפּעטע שעהען פֿון די נעכט. אין דער אַרומיקער פֿינצטערניש האָב איך אָנגעהאַנגען מײַן בליק אויף די עטלעכע לעמפּלער, וואָס האָבן אָנגעוואָרפֿן אַרום זיך אַ שיטער ליכט; פֿיר בלײַכע פֿלעקן אויפֿן אינעווייניקסטן וועג פֿון די הײַזער ביז צו די שטאַלן. איך האָב געקוקט אויפֿן וועג ס׳זאָל זיך עפּעס אַ ריר טאָן, אַ סימן אַז ער קומט. דער ערשטער סימן איז געווען ווען איך האָב באַמערקט ווען אַרײַן אין שוואַכן ליכט פֿון חדר-האוכל און גײענדיק האָט ער אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דאָס העמד. ער איז נעלם געוואָרן אין דער פֿינצטערניש און ווען ער האָט זיך ווידער באַוויזן אינעם צווייטן ליכט-פֿלעק, לעבן די הינער שטײַגן, האָט ער אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דאָס לײַבל. לעבן די פֿערד איז ער אַרויס פֿון די הויזן און אינעם ליכט פֿון דעם שפּײַכלער האָט ער אויסגעטאָן די גאַטקעס. ווען איך האָב געזען אַ נאַקעטן מענטש אַרײַנקומען אין דער דריטער שטאַל האָב איך שוין געוווסט אַז מײַן חבר אברם גודמאַן איז געקומען מעלקן די קי.

# נישט מאַרקסיזם

מען האָט מיר געוואָרנט וועגן נידעריקן פּענצטער, אַז פּרעמדע אויף דער גאַס וועלן אַרײַנקוקן אין שטוב אַרײַן. איך אַליין פּלעג אויך אַ מאָל כאַפּן אַ קוק אין אַ פּרעמדן פּענצטער. איך געדענק דעם פּענצטער אין גבת. איך בין געווען דעמאָלט שומר-לילה און אַרומגעגאַנגען אין דער פֿינצטער צווישן די נידעריקע הײַזער אין קיבוץ. מיט אַ מאָל האָט אַ לײַכט געטאָן פֿון דער נאָענט אַ פּענצטער פֿאַר די אויגן און איך האָב געזען אַ פֿרוי אין אַ ווינטערדיק נאַכטהעמד אַראָפּגיין פֿון בעט. זי האָט געעפֿנט אַ טירל פֿון אַן אַלמער, אַרויסגעשטעקט די צונג, אַרויפֿגעלייגט אַ ווײַסע פּיל, וואָס זי האָט אַרויסגעשאָקלט פֿון אַ פֿלעשל, און אויך דאָס וואַסער אין גלאָז האָט זיך מיטגעטרייסלט מיט איר האַנט.

זי איז געווען פֿון די ערשטע חלוצים וואָס האָבן אויפֿגעבויט דעם קיבוץ. יאָרן-לאַנג האָט זי צוליב עפּעס אַ מחלה געגעסן דיעטע אין חדר-האוכל, און איך געדענק אַ צײַט ווען איך פּלעג איר דערלאַנגען יעדן טאָג דאָס עסן. איין מאָל האָב איך זיך אונטערגעהערט ווי זי האָט זיך באַקלאָגט אויף מיר פֿאַר אַ שכן לעבן טיש, אַז איך פֿאַרשאַף איר צער און עגמת-נפֿש. ס'איז איר נישט געפֿעלן געוואָרן דאָס געפּרעגלטע איי. פֿאַרוואָס זאָל עס נישט זײַן שיין אויך פֿאַרן אויג? קיילאַכדיק. אָן אַ פֿאַלד. אָן אַ קריץ. פֿון דעם טאָג ווען איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרטיילן דיעטע אין חדר-האוכל האָט דאָס געפּרעגלטע איי וואָס איך פּלעג איר דערלאַנגען, אַן איי מיט שניטן און פֿאַלדן, אָפּגענומען בײַ איר דעם אַפּעטיט אויך צו די איבעריקע מאכלים אויפֿן טיש. ס'איז דאָך פֿאַראַן עפּעס אַזאַ זאַך ווי עסטעטישקייט. דערפֿאַר האָט זי שוין אַ רעד געטאָן מיט וועמען מען דאַרף, מען זאָל מיך אַרויסנעמען פֿון חדר-האוכל. מען זאָל מיך פֿריער אויסלערנען עפּעס אַן איידלקייט, איידער מען גיט מיר טאָן אַזאַ אַרבעט ווי פֿאַרטיילן דיעטע. מע האָט מיך טאַקע געשיקט אין קיבוצישן סעמינאַר זיך לערנען אַ האַלב יאָר ליטעראַטור און מאַרקסיזם. דאָס צווייטע האָב איך נישט געוואָלט לערנען, האָט מען מיר געזאָגט אַז אויב נישט דאָס צווייטע — איז אויך נישט דאָס ערשטע. אָן מאַרקסיזם איז נישטאָ קיין ליטעראַטור.

נישט ?

נישט.

האָב איך צוריק איינגעפּאַקט מיינע זאַכן, זיך געזעגנט און צוריקגעקומען קיין גבת. האָט מען מיר געהייסן זיין אַ וואָך צייט אַ וועכטער אין דער נאַכט. האָב איך איינער פון די נעכט דערזען איר אויפגעלויכטענעם פענצטער פאַר די אויגן. זי האָט אויסגעזען אַנדערש ווי ביי טאָג אין חדר-האוכל. ביים עסן האָט זיך נישט אָנגעזען אויף איר קיין ווייסע האָר. אויך נישט קיין קנייטש אויף אירע בגדים. נישט קיין פלעק. אין דער נאַכט, דורכן פענצטער, זענען אירע האָר געווען צעשויבערט און גרוי, דאָס נאַכטהעמד צעקנייטשט, מיטן זוים פון הינטן פאַרוויקלט אַרויף-צו. און די פיל — ווי אַ ווייסער פלעק אויף איר צונג.

ווען מען האָט מיך נאָך דער וואָך פון שמירה, צוריקגעשיקט אין חדר-האוכל פאַרטיילן דיעטע איז שוין דאָס געפּרעגלטע איי וואָס איך האָב איר דערלאַנגט געווען אַ שענקייט פאַרן אויג. אויס קריצן. אויס פאַלדן.

און דעמאָלט האָב איך זיך אונטערגעהערט וואָס זי האָט געזאָגט, אַנ-ווייזנדיק אויף מיר מיט אַ באַהאַלטענעם פינגער: אַז איך בין געווען אַ רשע-מרושע, אַ געמיינקייט. אָפּגענומען פון איר דעם לעצטן חשק איבער-צוטרעטן די שוועל פון חדר-האוכל. האָט זי געפּועלט און מע האָט מיך אַוועקגעשיקט אין אַ סעמינאַר. אָפּגעווען דאָרטן נישט מער ווי אַ וואָך און צוריקגעקומען גאָר אַן אַנדער מענטש. נישט אויף צו דערקענען. ווי שיין איז איצט איטלעכן טאָג, אַ דאַנק ליטעראַטור און מאַרקסיזם, דאָס געפּרעגלטע איי.

און איצט, אַז אַ פרעמדער אויף דער גאַס וואַרפט אַ בליק צו מיר אין שטוב אַריין, שטעלט זיך פאַר מיינע אויגן דער אויפגעלויכטענער פענצטער אין אַ ווינטערנאַכט.

# שטילע שעהען

פֿון די יאָרן ווען איך בין געווען אַ פּאַסטעך פֿון שעפּסן זענען פֿאַרבליבן אין מײַן זכרון שטילע בילדער. צוויי שוואַרצע שלאַנגען ליבן זיך שטייענ־דיק, פֿאַרוויקלט איינער אַרום אַנדערן. אַ מעלקעדיקע לאַם פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ אויף הינטן און זויגט מילך פֿון אירע אייגענע גרויסע אײַטערס. אַ דראָבנע קײַלעכל וואָל, פֿאַרטשעפּעט אויף אַ שפּיץ פֿון אַ דאָרן, באַוועגט זיך קוים אין לײַכטן ווינט. מײַן נײַגעריקער אייזל האָט זיך דערנענטערט מיט חשד צום קײַלעכל און עס אַראָפּגעשלונגען. דאָס זענען געווען די לעצטע צויטן פֿון אַ לאַם וואָס האָט געגנבעט בײַ אים ברויט. די לאַם האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס און אַרויסגעצויגן אַ מוציא פֿון דער טאָרבע אויף זײַן רוקן. ס׳איז געשען ווען דער אייזל איז געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערט און איך בין געלעגן אין זײַן שאָטן.

אין די הייסע שעהען פֿון די שפּעטע זומערטעג האָב איך תמיד אַרומ־געזוכט אַ שאָטן אויפֿן פֿעלד. די שעפּסן האָבן אים געפֿונען קעפּ צווישן פֿיס, און דער איינציקער פֿרײַער שאָטן פֿאַר מײַנע אויגן איז געווען דער טונקעלער פֿלעק אונטערן בויך פֿון אייזל, וואָס האָט געהיפּערט איבער דער געלער אָפּגעשניטענער תבואה. אַלע מײַנע פֿאַרטלען אָפּצושטעלן דעם טונקעלן פֿלעק האָבן נישט געטויגט.

אין איינעם אַ טאָג, ווען איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד עסן און דער אייזל לעבן מיר האָט מיטן קאָפּ מיך געטאַרקעט אין אַקסל אַרײַן, איך זאָל אים געבן זײַנס, האָב איך אים געגעבן מײַנס. ווײַסן קעז באַפֿלעקט מיט ברוינע ווײַנטרויבן. ווען ער האָט פֿאַרזוכט דעם מאכל איז געקומען איבער אים אַן ענדערונג. אַזוי האָט ער נישט אײַנגערוט. זיך געקאַפּעט אין בויך, זיך געשמיסן מיטן וויידל, געפֿאָכעט מיט די אויערן, געבלאָזן מיט דער נאָז, און דאָס אַלץ כדי צו פֿאַרטרייבן פֿון זיך די זלידנע פֿליגן. נאָכן פֿאַרזוכן דעם מאכל איז ער געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט און פֿאַרהאַקט זיינע פֿירקאַנטיקע ציין איבערן שפּיץ פֿון זײַן צונג, וואָס האָט זיך אָנגעזען אין דרויסן ווי אַ שנירל, דין און רויט.

געזען אַז ער איז טיף אַרײַן אין אַ פֿאַרטויבטן טימטום, האָב איך קיין

סך נישט געטראַכט, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אינעם טונקעלן פֿלעק אונטער זײַן בויך.

וואָס אַרום מיר האָט זיך געטאָן האָב איך געזען לויט זײַנע אויערן וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן ווען גאָר אין דער ווײַטנס האָט זיך באַוויזן אַ טראַקטאָר די גרייס פֿון אַ פּינטל. וואָס נעענטער ער איז געקומען, אַלץ העכער זענען געוואָרן די אויערן. זיי זענען געווען שטײַף און אָנגעשפּיצט, ווען דער טראַקטאָר איז אונדז פֿאַרבײַגעפֿאָרן, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן און צוריק אַראָפּגעהאָנגען לויז און פֿאַרשמאַכט, ווען דער טראַקטאָר איז ווידער געוואָרן אַ פּינטל אין ווײַטן האָריזאָנט.

אָבער די לאָם האָט אין אָט די רגעס זיך דערנעענטערט צום אייזל מיט אַזעלכע שטילע טריט, וואָס זענען גאָרנישט פֿאַרצייכנט געוואָרן אויף זײַנע אויערן. ערשט נאָך דעם ווי זי האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון דער טאָרבע אויף זײַן רוקן אַ מוציא ברויט, האָט ער אויפֿגעצאַפּלט, געטאָן אַ שפּרונג, זיך נאָכגעיאָגט נאָך איר און פֿאַרשטאָכן זײַנע ברייטע ציין אין איר ברייטן, פֿעטן ווײדל. די לאָם האָט זיך געריסן, דער אייזל האָט נישט אָפּגעלאָזט און אַזוי האָבן זיי זיך געדרייט אַרום זיך אַליין ווי אויף אַ בינע, אַרום-גערינגלט פֿון דער גאַנצער סטאַדע.

דעם זעלבן טאָג איז שוין די לאָם נישט אַהיימגעקומען צוזאַמען מיט אַלע שעפּסן. און ווען איך בין פֿאַרנאַכט צוריקגעקומען אין פֿעלד אַרײַן מיט אַ וואָגן זי אַהיימצוברענגען, איז שוין נישט געווען כדאי, אַ חוץ אפֿשר דאָס אײַזנדל מיטן נומער אויף איר אויער.

איך האָב אַוועקגעיאָגט די דרײַ שאַקאַלן וואָס האָבן געפּראַוועט אַ סעודה, און אַוועקגעשלעפּט וואָס פֿון דער לאָם איז פֿאַרבליבן אויף אַ פּלאַץ צווישן געדיכטע דערנער, לעבן זאַמדיקן זומערוועג.

אויף צו מאָרגנס, ווען די סטאַדע האָט זיך דערנעענטערט צום דאָזיקן פּלאַץ, זענען די שעפּסן אַראָפּ פֿון שטעגל, און אין אַ האַלבראָד פֿאַרבײַ-געגאַנגען, מיט זייערע קעפּ געווענדט אין דער ריכטונג פֿון וואַנען ס'האָט געשלאָגן דער ריח פֿון טויט.

יעדן פֿרימאָרגן, אויפֿן זעלבן אָרט, דער זעלבער פּאַראַד, ביז עס איז פֿאַרבליבן פֿון דער לאָם נישט מער ווי עטלעכע צויטן וואָל אויפֿן שאַרפֿן שפּיץ פֿון אויסגעטריקנטן דאָרן. צו אָט דעם דאָרן האָט דער אייזל זיך דערנעענטערט מיט חשד, אָנגעריבן אין אים זײַן נאָז, אויפֿגעעפֿנט אַ מויל

ברייט ווי אַ פֿערדישע פּאָדקעווע, און איַינגעשלונגעןביידע מיט אַ מאָל: דעם דאָרן און די וואָל.

ווען ס'איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער לעצטער איבערבלײַב פֿון דער לאַם איז אויך נעלם געוואָרן דער ריח פֿון טויט, מיט אים, דער פּאַראַד פֿון די שעפּסן אין האַלבן קרײַז, און ווען די רעגנס זענען געקומען איז אויך פֿאַרווישט געוואָרן דער זאַמדיקער וועג.



# אַ גלעקל אין דער היץ

אין מיטן פֿעלד האָט דער פּאַסטעך אַרויסגעכאַפּט פֿון מײַנע הענט דאָס ביכל וואָס איך האָב געלייענט, אַ מיש געטאָן די בלעטער און אויסגערופֿן פֿאַרקרומענדיק זײַן נאָז:

"יידיש?"

ס'איז געווען אין די פּופּציקער יאָרן, אין עמק-יזרעאל, נישט ווײַט פֿון דערפֿל היוגב. איך בין געזעסן אויף אַ נידעריקן שטיין, דערשלאָגן פֿון דער היץ און פֿון דעם לאַנגווײַל אין דעם ביכל. דער מחבר, האָט באַשרײַבנ-דיק זײַן לעבנס-געשיכטע, דאָרט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט צוויי זיידעס און צוויי באָבעס און כדי מען זאָל נישט האָבן קיין טעות האָט ער צוגעגעבן אַז איין זיידע-באָבע פֿון טאַטנס צד און די אַנדערע פֿון דער מאַמעס צד.

פֿאַרזונקען אַזוי אין דער היץ און אין לאַנגווייל האָב איך זיך קוים אײַנגעהערט צום גלעקל אויפֿן האַלדז פֿון דער ציגעלע אין דער סטאַדע, וואָס האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל קורץ צעקלונגען. די גאַנצע סטאַדע שעפּסן זענען געשטאַנען אָפּגערוקט פֿון מיר אַ מהלך פֿון אַ פּופּציק טריט. זיי האָבן זיך צונויפֿגעשטופּט אין דער היץ פֿון פֿריען נאָכמיטאָג, קעפּ צווישן פּיס, און זייערע געלבלעכע רוקנס האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט דער געלקייט פֿון דעם איבערגעבליבענעם שטרוי אויפֿן פֿעלד. ס'האָט אויסגעזען אַרום מיר, אין דער היץ און אין דער שטילקייט, ווי אַלץ וואָלט אָפּגעשטאָרבן, און בלויז דאָס גלעקל, דער דינער דין-דון, איז געווען דער אייניציקער סימן, אַז עפּעס לעבט נאָך אויף דער וועלט.

און דעמאָלט האָט דער פּאַסטעך זיך באַוויזן לעבן מיר, ער האָט איבער-געלאָזן זײַן סטאַדע שעפּסן אין דער נאָענטער וואָדי, און ווי ער וואָלט פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער ערד, געשטאַנען לעבן מיר צוזאַמען מיט אַ ציגנבאָק מיט לאַנגע דורכגעלעכערטע אויערן. דער פּאַסטעך האָט אַרײַנגערוקט אַ טרוקענע מוציא ברויט דעם ציגנבאָק אין מויל אַרײַן, אָפּגעבראָכן אויף פּאָר זיך אַ ברעקל און קײַענדיק אַרויסגעלייענט פֿון ביכל אָט די שורות אין וועלכע דער מחבר האָט אָנגעגעבן די צאָל פֿון זײַנע

זיידעס און באָבעס. צו מישפּטן לויטן חוזק אין זײַן טאָן, איז דער פּאַסטעך געווען גרייט צערײַסן די בלעטער פֿון ביכל און דער ציגנבאָק — זיי אויפֿפּרעסן. ביידע האָבן געהאַט קרומלעכע אויגן.

איך בין אויפֿגעשפּרונגען מיט רוגז פֿון שטיין, און דעמאָלט איז נאָך אַ ביכל אַרויסגעפֿאַלן פֿון מײַן רוקזאַק. אין היץ אָדער קעלט, פֿעלד אָדער שטאָט, גאַנץ דערצאָרנט, בין איך גרייט געווען פֿאַרטיידיקן לשון-יידיש.

דער פּאַסטעך האָט אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד דאָס צווייטע אַרויס-געפֿאַלענע ביכל און זעענדיק אַז דאָס זענען קורצע מעשיות אין ענגליש האָט ער געזאָגט:

„פּע!"

איצט האָב איך שוין באַדאַרפֿט צוויי מאָל שפּרינגען, פֿאַרן כבוד פֿון יידיש און פֿאַרן כבוד פֿון דער קורצער מעשה אין ענגליש.

איך בין געשטאַנען אין דער היץ, אויפֿן שטעכלדיקן שטרוי, ביז זיי זענען ביידע צוריק פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער נאָענטער וואָדי. אָבער פֿון דעמאָלט אָן קומען זיי, פֿון צײַט צו צײַט, צוריק צו מיר. זיי ברענגען מיט זיך די היץ פֿון פֿעלד, דעם קלאַנג פֿון גלאָק, אויך די סטאַדע שעפּסן צונויפֿגעשטופּט קעפּ אונטער פֿיס, ווי אַ געבוואַליעטער טעפּעך אויפֿן צעריבענעם שטרוי. און איך שפּרינג פֿאַר זיי ביידע צו פֿאַרטיידיקן לשון-יידיש און די ענגלישע מעשיות. זיי קוקן אויף מיר מיט קרומלעכע אויגן און ס'טרעפֿט אויך אַז זיי פֿאַרבייטן זיך מיט זייערע פּנימער, דער פּאַסטעך און דער ציגנבאָק.

# דאָס אויפגעלאָפּענע אויג

איך האָב נאָך באַוויזן זיך געזעגענען מיט אים פֿאַר זײַן טויט. אין גבת האָט מען אים גערופֿן דער הויכער איסר צוליב זײַן פֿאַרנעם. אָבער וואָס איך האָב געזען שטייענדיק לעבן זײַן בעט אויף מײַן לעצטן וויזיט בײַ אים אין שטוב, איז געווען עפּעס אַן אײַנגעשרומפּן, צעקנייטשט קליין פּעקל. די קרענק פֿון וועלכער ער האָט געליטן האָט געמאַכט פֿון אים אַ תל. בלויז זײַנע ציין זענען געבליבן גרויס ווי תמיד. ווען ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן און איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין, האָט ער מיך דערקענט און מיר האָבן זיך געדריקט די הענט. ער האָט שוין געגוססט אָבער ער האָט שיעור נישט צעקוועטשט מײַנע פֿינגער אַזוי שטאַרק איז נאָך געווען זײַן דרוק.

מיט דער זעלבער האַנט האָט ער אַ מאָל געפּאַטשט אַן אָקס אין אויג אַרײַן איידער ער האָט דעם אָקס געשאָכטן.

איסר איז געווען אַ קצב אין פּוילן און ער האָט מיטגעבראַכט אין קיבוץ אַרײַן זײַנע כלים. איך האָב אים אָפּגעוואַרט לעבן טויער מקבל-פּנים זײַן ווען ער איז אָנגעקומען קײַן גבת מיט זײַן ווײַב, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז זײַנע היפֿטן. אָנגעטאָן אין אַ שינעל פֿון אַ רוסישן זעלנער, פֿאַרקנעפּלט לעבן האַלדז ביזן אויבערשטן קנעפּל, איז ער מיר געגאַנגען אַנטקעגן און זײַן שטאַרקע האַנט אָנגעלענט אויפֿן קאָפּ פֿון זײַן ווײַב.

חוהלע האָט ער זי גערופֿן.

ווען חוהלע איז איין מאָל אַרויסגעקומען פֿון קיך, וווּ זי האָט געאַרבעט, אונדז אָנזאָגן אַז אָוונט-ברויט איז שוין גרייט, און איסר און איך זענען געזעסן אויף דער באַנק לעבן חדר-האוכל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז נישט איין מאָל מאַכט זיך, אַז ער דאַרף איר אַ זוך טאָן אין בעט. ווען ס'איז אים גרינג געווען אויף דער נשמה, האָט ער אַן אַנדערש מאָל צוגעגעבן, אַז אַנדערע ווײַבער דאַרף ער נישט זוכן. זיי לאָזן זיך לײַכט געפֿונען.

דעם אָקס האָט מען געשאָכטן ווײַל ער איז שוין געווען זייער אַלט. אַ סך יאָרן פֿלעגט אים איסר פֿירן פֿון שטאַל צו שטאַל צו שפּרינגען אויף די קי. אין דעם טאָג, באַלד אין דער פֿרי, נאָך פֿרישטיק, גייענדיק צו די שעפּסן-

שטאָלן, האָב איך זיי ביידע געזען, איסרן און דעם אָקס. איסר איז גע־שטאַנען אָנגעבויגן איבערן פּאַרענטש און באַטראַכט דעם ליגנדיקן אָקס. דאָס קליינע אַרומגעצוימטע הייפל איז פֿול געווען מיט זײַן שוואַרצן גוף. ווען ער האָט אַ בלאָז געטאָן מיט די נאָזלעכער זענען זיך צעפּלויגן פּיצלעך שטרויען און ס׳איז געבליבן אַ ריינער פּלעק ערד.

ווען איסר האָט געעפֿנט דעם טויער, האָט דער אָקס זיך שווער אויפֿ־געשטעלט אויף די פֿיס. אָבער דאָס מאָל האָט אים איסר אָנגעטאָן אַ זאַק אויפֿן קאָפּ און געפֿירט אין דער פֿינצטערניש צו דער שחיטה.

איך האָב זיך פֿאַרהאַלטן לעבן אויפֿגעשטעלטן דרײַ־שטאַנג מיטן האָקן אין מיטן, אונטערן באַקסער־בוים, צו זען ווי איסר מאַכט עס. דער אַקט איז שוין געלעגן אויסגעצויגן, פֿיס און קאָפּ געבונדן, און פּלוצלינג האָט ער זיך פֿאַרט צוריק אויפֿגעשטעלט. אַן עק פֿון זאַק האָט זיך פֿאַרקאַשערט און ס׳האָט זיך אָנגעזען איין אויג. דאָס אויג אין וועלכן איסר האָט פֿריער געפּאַטשט מיט זײַן שטאַרקער האַנט ביז עס האָט פֿאַרלוירן דעם אכזריות־דיקן בליק און ס׳האָט אויסגעזען ווי דאָס ווייכע אויג פֿון אַ קו, וואַרעם און רונדיק. דאָס שוואַרצאַפּל איז געווען פֿײַכט און גלאַנציק און דאָס ווײַסל אַרום, באַשפּריצט מיט אַ העלער רויטקייט.

איסר האָט אַראָפּגערוקט דעם עק פֿון זאַק און דאָס אויג איז צוריק פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט איבערגעבונדן די פֿיס פֿון אָקס אָבער דאָס מאָל שוין אָן כעס. ער האָט גערעדט צום אָקס ווי ס׳וואָלט געווען גאָר אַן איידל באַשעפֿעניש מיט וועלכן מען דאַרף זיך באַגיין ווייך און צאַרט. איין צי און דער אָקס איז שוין ווידער געלעגן מיטן האַלדז אויסגעצויגן גרייט צום חלף. דאָס רויטע וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿון דאָרטן האָט דער־מאָנט אין אַ רײַפֿן אָנגעשפּאָלטענעם אַרבוז.

ווען איך בין פֿאַרנאַכט צוריק געגאַנגען פֿון די שעפּסן־שטאַלן האָט שוין איסר געהאַט אָפּגערייניקט זײַנע כלים. הינטער אים האָט זיך אָנגעזען דער ליידיקער האָקן אויף דעם דרײַ־שטאַנג, אונטער דעם באַקסער־בוים, און אינעם שאָטן פֿון געדיכטן בלעטער־געצווײַג, איז געלעגן די פֿעל פֿון אָקס, אײַנגעלייגט אין פֿירן, אַ פּעקל קליין און שוואַרץ.

# די פרייד אויף די פעלדער

אויפֿן וועג קיין אויסטראַליע האָב איך געזען מענטשן אויסטאַנצן דעם טאַנץ פֿון די פֿולע בייַכער. יאָרן שפּעטער, אַ פּאַסטעך אין קיבוץ גבת, האָב איך געזען שעפּסן טאַנצן די שמחה פֿון שטרוי אויפֿן פֿעלד.

די נסיעה פֿון פּוילן צו דער ווייַטער יבשה האָט זיך געצויגן אַרום זעקס חדשים איבער ימים און אינדזלען. די פֿראַנצייזישע שיף האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך און פֿאַראַנקערט אין אַלע פּאָרטן אויפֿן וועג. איין מאָל ווען איך בין אַראָפּ אויף אַן אינדזל זענען די תושבים געהאַט צוריק געקומען פֿון יאַגד און נאָך דער סעודה זענען זיי אַרויס אין אַ טאַנץ וואָס זיי האָבן אָנגערופֿן אויף ענגליש The Dance of the Full Bellies.

אין פּוילן איז מיר קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו שפּירן נאָכן עסן דעם טעם פֿון אַ פֿולן בויך. דער טאַנץ אויפֿן אינדזל איז מיר פֿאַרבליבן אין זכרון. דער טאַנץ פֿון די שעפּסן איז געווען אַ חידוש.

ס׳איז געווען סוף זומער. איך האָב פֿאַרהערט דעם קלינג פֿון זייגער און פֿאַרשלאָפֿן די צייַט. ווען איך בין אָנגעקומען צו די שעפּסן-שטאַלן איז שוין די סטאַדע געשטאַנען אין אַרומגעצוימטן הויף און געוואַרט אויף מיר. זייערע אויערן זענען געווען אָנגעשפּיצט און שטייף און די קעפּ בייַ זיי זענען געווען אונטערגעהויבן העכער ווי געוויינטלעך.

״מה יש? וואָס איז?״ האָב איך האַלב פֿאַרשלאָפֿן גערעדט צו זיך און צו זיי. אויף די פֿעלדער האָב איך זיך צוגעוווינט אַ זאָג טאָן עפּעס אַ מאָל צו אַ שעפּס אין אַ גוטער אָדער אין אַ בייזער שטימונג. אויך איצט האָב איך זיך געבייזערט אויף דער שטופּערייַ צום טויער. סך הכל האָב איך פֿאַרשפּעטיקט מיט אַ פֿערטל שעה. און אַרום און אַרום איז נאָך געווען גוט פֿינצטער. אויפֿן וועג צו די שעפּסן-שטאַלן איז מיר שווער געווען צו אונטערשיידן צווישן אַ שייער און אַ שטאַל. אויך די קי, אין די אַרום-געצוימטע הייפֿלעך, האָבן אויסגעזען ווי שוואַרצע, שווערע קופּעס. די שטערן אין הימל האָבן שוין אָנגעהויבן נעלם ווערן אָבער עס איז נאָך געווען ווייַט אַוועק צום ליכט פֿון טאָג.

די סטאַדע האָט זיך צונויפֿגעדרוקט, הונדערטער קעפּ האָבן זיך געשטופּט

צום טויער און ווען איך האָב געעפֿנט דעם רוקער, האָבן ביידע טירן זיך צעעפֿנט מיט זאַמאַך און די שעפּסן זענען אַרויס מיט אַ געלויף איבערן זאַמדיקן שטעג. ס׳האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ וואָלקן מיט שטויב וואָס האָט פֿאַרהילט די דערבײַאיקע ביימער. איך האָב זיך געאײַלט מיט דער סטאַדע, לענג-אויס דעם שליאַך, צום שטרוי אויפֿן פֿעלד. ס׳גרינס, אין דער צײַט, איז שוין פֿון לאַנג געהאַט פֿאַרטרוקנט געוואָרן. דעם ווייץ האָט מען שוין אײַנגעזאַמלט און אויך דעם גערשטן, און פֿאַרבליבן איז בלויז דאָס טרוקענע שטרוי.

"וואָס איז דאָס געאײַל?" האָב איך ווײַטער אַ זאָג געטאָן צו עטלעכע יונגע שעפּסן לעבן מיר. זיי האָבן געהויבן די הינטערשטע פּיס אין דער הייך און געטאַנצט ווי אין שיר-השירים.

און אַזוי, טאָג נאָך טאָג, אַ לאַנגן זומער — שיר-השירים צו שטרוי.

דער טאַנץ איז מיר אַריין אין זכרון און שוין דעמאָלט איז מיר אײַנגעפֿאַלן עפּעס צו טאָן וועגן דעם. איך האָב אָפּגעלייגט דעם ענין פֿון וואָך צו וואָך. פֿון חודש צו חודש. יאָרן זענען אַוועק. די שעפּסן האָט מען פֿאַרקויפֿט. איך בין געוואָרן אויס פּאַסטעך און געבליבן איז בלויז מײַן געדאַנק וואָס איז נאָך אַלץ נישט מקוים געוואָרן. אין שווערע טעג, ווען ס׳איז אומרואיק אין לאַנד און אויך דאָס געמיט איז מיט עפּעס באַטריבט, זאָג איך זיך צו אַז איך וועל ווען עס איז דעם רעיון מקיים זײַן. איך וועל סוף סוף זיך נעמען אין די הענט און זיך אַוועקלאָזן זוכן די שמחה פֿון שטרוי אויפֿן פֿעלד.